STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03193

IN BENKSHAFT NOKH A MENTSHN

L. Lasavin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. לאַסאַווין

אין בענקשאַפט נאָך אַ מענטשן

מיניאַטורן און דערציילונגען

ל. לאַסאַווין

אין בענקשאַפט נאָך אַ מענטשן

מיניאַטורן און דערציילונגען

פאַרלאַג י.ל. פּרץ ישראל

תל־אביב, תשמ״ט — 1989

L. LASAVIN

IN BENKSHAFT NOKH A MENTCHN

MINIATURES AND STORYS

©
כל הזכויות שמורות למחבר
פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, רח׳ ברנר 14
I. I. Peretz Publishing House
14 Brener St. Tel-Aviv

Printed in Israel 1989
נדפס בישראל
הודפס בדפוס „ראם", תל־אביב,
דורגרף־פ.סי.

מיין פרוי, חנהלען — אַ מתּנה

ל. לאַסאַווין — געצייכנט פון שלמה וויטקעוויץ

מיניאַטורן

די יונגע מאַמע

אויפֿן ייִדיש־קורס האָט זיך פֿאַרשריבן אַ יונגע מאַמע. זי זעט אויס אַליין כּמעט ווי אַ קינד. איר מאַן שטודירט איצט אויף אַדוואָקאַט. האָט ער זיך שוין באַצייטנס פֿאַרגרייט מיט אַן אַרסענאַל אַרגומענטן, יורידישע חקירות און פּלפּולים. היות ווי דאָס פּאָרל האָט זיך געטראָפֿן אויפֿן קעמפּוס, און דאָס סטודענטן־לעבן איז אים נאָענט און אַפֿילו אייגן, עסט מען די מאָלצייט אין דער דאָרטיקער קאַפֿעטעריאַ און מען פֿאַרברענגט דאָרטן דאָס רובֿ פֿון זייער פֿרייער צייט.

זייער ייִנגעלע איז געקומען אומגעריכט און קעגן זייער ווילן, האָט מען אָנגעשטעלט פֿאַר אים אַ אויפֿפּאַסערין. טרעפֿט אָבער, אַז די אַרבעטער־פֿרוי, וואָס האָט איינגענעם קליינוואַרג, פֿאַרשפּעטיקט זיך, ברענגט די יונגע מאַמע אין קלאַס, אין איינעם מיט די ביכער, אויך דאָס קינד.

יאָ, שיער פֿאַרגעסן! איר נאָמען איז שיינע־רחל שיינפֿעלד, און — כּשמה — כּן היא! הגם אויפֿן קעמפּוס געפֿינען זיך טויזנטער — וועט איר זי באַמערקן. פֿון דעסטוועגן איז ווערט אָפּצומאָלן — פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען צו אַ ייִדישע טאָכטער אַזוינע ליכטיק־בלויע אויגן? בלייבט אַ קשיא! ווען זיי וואָלטן ניט געווען פֿאַרצויגן מיט אַ שטילן אומעט, וואָלט טאַקע שווער געווען אָנצונעמען די יונגע מאַמע פֿאַר אַן "אונדזעריקער"... דערצו באַקליידט איר קליינעם קאָפּ אַ קאַסקאַד פֿון בלאָנדע האָר, וואָס פֿאַלט אַראָפּ אויף אירע שמאָלע אַקסלען, און אויב דער טאָג איז אַ זוניקער, שעמערירן זיי ווי פֿליסיק גאָלד...

ווען שיינע־רחל קומט אַריין אין קלאַס, שווימען אויף ביים לערער אַ סך פֿראַגן. נאָר מיט סטודענטן אין דעם עלטער פֿירט מען ניט קיין דיאַלאָגן

פון פּריוואַטן כאַראַקטער. אָבער שמועסן האָבן זיך פאַרט דערטראָגן, אַז דער "ייִדיש־קורס" איז איר מאַנס אויסוואַל, וואָרן דאָרטן געפינען זיך, — איין אַלמעכטיקער ווייסט פאַר וואָס? — אַלע תּלמידים, מיט איין אויסנאַם, פונעם ווייבלעכן מין. היות ווי שיינע־רחל וויל ניט אַנדערש ווי שטודירן, דאָס הייסט, זיין וואָס ווייט פון שטובקיך־טואונגען, איז דעריבער דאָרטן ניטאָ קיין געפאַר, אַז זיין יפת־תואר זאָל זיך פאַרפלאָנטערן אין אַ ראָמאַנס. קאָן דער מאַן רויִק שטודירן יוריספּרודענץ, די יונגע פרוי — דער באָבעס לשון, און די פרעמדע אויפּפּאַסערין קאָן פאַרדינען אַ פּאָר זייטיקער דאָלאַר.

אָבער דער האַר פון אַלע וועלטן קען ניט צוזען קיין לאַנג־דויערנדיקע שלווה און קען ניט פאַרטראָגן קיין לאַנג־צייטיקע האַרמאָניע, האָט זיך דער איינציקער בחור אינעם מיידלקלאַס גראָד פאַרקוקט אויף שיינע־רחלען (איר פאַמיליע נאָמען נעמט ער אַפילו ניט אין מויל אַריין) און דער יונגער־מאַן אויפן יורי־קורס האָט פאַרלאָרן זיין מנוחה און אַזוי אויך (צוליב אַנדערע סיבות) זיין יונגע פרוי. און אין דער אומפאַרשטענדלעכער פּאַר איר מחלוקה, ביים פּאָרל — האָט דערווייל אָנגעוווירן די שטעלע די פרעמדע אויפּפּאַסערין.

דער דיכטער און די סאַבראַ

ווען דער דיכטער און ביבליאָפיל, אשר נעלסאָן, איז אָנגעקומען אין ישראל, האָט ער, נאָך אַ טאָג־צוויי אָפּזיין אין תּל־אביב, זיך אַרויסגעלאָזן איבער די אומצייליקע בוכהאַנדלונגען, פון וועלכע ער האָט זיך אַ סך אָנגעהערט אין אַמעריקע.

ער פלעגט צו ערשט שטיין בלייבן ביי די וויטרינעם און זיך פאַרקוקן אויף די אַרויסגעשטעלטע ביכער און ספרים , אין פאַרשיידענע שפּראַכן, דאָס רוב, נאַטירלעך אין עברית. און אויב ער האָט ניט געפונען כאָטש איין בוך אויף ייִדיש, האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען, און אַריינגייענדיק אין קראָם האָט ער, נאָכן מעיין זיין די פּאָליצעס, פאַרפירט אַ שמועס מיטן מוכר־ספרימניק, אויב יענער האָט צייט און חשק געהאַט, וועגן באמת־דערעסענעם, אָבער נאָך אַלץ אַקטועלן ענין, נעמלעך — די דאָרטיקע

באַציונג צו אונדזער מאַמע־לשון, און אָפּט פאַרלאָזן דאָס געשעפט נאָך אין אַ ערגערן געמיט־צושטאַנד.

איין פרימאָרגן האָט ער זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער ביי אַ פענצטער. ער האָט דאָרטן באַמערקט אַ פּאָר יקר־המציאותן, וועלכע ער האָט געוואָלט איינהאַנדלען. די טירן זיינען געווען געשלאָסן, און ווינציק מענטשן האָבן זיך געזען אין גאַס. פּלוצעם האָט זיך ביים זעלביקן אָרט אָפּגעשטעלט אַ יונג מיידל פון אַ יאָר פופצן־זעכצן.

און אשר נעלסאָנען האָט הנאה געטאָן, וואָס נאָך עמעצער האָט זיך פאַראינטערעסירט, ווי אים האָט זיך געדאַכט, אין די זעלביקע חפצים.ביידע האָבן זיך אַ רגע שווייגנדיק אָנגעקוקט און זיך צעשמייכלט. דאָס סאַבראַ־מיידל האָט גלייך דערקענט אין אים דעם אַמעריקאַנער טוריסט. האָט זי לכתחילה געפּרוווט אַ רעד טאָן מיט אים אין עברית, און איז באַלד אַריבער אויף ענגליש. און דער יידישער דיכטער האָט אַ פרעג געטאָן מיט ספקות:

— נו, און אַ יידיש וואָרט, טאָמער, טאָכטערקע, פאַרשטייסטו?

דאָס מיידל האָט פאַרקנייטשט דעם שיינעם שטערן און געענטפערט דעם שוין וויל־באַקאַנטן ענטפער: — אַ ביסעלע... די באָבע רעדט צו מיר יידיש, ווען זי קומט אויף באַזוך...

— אַ געזונט אויף אַלע באָבעס! — האָט אויסגערופן אשר נעלסאָן מיט התלהבות. — פאַר וואָס זאָלסטו זיך טאַקע ניט צולערנען אַ קאַפּעלע מער?

— צוליב וואָס? — האָט דאָס מיידל געפרעגט אויף ענגליש — שעקספּירן לייען איך אין אָריגינאַל. און ס'האָט זיך דערהערט אין די פאָר ווערטער אַ רמז: "אויב זי קאָן דערגרייכן דעם סאַמע אָדלער אין דער הייך, למאי זיך פאַרנעמען מיט אַ שוועלבעלע אין דער נידער?" און זי האָט מיט יוגנטלעכן אייפער גענומען רעדן וועגן דעם גרויסן ענגלישן גאון, וועגן זיינע דראַמעס און סאָנעטן און זי האָט אַרויסגעוויזן, ווערדליק איר עלטער, אַ היפּש ביסל בקיאות אין זיי, און מען האָט ממש געשפּירט, אַז זי איז אַריינגעלעבט בלב־ונפש אין זיין וועלט...

און דער דיכטער האָט זי אויסגעהערט מיט גרויס ישוב־הדעת און בעת־מעשה באַוווּנדערט אין זיך איר שיין־געפורעמטן קאָפּ מיט די ווייכע קאַשטאַנען־האָר, דאָס ליכטיק איידל פנים, מיט די קלוגע אויגן. און ער

האָט ענדלער געזאָגט: — עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז שעקספּיר איז איינער פון די גאָר גרויסע גייסטער אין דער וועלט־ליטעראַטור. אָבער מיט וואָס ענדיקן זיך זיינע דראַמעס? מיט טויט, ניט אמת? אַט וועל איך דיר דערציילן, טאַכטערקע, פון אַ ייִדישן שריפטשטעלער, וואָס זיינע ווערק האָבן ניט צו טאָן מיט פּרינצן און מלכים און אַפילו ניט מיט גענעראַלן און פּאָלקסטריבונען, נייערט מיט פּשוטע, געוויינטלעכע מענטשן, וועלכע זיינען אין תּוך שוין גאָרניט געוויינטלעך און גאָרניט פּשוט אין זייער טראַכטן, אין זייער פילן. און דער עיקר — אין זייערע מעשים!

און ער דערציילט איר, אינעם ליכטיקן תּל־אביבער פרימאָרגן, פּרצעס באַקאַנטע מעשיות: „אַ דין תּורה מיטן ווינט", „זיבן גוטע יאָר", „אויב ניט נאָך העכער", און דאָס מיידל, קעגן אַלע דערוואַרטונגען, הערט זיך צו צו אים, איילט זיך ניט, און איר סענסיטיוו געזיכט, אַט ווערט עס פאַרצויגן מיט שאָטנס, און אַט לויכט עס אויף מיט אַ גליקלעכן שמייכל ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל געכאַפּט דעם טיפן רעיון פון זיינע רייד...

און ווען ער ענדיקט, פרעגט ער:

— זאָג מיר, איז עס ווערט צו לייענען פּרצן אין אָריגינאַל, אויף ייִדיש? — דאָס סאַבראַ־מיידל, איר נאָמען ווייסט ער נאָך אַלץ ניט, שאָקלט אַפירמאַטיוו מיטן קאָפּ, און ער, אויך זיין נאָמען איז געבליבן פאַרבאָרגן פאַר איר, פרעגט ווידער: — וועסט מיר געבן דיין וואָרט, אַז דו וועסט זיך אויסלערנען דאָס לשון?

— יאָ! — איז מסכּים די אומבאַקאַנטע. און „איר — רעדט זי אין זיין טאָן, גיט מיר אַ צוזאָג, אַז איר וועט נאָך אַ מאָל באַזוכן אונדזער שיין לאַנד, ישׂראל!"

און ער האָט איר געגעבן זיין וואָרט!

„דער טאַנץ אַרום דעם עגל"

ווי אין אַ גרויסערער צאָל ייִדישע משפּחות, האָט זיך אויך אין דער פאַמיליע „עקס" אַריינגעכאַפּט אַ ניט־ייִדישער גליד. דאָס איז אַוודאי

ניט קיין נייעס. דער חידוש איז, וואָס אָט די געשעעניש איז אַדורך אָן קאָנפליקטן, אָן טרערן, אָן צער... די אימיגראַנטישע עלטערן זיינען שוין דעמאָלט געווען לאַנג אויפן עולם־האמת. און ווען דאָס גרויס הויזגעזינד — זין, טעכטער, שניר, איידעמס און זייערע בני־בית, האָט זיך ביי אַ געלעגנהייט צונויפגעקליבן האָט מען נאָך לאַנגע רייד וועגן ספּאָרט, פּאָליטיק און געשעפטלעכע ענינים, זיך אויך אַריינגעלאָזן אין זכרונות וועגן דעם אַוועקגעגאַנגענעם דור. ס׳איז ניט געווען אַזוי פון נאָסטאַלגיע, ווי פון לעכצן נאָך פאַרוויילערישקייט אויפן חשבון פונעם אַלטן פאָרפאָלק און זייערס גלייכן, וועלכע האָבן נאָך אַן אָפּלעב אין אַמעריקע אַ האַלבע מאה יאָרן, נאָך אַלץ ניט געקענט איינבייסן דאָס היגע לשון, האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי די "משונהדיקע פירונגען" פון כשרות, וואָס "קיינער" ווייסט נישט צוליב וואָס מען דאַרף זיי,חוץ מסתמא דער ראַביי; און פון דעם אַלטן טאַטנס עקשנותדיק זיך קלאַמערן און דער ייִדישער צייטונג, אָפּט געקויפט פאַר די לעצטע פעניס און פון וואַנען ער האָט געשעפּט, ווי זיי האָבן געמיינט, זיין גאַנץ וויסן...

אין די אַלע שמועסן האָט זיך דער ניט־ייִדישער צד זעלטן אַריינגעמישט. ער האָט געשפּירט אויף זיך נייגעריקע בליקן. זיי האָבן געפּאַרשט זיין יעדע מינע, זיין יעדע תנועה, געוואָלט דערגיין זיין רעאַקציע. נאָר ער האָט ס׳רוב גוטמוטיק געשמייכלט אין זיין בערדל און — געשוויגן...

און ווען עמעצער האָט פּאָרט דערמאָנט עפּעס לטובת דעם איינגעוואָנדערטן ייִדישן דור און די שפּעטער אויפגעקומענע ייִדישע פירערס און וואָרטזאָגערס, וואָס אַ טייל פון זיי האָט געהאָלפן שאַפן די אינדוסטריעלע יוניאָנס און דערמיט דערמעגלעכט אַ בעסער און גרינגער לעבן פאַרן אַרבעטנדיקן מענטש אין לאַנד, איז אויסגעוואַקסן פאַרן שווייגנדיקן פאַרשוין דער הויפּט־מחותן פונעם משפּחה־קרייז, אַ יוריסט און הייזער־אונטערנעמער, און זיך פאַרענטפערט פאַר יענעמס "אומטאַקטישקייט":

— ווו נאָר אַ גוטער אויפטו מוז עס קומען פון ייִדן! — איז זיין סאַרקאַזם געווען געמישט מיט חניפה. — און ווו נאָר אַן אכזריות — האָט ער אַריינגעטייטשט אַ אייגענעם צוגאָב אינעם קרובס ווערטער — מוז עס שטאַמען פון די גויים. דאָס הייסט פון די ניט־ייִדן... — האָט ער אים אויפגעקלערט.

מר. דזשיימס מעיווד, וואָס וועגן אים גייען דאָ די רייד, האָט זיך צוגעהערט מיט הנאה און, ווי זיין שטייגער איז, געשמייכלט. און אויף אים קוקנדיק האָבן די איבעריקע אויך אַזוי געטאָן. די פרויען, וועלכע האָבן זיך געדרייט די גאַנצע צייט אַרום אים, האָבן געזוכט צו איבערשטייגן איינע די אַנדערע אין לעבנסווירדיקייט — ווער ס'האָט אים אונטערגעטראָגן אַ פריש גלעזעלע משקה און ווער אַ נאַש צו פאַרבייסן. אַנדערע האָבן אים קאָמפּלימענטירט פאַר זיין בערדעלע, עס פאַרגליכן צו בערנאַרד שאָוס, צו לעאָן טראָצקיס צו...

דער הויכער, ברייטפּלייציקער מאַנסביל האָט ניט דערווידערט. ער האָט זיך אָפּט אַראָפּגעבויגן צו זיינע פאַרערערינס, זיי געקושט, געצערטעלט, און קיינער האָט אין דעם ניט געזען קיין עוולה. אדרבא, מ'האָט עס באַטראַכט פאַר אַן אויפטו, וואָס ס'איז געלונגען אַריינצוציען דעם ניט־יידן אין דער היימישער סביבה...

צום פאַמיליע־מיטאָג האָט מען באַזעצט מר. דזשיימס מעיווד אויבנאָן ביים גרויסן, רחבותדיקן טיש, און די גרעסטע פאַרציע (אַ מזל פון אַ גוי) האָט מען אים סערווירט. און מ'האָט זיך שפּעטער נאָכגעפרעגט, ווי עס זיינען אים געפעלן געוועזן די מאכלים. און טאָמער האָט מען באַמערקט אַ שלעכטע שטימונג ביי אים, איז אַלעמען באַפאַלן אַ שוויגעניש, און שטומע בליקן האָבן געזוכט דעם שולדיקן צווישן די געסט...

דער סוד פון שפּיגל

אינעם קליינעם שטעטל, ווו איינער קאָן דעם צווייטן, איז שווער כּידוע, צו האַלטן לאַנג אַ סוד. ס'איז דאַכט זיך, ניטאָ אַ געשעעניש, וואָס מ'זאָל ניט באַמערקן און זי גלייך מיטטיילן הנאהדיק דעם שכן.

אויף דאָרט איז דאָס יונגוואַרג דורכגעגאַנגען בהדרהגהדיק אַ קאָנטיקע ענדערונג. די בחורימלעך האָבן, אין דער מערהייט פאַרוואָרפן די פריערדיקע הלבשה און מראה, געטראָגן לאַנגע האָר און בערדלעך. און ס'רוב מיידלעך — די געווירשנטע צניעות — זיך סאָפּיסטיש געקליידט, געגרויכערט. און זיך דערלויבט אפילו אַ גראָב וואָרט אין געזעלשאַפט...

די עלטערן האָבן בדרך כּלל, געקוקט צווישן די פֿינגער אויף זייער נאָכוווקס. און כּל־זמן ס'איז ניט דערגאַנגען צו עפּעס ערגערס, ניט פֿירגעהאַלטן, ניט געטאַדלט. אָבער מיט עלזאַן האָט געטראָפֿן אַ טרעף, וואָס הגם זי אַליין איז נאָך ניט געווען זיכער אין דעם, איז עס שוין געווען ביי אַ סך אויף די ליפּן. און ווען ס'האָט אויך דערגרייכט איר פֿאַרהאָוועטער מוטער, איז די אָרעמע פֿרוי אַריינגעפֿאַלן אין פֿאַרצווייפֿלונג. מרס. סמיטה איז געווען אַן אַלמנה און האָט פֿאַרדונגען צימערן פֿון איר גרויס הויז צו אָנגעפֿאָרענע סטודענטן, וועלכע האָבן שטודירט אינעם קרייז־אוניווערסיטעט, ניט ווייט פֿון שטעטל. צווישן די קוואַרטיראַנטן האָט זיך שוין געפֿונען אַ מיטליאָריקער מאַן, וואָס האָט געהאַלטן אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע אין יענער הויכשול.

די מוטער איז שנעל דורכגעלאָפֿן אין געדאַנק דאָס בינטל האָריקע און באַבערדלדיקע חברה־לייט אין איר הויז, און איז געקומען צו דער טרויעריקער מסקנא, אויב איינער פֿון זיי איז דער שולדיקער, זיינען אַלע רייד מיט אים אַרויסגעוואָרפֿן, וואָרן גיי רעד צום ווינט אין פֿעלד...

ווי איבערראַשט איז זי אָבער געוואָרן, ווען עלזאַ האָט איר, נאָך לאַנגע און פּיינלעכע אויספֿרעגענישן, אַנטפּלעקט אַז דער זינדיקער סוביעקט איז גראַד דער סטאַטעטשנער באַאַמטער פֿון... מרס. סמיטה האָט דערפֿילט, ווי אַ באַרג וואָלט איר אַראָפּ פֿון די פּלייצעס. אַזאַ איינער, איז זי געווען זיכער, וועט געוויס חתונה האָבן מיט איר טאָכטער, וואָרן ער וועט ניט וועלן פֿאַרפֿלעקן זיין רעפּוטאַציע און נאָך אַנווערן דערצו אַ גוט באַצאָלטע שטעלע...

אין אַן אָוונט איז זי אַריין צו אים אין צימער און האָט פֿאַרצויגן אַ שמועס — צו זיין חידוש און הנאה — וועגן וועטער, און איז אַזוי פּאַוואָלינקע אַריבער צום עצם ענין.

— מר. סטעמפֿאָרד, איר וועט דאָך ניט דערלאָזן, אַז די זאַך זאָל דערפֿירן צו אַ טראַגישן סוף פֿאַר אייך ביידן. — האָט זי אים מיט איין זאַץ מודיע געווען וועגן זיין און עלזאַס גורל...

— וועלכע זאַך מיינט איר, מרס. סמיטה? — האָט ער רויִק געפֿרעגט.

— מאַכט זיך ניט אַזוי נאַיִוו, מר. סטעמפֿאָרד! איר ווייסט גאַנץ גוט וועגן וואָס איך רעד.

— איך וואָלט עס טאַקע געוואָלט וויסן, מרס. סמיטה! — איז

אויף זיין פּרצוף געווען אויסגעגאָסן אַ טיפע ערנסטקייט. מינוטנווייז האָט זיך דער מוטער אויסגעוויזן, אַז זי פֿאַרדעכטיקט אים אומזיסט. נאָר די שרעק פֿאַר איר קינדס צוקונפֿט האָט איר געשטופּט צו ווייטערדיקע רייד:

— עלזאַ זאָגט, איר האָט געהאַט עסקים מיט איר...

— נאָר איך? — האָט ער אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר פֿאַרוווּנדערטע קוקערס. — ס'איז, דאַכט זיך ניטאָ קיין איין בחור ביי אייך אין הויז, וואָס זאָל ניט האָבן געהאַט צו טאָן מיט איר...

— ווי דערוועגט איר זיך אַזוינס? — איז שוין די פֿרוי געווען אויף אירע פֿיס. — ווי דערוועגט איר זיך אַזוינס צו זאָגן? — האָט זי איבערגעחזרט די ווערטער אָבער שוין מער געלאַסן און פֿאַרטראַכט, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט.

— ס'טוט מיר לייד דאָס צו זאָגן און זייט מיר מוחל פֿאַרן אויסדרוק, נאָר עלזאַ קאָן מען פֿאַרגלייכן צו אַ שפּיגל, וואָרן מען קען קיין מאָל ניט וויסן, ווער ס'האָט דאָרטן פֿריער "אַריינגעקוקט".

אַ דיסקוסיע מיט אַ פּראָפֿעסאָר

די פּראָווינצשטאָט איז באַוווינט דאָס רוב פֿון אַ קאַטוילישער באַפֿעלקערונג. זי פֿאַרמאָגט, חוץ פֿאָלקשולן, פֿאַרשטייט זיך, און אַנדערע שטאָטישע אַנשטאַלטן, אַ נעץ פֿון אייגענע לערן־אינסטיטוציעס, ווו דער אַפּצאָל איז, על־כּל פּנים, אַ גאַנץ הויכער.

אין דער שטאָטישער הויכשול זיינען די אינסטרוקטאָרן אָרטיקע, ממילא איז די מערהייט פֿון קאַטוילישן גלויבן. די געציילטע ייִדן לערערס ווערן דאָרטן טאָלערירט מיט אַ קילער דאָזע טאָלעראַנץ, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן. און ווען ס'האָט זיך פּלוצעם פֿאַרשפּרייט אַ שמועה, אַז צווישן דעם רבים געפֿינט זיך אַ פּראָפֿעסאָר אַן אמתער ליבעראַל, און דער קלאַנג האָט זיך שפּעטער באַשטעטיקט, האָט אָנגעכאַפּט אַ חשק זיך צו באַקענען נעענטער מיטן בעל־דבר. אויך ער האָט, משמעות, געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט די פּאָר ייִדן און דאָס האָט פֿאַרגרינגערט די באַגעגעניש. ער האָט זיי פּשוט פֿאַרבעטן אויף אַ באַזוך אין זיין היים.

אין אַ שבת פֿאַר נאַכט האָבן זיך באַוויזן די געסט. ביי דער טיר האָבן זיי אָפּגעוואַרט פּראָפֿ. מאַרק זנאַטשיק (פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם) און זיין

פרוי, סילוויאַ —ביידע הויכע, דינפיסיקע, מיט יונגטלעכע געשטאַלטן און מיט יונגטלעכן גלי אין די בלויע אויגן. זיי האָבן שוין געהאַט, לפי דעם קאַטוילישן איינשטעל, אַ היפּשע צאָל קינדער, נעמלעך זעקס, העלפט פון זיי ייִנגעלעך, און צוויי שוין אויסגעגעבענע.

אין דער אָרעמלעך־עטאַבלירטער היים איז אינעם אויפנעמזאַל געווען האַלב טונקל. ביי די פענצטער איז געשטאַנען אַן עטאַזשערקע מיט בלומען־און־פלאַנצטעפּ און האָבן פאַרשטעלט דאָס ביסל ליכט. אַן אָפענע טיר לינקס האָט געוויזן די קיך, וואָס איז אויך געווען דאָס עסצימער און טרעפּלעך אין זאַל האָבן געפירט אַרויף צו די שלאָפקאַמערן.

ווען מען האָט באַטראָכטן דאָס ערשטע טרעפּל, האָט זיך אַנטפּלעקט אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט דאָס יעזוס־געשטאַלט הענגען אין זיין באַקאַנטער פּאָזע אויפן צלם. ס'איז געווען פריקרע, פּיינלעך און אומהיימלעך פאַר אַ ייִדיש אויג אָט דער דעמאָנסטראַטיווער אויסשטעל פון מענטשלעכעליידן, וואָס זאָלן האָבן געטראָפן אין אַ וווייטער תּקופה און וואָס קוקט אויס אין תּוך ווי אַ קינדערשפּיל אין פאַרגלייך מיט די מעשים־תּעתּועים, וועלכע די נאָכפאָלגערס פונעם "געקרייציקטן" האָבן אָפּגעטאָן אין משך פון לאַנגע דורות צו ייִדן און צו אַנדערע מענטשן...

די געסט האָבן זיך באַקאַנט מיט נאָך אַ גליד פון דער פאַמיליע. דאָס איז געווען זנאַטשיקס שנור, וואָס זיין זון האָט געבראַכט פון דייטשלאַנד, ווייל זי איז געווען אויף דער "צייט". ער אַליין האָט זיך געמוזט אומקערן צו זיין אָפּטיילונג אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אין וועלכער ער האָט נאָך אַ יאָר צו דינען.

די שנור, הילדי, האָט גערעדט שוואַך ענגליש און זי האָט דאָס רוב געשוויגן. זי האָט זיך דערפאַר זייער דערפרייט, ווען די געסט האָבן פאַרפּתחט זייער ייִדיש און ס'האָט געגומען קלינגען ווי איר מוטערשפּראַך: זי איז געוואָרן באַרעדעוודיק און מיטגעטיילט פּרטים פון איר לעבן, בעת־מעשה האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט דעם סיגאַרעט פון מויל, הגם קיינער האָט אין דעם הויז ניט גערויכערט. ס'איז געווען שטאַרק אויפפאַלנדיק איר אויסזען. ס'האָט ניט פאַרמאָגט קיין איין עבטן דייטשן "ראַסן־שטריך", מיט וועלכן אירע לאַנדסלייט האָבן זיך מיט אַ דור צוריק שטאַרק געגרויסט. פאַרקערט! די טונקל־געקרייזלטע האָר, די שוואַרצע, אומעטיקע אויגן האָבן געוועקט זכרונות וועגן גאָר אַן אַנדער מין מענטשן... און ס'האָט

זיך טאַקע, אין לויף פון שמועס, אַרויסגעוויזן, אַז דער פּאַטער אירער איז ניט געווען קיין דייטש... ביי דעם פּונקט זיינען אירע ווערטער געוואָרן מטושטש און אומקלאָר. זי האָט פאַרלאָרן באַטראַכט דאָס שטרענג־קאַטוילישע הויז און די שטובלייט מיט די צלמימלעך אויף די העלדזער און זי איז מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן...

די געסט האָבן דערנאָך פאַרבראַכט מיטן באַלעבאָס אויף דער טעראַסע, און דערוויסנדיק זיך אַז זיינע קינדער לערנען ניט אין דער פאָלקשול נאָר גראָד אינעם קאַטוילישן לערן־אַנשטאַלט, ווו דער שכר־לימוד איז, ווי דערמאָנט אַ הויכער, האָט איינער געפרעגט דעם ליבעראַלן פּראָפעסאָר, צי זעט ער ניט קיין סתירה אין זיין לעבנקוק מיט געבן זיין נאָכוווקס אַזאַ סאָרט דערציונג? און דער לעצטער האָט עס פאַר אים קלאָר געמאַכט:

— אין דער פּאַראָקיעל ווערן אויסגעמידן אומפּאַסיקע טאָגפראַגן מיט קינדער, ווי גטן, אַבאָרטן, האָמאָסעקסואַליזם, די שוואַנגערפּיל. זיי ווערן אָבער יאָ פריי דיסקוטירט אין געוויסע קלאַסן פון דער פאָלקשול. וועגן זייער שעדלעכער ווירקונג אויף די שילערס דאַרף איך אייך ניט דערציילן!...

— מיינט איר ניט, אַז אָט די שמועסן האָבן אַ סך צו טאָן מיטן לערער, כ׳מיין, ווי אַזוי ער אינטערפּרעטירט זיי פאַר זיינע תלמידים?

— געוויס, געוויס! — האָט אויסגערופן דער פּראָפעסאָר.

— געהערן דען ניט די לערערס פוןביידע סאָרטן שולן צו דער זעלבער דענאָמינאַציע?

— ניטאָ דאָרטן קיין אַנדערע! — האָט זנאַטשיק פאַרזיכערט און דערשנאַפּנדיק פּלוצעם ווהין דער פרעגער צילט, האָט ער גלייך צוגעגעבן:

— אין דער קאַטוילישער שול אָבער איז דעם לערער פאַרווערט צו באַרירן אַזוינע ענינים — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ נאָטקע פון נצחון.

— זייט איר צופרידן, ווי עס ווערט דאָרט אויסגעטייטשט געשיכטע, און סאָציאַלע וויסנשאַפטן, פּראָפ. זנאַטשיק? — ניט אַלע מאָל! האָט געזאָגט דער מכניס־אורח פאַרטראַכט מיט אַ ביסל פאַרדראָס אויפן פרעגער — און אומגעריכט האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צום זעלביקן:

— מעג איך וויסן וואָס איז אייער עקסטראַ קוריקולום טואונג? מען זאָגט מיר, אַז איר האָט עפּעס צו טאָן מיט דער ייִדישער שפּראַך...

— איך בין אַ ייִדישער שרייבער — האָט ער שנעל איבערגעשלאָגן.

— מען זאָגט מיר — האָט דער פּראָפעסאָר ממשיך געווען — אַז ייִדיש ווערט היינט געלערנט אין קאַלעדזשעס און הויכשולן אין געוויסע טיילן פון לאַנד... אָבער ניט ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך פאַרן היינטיקן צי פאַרן קינפטיקן דור. נאָר ווי אַ "מעמענטאָ מאָרי". און ווען קיינער פון די געסט האָט זיך ניט גלייך אָפּגערופן, האָט זנאַטשיק געשטעלט אַן אייגענע פראַגע: — זאָגט מיר, איך בעט אייך, איז נאָך פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל מענטשן וואָס רעדט און שאַפט אויף ייִדיש?

און דער זעלביקער גאַסט האָט אים אויפגעקלערט כּהאַי־לשנא:

— ביי ייִדן איז אַ גרויסער עיקר ניט אַזוי די צאָל, ווי דער תּוכן! מיר זיינען שטענדיק געווען, ווי איר ווייסט, אַ קליין פאָלק, און דאָך איז אונדזער ביבל, געשריבן פאַרן אייגענעם נוצן, דערגאַנגען צו אַלע ציוויליזירטע פעלקער, דורך איבערזעצונגען אין זייערע שפּראַכן און דיאַלעקטן. דאָס לערנט עפּעס, מיינט איר ניט אַזוי?

אויף פּראָפעסאָר זנאַטשיקס יוגנטלעכן געשטאַלט האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ פאַרטראַכטער שמייכל...

אַ לערערס טרייסט

בעת דער לערער, יחיאל שאַליט, איז געשטאַנען פאַר זיין יונגער אוידיטאָריע אין דער ייִדישער שול, האָבן אים ניט איין מאָל באַלעסטיקט זייטיקע און ווייטיקלעכע מחשבות. למשל: ווער פון זיי וועט אויספּעלן צו דער מאָרגנדיקער לעקציע, וויפל פונעם געלערנטן וועט זיך אָפּשטעלן ביי זיי? און וויפל פון זיי וועלן בכלל פאַרענדיקן די שול?

באַזונדערס האָבן אים באַאומרויִקט די צוויי שוועסטערלעך, איטעלע און פרידעלע. די ערשטע אַ יאָר עלטער און אין אַ העכערן קלאַס. זיי זיינען געווען ניט איבעריק שיין און ניט איבעריק פעיִק, און אפשר טאַקע דערפאַר צו קאַפּריזנע, שטיפעריש און גאַנץ אָפט קריגעריש מיט זייערע שול־חברימלעך.

דער לערער האָט צוערשט געזוכט צו מילדערן זייער קינדערישן געמיט מיט אַ שמייכל אין זייער זייט, מיט אַ גלעט איבערן קעפּל. ס'האָט ניט געהאָלפן! אַ שפּיציק־שאַרפער בליק מצד די מיידלעך האָט צוריקגעוויזן יעדע דערנענטערונג.

ספּעציעל האָט זיך עס אָפּגעשפּיגלט ביי אַן עקזאַמען, ווען די תּלמידים האָבן זיך געפלייסט אַרויסצווייזן קאָנטשאַפּט און בריהשקייט, האָבן זיך די שוועסטערלעך אין זייערע קלאַסן לאַנג און בייזלעך געעסקט איבער זייערע פּאַפּירן. שאַליט האָט דעמאָלט גראָד געבעטן זיי צונויפצוקלייבן די געשריבענע טעקסטן, בכדי זיי צו הייבן אַ ביסל אין די אויגן פון דער יונגער חברה. די לעצטע האָט זיי דעמאָלט באַגלייט מיט גרויסהאַלטעריש־אָפּלאַכערישע און פאַרדעכטיקע בליקן. ניט אומזיסט! די מיידלעך זיינען געווען עלול אָפּצוטאָן די בייזוויליקסטע שפּיצלעך, ווי צו פאַרבאָרגן די אַרבעטן פון די גראַטנסטע שילערס און שפּעטער זיי בלומרשט קריגעפינען און דערווייל אויפרודערן דעם קלאַס מיט אַן אומנייטיקן רעש און געפּילדער, אָדער צו פאַרשטעקן אויפן לערערס שרייבטיש אַנאָנימע לשון־הרע־צעטעלעך ווידער אויפן חשבון פון די דערמאָנטע תּלמידים...

ס'האָט אויך געטראָפן, אַז ביי אַ זיצונג פונעם שול־קאָמיטעט זאָל מען געפינען אַ מסירהלע אויפן לערער אַליין. אַוודאי איז דער ערשטער פאַרדאַכט געפאַלן אויף די שוועסטערלעך און ווען מ'האָט זיי גענומען אויפן צימבל, האָבן זיי געלייקנט שטיין־און־ביין, און זיך צעכליפּעט מיט יענעם נאַיוו קינדערישן געוויין, גלייך ווי אין יעדער טרער זייערער וואָלט געלעגן די אומשולד אַליין...

עס האָט אויך ניט געהאָלפן דער שמועס מיט די עלטערן. וואָרן דאָ האָט זיך באַרעכטיקט דאָס פאָלקסווערטל: "די עפּעלעך פאַלן ניט ווייט פונעםביימעלע!" דער פאָטער איז אומגעגאַנגען חדשים־לאַנג אַרבעטסלאָז, פאַרביטערט, מיט דער איינערדעניש, אַז די גאַנצע וועלט איז קעגן אים, און די מוטער — אַ קרענקלעכע פרוי — האָט געהאַט טענות צו גאָט און צו לייט... ווען דער לערער האָט זיך באַקלאָגט אויף זייערע קינדער, האָט דער פאָטער, אַ דערצאָרנטער אויסגעשריגן: — וואָס, איר טשעפּעט זיך אויך צו מיר? און די אָרעמע פרוי האָט פאַטאַקעוועט:

— זעסט, זלמן, אַפילו אין דער אַרבעטער־שול האָט מען פיינט דעם אָרעמאַן!...

* * *

דער גורל פונעם יידישן לערער איז אָפט ענלעך אויף דער גורל פון זיין אָפשטאַם, דאָס הייסט, אַזוי ווי דאָס יידיש פאָלק בייט ניט זיין וווינאָרט פון ווילטאָג און ניט לפי זיין פרייען ווילן — אַזוי אויך ניט דער יידישער לערער!... אין משך פון אַ דריי־צענדליק יאָר האָט יחיאל שאַליט מחנך געווען יידישע קינדער אין אַ האַלב טוץ שולן, בכל תפוצות אַמעריקע. האָט ער ביינאַנד מיטן ״צער גידול בנים״, אומגעטראָגן אין דמיון און אין האַרצן אָפשניצלעך און שאָטנס פונעם קליינוואַרג, אָבער געוואָרעמט און געטרייסט האָבן אים יענע תלמידים, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן ליבע און חשק צום לערנען... ניט איין מאָל האָט זיך אים געבענקט צו באַגעגענען כאָטש איינעם צי צוויי פון יענע געציילטע און זען, וואָס די צייט האָט אויסגעפורעמט פון זיי...

טרעפט איין מאָל אין אַ זומער־אָוונט. ער זיצט מיט זיין פרוי ביי אַ קאָנצערט אונטערן פרייען הימל, אין אַ שטאָט אין מיטל־מערב. ס'איז חודש יולי. איבערן קאָפּ שפרייט זיך די היים מיט לייכטע וואָלקנדלעך. וור־ניט־ווו שפּאַרט זיך דורך אַ שטערנדל, ווי ס'אויג פון אַ דערשראָקן פייגעלע, גליין ס'וואָלט אויך וועלן געניסן פון בעטהאָווענס פאַרבענקטע מעלאָדיעס.

בעתן אַנטראַקט שפּאַצירן יונג און עלטער איבער די לאַנגע וועגלעך, וואָס רינגלען אַרום ווי אַ גאַרטל דעם סטאַדיום. פּלוצעם פאַרהאַלט זיך לעבן אים אַ יונגע פרוי, עלעגאַנט און אַפילו רייכלעך געקליידט און טוט אַ זאָג: — איך קאָן אייך! איר זייט דאָך מיין יידישער לערער שאַליט! — אָפּגעזאָגט די ווערטער און געבליבן שטיין אין אומרויקער דערוואַרטונג — און ווער ביסטו איר, אויב מען קען וויסן? און בעת־מעשה שוועבן פאַרביי שאַליטן, ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ, פאַרשיידענע פנימער פון קינדער און יוגנטלעכע, און אין אים טויכט אויף די פאַרבאָרגענע בענקשאַפט, אפשר, טאַקע, איינע פון יענע? און ער הערט זיך פרעגן:

— ווו און אין וועלכער שול האָסטו ביי אונדז געלערנט?

— וואָס הייסט ווו? טאַקע דאָ אין שטאָט! מיין נאָמען איז פרידאַ, די יינגסטע פון די שוועסטערלעך, איר געדענקט, חבר שאַליט?

— נו, אַ ייִדיש וואָרט רעדסטו אַ מאָל מיט די אייגענע? — פאָרשט ביי איר דער לערער.

— ניט נאָר רעד איך מיט טאַטע־מאַמע ייִדיש — זאָגט זי כמעט מיט שטאָלץ — נאָר אויך מיינע קינדער רעדן ייִדיש!

— און וואָס טוט דיין מאַן, פרידאַ?

— ער איז אַן אינסטרוקטאָר פון ענגלישער ליטעראַטור אין אַ היגן קאָלעדזש, און ער אונטעררייכט דאָרטן אויך אַ ייִדיש־קלאַס... איז דאָס ניט אינטערעסאַנט, חבר שאַליט?

— ס'איז אַ נס! — ענטפערט דער לערער. קוקנדיק אויף איר מיט גרייס חידוש, גלייך פון איר וואָלט ער אַזוינס צום ווינציקסטן דערוואָרט, און ער קומט, צום ווײפלטן מאָל, צו דער מסקנה, אַז וועגן ייִדן, ייִדישקייט און ייִדיש, טאָר מען קיין מאָל קיין נביאות ניט זאָגן...

און די מוטער רחל האָט געוויינט

די אויפשריפט אויפן פענצטער לאָזט וויסן דער ברייטער, רוישיקער גאַס, אַז דאָ געפינט זיך אַ ייִדישע קינדערשול. דער לערער, אינעווייניק, איז פאַררייזט אין דער אַמאָליקער יהודה, ווו גרויסע מחנות באַזיגטע ייִדן ווערן געטריבן אין גלות־בבל, און אויף זייער לאַנגן וועג צום פרעמדן לאַנד, שטעלן זיי זיך אָפּ, לויטן מדרש, ביי רחלס מצבה־שטיין און קלאָגן אויף זייער גורל. און זי, די פאַרהייליקטע מוטער אין ישראל, שטייט אויף פון איר קבר און קלאָגט מיט זיי, און זי טרייסט אירע קינדער מיט הבטחות אויף אַ ליכטיקער צוקונפט, ווען זיי וועלן זיך צוריקקערן צו זייער היימלאַנד און וועלן זי —

ביי די ווערטער פראַלט זיך אויף די טיר, און ס'קומט אַריין אַ יונגע פרוי אין שטייפע טאָרעאַדאָר־הויזן, מיט אַן עופּעלע אויף דער האַנט און מיט אַן בחורל פון אַ יאָר אַכט ביי דער זייט. אין ווינקל פון אירע שטאַרק־געפאַרבעטע ליפן שטעקט ווולעריש אַ סיגאַרעטל און עס באַוועגט זיך קונציק מיט יעדן וואָרט, וואָס זי רעדט אַרויס:

— ער האָט געקראָגן „לעסאָנס" — ווייזט זי מיט בליק אויפן יאַטל, — אין פידל־שפּילן, אויך אין „עלעקיושן", אָבער ס׳האָט זיך ניט געקלעפּט צו אים. אפשר וועט ער בעסער מאַכן אין „היברו", ווערסטו, אַלווין? — ווענדט זי זיך דירעקט צו אים.

אויף אַלווינס פאַרשייט פּנימל איז שווער צו געפינען אַ הסכּמה. ער האָט, בעת־מעשה, אָפּגעזוכט צווישן די קינדער אַ חבֿרל און ווינקט זיך שלוייִק איבער מיט אים.

— ווערסטו, אַלווין? — העכערט זי איר קול.

— „איי דאָנ׳ט נאָו!" — ענטפערט יענער תּמעוואַטע.

— דו דאַרפסט מיר גלייך זאָגן! — באַשטייט זי אויף אירס. — איכ׳ל ניט אַרויסוואַרפן קיין געלט אין דער וועלט אַריין. „דו יו ענדערסטענד?"

דאָס קליין פאַרשווינדל קוקט זיך אַרום און זייעט ווידער אַרויס צווישן די שיטערע ציינדלעך:

— „איי דאָנ׳ט נאָ, מאַ!"

— ער האָט נאָך ניט באַשלאָסן! — אינטערפּרעטירט זי איר זונס לאַקאָניש ווערטעלע פאַרן לערער.

— ווען ער וועט זיין פאַרטיק פאַר „היברו", וועל איך אים נאָך אַ מאָל ברענגען. ס׳טוט מיר לייד, וואָס איך האָב אייך געשטערט. — און זי לאָזט זיך צו דער טיר. די פּיצלעך לויזע סאַנדאַלן אויף די פּעדיקירטע פוספינגער פייקלען ריטמיש צו צו אירע טריט. אין חלל בלייבט לאַנג הענגען אַ רויך־נעבל געמישט מיט קאָסמעטיש־ווייבערישע גערוכן.

ווען דער לערער הייבט־אָן פון דאָס ניי, אויף דער בקשה פון די תּלמידים, די איבערגעריסענע מעשה, קלאָגט ביי אים אַצינד די מוטער רחל אַ סך שטאַרקער אויפן גורל פון אירע קינדער.

נישט אַפּצושאַצן

שפרה איז די בעסטע און פּעיִקסטע שילערין. זי קען ניט אַריבער אין אַ העכערן קלאַס, ווייל זי איז אין דער לעצטער כּיתּה. און צוליב עפּעס אַ שיגעון וויל זי ניט פאַרלאָזן די שול. לאַנגווייליקט זי זיך דאָרט און זי ווערט אָפּט אַ לאַסט פאַרן לערער.

פון דעסטוועגן, ווען דאָס מיידל פעלט אַ מאָל אויס צום לערנען, נעמט אַרום דעם לערער אַן אומעט, אַן עצבות. ער האַלט אין איין ווענדן זיינע בליקן צו דער טיר און זיי בלייבן דאָרטן הענגען כּמעט דורך דער גאַנצער צייט פון לימוד. ער איז דעמאָלט אין דער בחינה פון יענעם רעפערענט, וואָס האָט זיך ניט צו ווענדן, מחמת פון זיין אוידיטאָריע ווייעט מיט קאַלטקייט פון אומפּאַרשטיין. און כּדי זיך ניט אָנצוטרעפן אויף אַ צעגענעצטן מויל, צי אויף אַ שלעפעריקער פיזיאָנאָמיע, פאַרקוקט ער זיך אויף אַ — קנעפּל...

שפרה צייכנט זיך אויס אין די שול־פּייערונגען. אָט דאָס צוועלף יאָריק מיידל איז דאָרט אָפט די הויפּט־אַטראַקציע. מען רעדט אַ סך אין די שולקרייזן וועגן איר חן, האַלטונג און דיקציע. און ווען זי באַווייזט זיך אויף דער בינע, לויפט דורך אַ פריידיקער געמורמל צווישן עולם...

איין מאָל איז נאָך אַ פאָרשטעלונג צוגעקומען צו שפרהן אַ ייִדישער דיכטער פון ניו־יאָרק, וועמעס לידער און פּאָעמעס געפינען זיך אין די שול־כרעסטאָמאַטיעס, און זיינען, אגב, שטאַרק באַליבט ביים קליינוואַרג. ער האָט איר געגעבן די האַנט און זי געלויבט פאַר איר עפעקטפולן שפּילן. און באַמערקענדיק שנירלעך קרעלן אויף איר האַלדז, האָט ער זיי אָנגענומען און זיך נאָכגעפרעגט אויף זייער פּרייז.

— ביז איר האָט זיי אָנגערירט, — האָבן זיך שפרהס גרויסע, קלוגע אויגן צעלויכטן. — האָב איך געוווסט זייער ווערט, נאָר אַצינד זיינען זיי שוין ניט אָפּצושאַצן.

״כּיבוד אם״

מאַרלין האָט ליב געהאַט די מוטער אויף איר שטייגער. די טאָכטער — וווקסיק, ברייט, צעגאָסן און אומפאַרהייראַט, איז זעלטן אַרויס פון הויז מיטן אייגענעם ווילן. זי איז ס׳רוב געלעגן אויף דער סאָפע. דאָרטן געגעסן, געטרונקען, געלייענט און ווידער געלעגן. זי האָט באַשטעלט אויפן טעלעפאָן און מ׳האָט אַלץ געבראַכט אין שטוב אַריין.

אין אַ נויט, האָט מאַרלין באַנוצט דעם אויטאָ, און ״נויט״ האָט געהייסן ביים מיידל — די פּאָלקשול, ווו זי איז געווען אַ לערערין. דער

דוחק דעמאָלט אין שטאָטישע לערערס האָט אַפילו פּאָר אַזאַ איינער געעפנט די טיר. אָבער גערעכט דאַרף מען זיין צו איר. זי האָט געהאַט אַ קלוגן קאָפּ אויף די פּלייצעס, אַ קלוגן און אַ שיינעם. די האָר קורץ געשאָרן און געקרייזלט האָבן איר געגעבן אַ יינגלשן אויסזען, און די אויגן — טיף־שוואַרצע, זיינען געווען באַזוימט מיט לאַנגע וויעס און מיט ברעמען, ווי דינע, איידעלע טאַשמעס. עס האָט זיך ניט געמערקט קיין מינדסט קנייטשעלע אויף איר לענגלעך־רויזיק פּנים. זי האָט באַוווינט אַ פּירצימערדיקע דירה אויף אַ דריטן שטאָק מיט פולע שאַפעס ביכער. איר פאָטער איז שוין געווען עטלעכע יאָר אַ "שוכן עפר", און די מוטער מיטן צווייטן מאַן, האָבן זיך געפונען אין אַ ווייטער שטאָט. מאַרלין האָט אָפט געדעדס מיט דער מאַמען אויפן טעלעפאָן, גערעדט צו יענער גלייך זי וואָלט די עלטערע געווען, איר געעצהט, איר אָנגעוויזן וואָס זי דאַרף יאָ אָדער ניט טאָן. און ווען אָט דער שטייגער רייד האָט זיך אויסגעלאָזן, האָט זי געוומען אויפן צימבל די שול מיטן לערער־פּערסאָנאַל, דעם פּרינציפּאַל, די תלמידים, קיינעם ניט פאַרזען, קיינעם ניט געשוינט... די מוטער האָט זיך געערגערט. זי האָט בעסער געוואָלט וויסן צי די טאָכטער, וואָס איז שוין אַריין אין דריטן יאָרצענדליק, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ באַשערטן. זי האָט זיך אָבער געשראָקן צו פרעגן אַזאַ דעליקאַטע פראַגע. די מויד האָט געהאַט דעם פאָטערס טעמפּעראַמענט, וואָס איז געלעגן דער פרוי נאָך טיף אין די ביינער. ס'האָט מאַרלינען אָפּגעקאָסט אָפּט אַ מטמון מיט געלט אַזאַ שמועס, נאָך געבליבן מיד און אויסגעשעפּט איז די מוטער.

יעדן זומער האָט די טאָכטער פאַרבעטן צו זיך די מוטער און איר מאַן. מאַרלין האָט איר וואַקאַציע געפּראַוועט, ווי געוויינטלעך, אין דער היים. די אָרעמע פרוי איז דעמאָלט געוואָרן די הויזווירטין, קעכין, דינסט און צילברעט פאַר שטעכווערטלעך און חוזק. טאָמער איז דער טאָכטער עפּעס ניט געפעלן געווען, האָט זי די מוטער באַטיטלט מיט די ערגסטע עפּיטעטן: ווי למשל, "קינדערשער שכל", "אָפּגעריסענער נאַר" און אַנדערע אַזוינע "קאָמפּלימענטן"... די מוטער האָט אַלץ אַראָפּגעשלונגען. זי איז שוין געווען געווינט צו אַזאַ באַציונג מצד דעם מיידלס פאָטער, פון וועמען זי איז אַוועק, איבערלאָזנדיק די פופצן־יאָריקע מאַרלין ביי אים, און האָט זיך דערפאַר געפילט שטענדיק שולדיק קעגן איר...

איין מאָל ווען די טאָכטער איז זי באַפאַלן מיט די דערמאָנטע רייד,

האָט זי מער ניט אויסגעהאַלטן און שטיל אַ זאָג געטאָן: — "איך קען דאָך ניט זיין אַזוי נאַריש ווי דו מיינסט, וואָרן עפּעס וואָלסטו דאָך פון דעם געירשנט"... די מויד האָט זיך אַזש אַ צעפּאַל געטאָן: — דו פאַרגעסט אַפּנים, מאַמע, אַז דו האָסט געהאַט אַ שותף אין אָט דעם מיזערנעם עסק! — האָט זי שוין אין איינוועגס געמאַכט צו קליין געלט די גאַנצע "הייראַט־אינסטיטוציע". — האָסט געמעגט רעדן אַ ביסל שענער צו מיר! — האָט די מוטער זיך געשעמט פאַר דעם מאַן! — ס'וואָלט אפשר געווען שענער אָבער ניט אמתער! — האָט מאַרלין געענטפערט טראָציק. — מיר זיינען קיינער ניט פערפעקט — האָט די מוטער זיך שוין געוואָלט אָפּטשעפּען, און זייטיק אָפּגעמאָסטן די טאָכטער ווי גרויס זי איז געוואָרן. צו מאַרלינס חוצפה איז ניט געווען קיין גרענעץ: — איך האָב אָבער די ברירה צו ווערן אַנדערש!... ס'איז געווען אַן אָפענע אָנצוהערעניש, אַז דער מאַמען קען שוין קיינער און גאָרנישט העלפן...

די מוטער האָט ניט געענטפערט בכדי מער ניט צו אַנטאַגאָניזירן די טאָכטער. מאַרלין איז געלעגן מיט אַ צופרידן שמייכעלע אויף דער סאָפע, ווי נאָך אַ געווונענער שלאַכט. אָבער דאָ איז געקומען פּלוצעם אַ זייטיקער אָפּרוף, אויף וועלכן די מויד האָט זיך ניט געריכט. שמואל ציפּאָרין, דער שטיפפאָטער, וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט אַריינגעמישט אין די סכסוכים צווישן טאָכטער און מוטער, האָט געשטעלט אַ "קלאָץ־קשיא": נעמלעך: — אויף וואָס טויג דעם מענטש שכל, מיט וועלכן ער איז אַזוי שטאָלץ, אויב ער נוצט אים ניט פאַר זיין אייגענער טובה וועגן און ניט לטובת הכלל? דאָס האָט ער מיט איין שאָס געוואָלט טרעפן סיי אין איר איבערגעלאָדענעם גוף, סיי אין איר גראָבער באַנעמונג צו דער מוטער. די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אַזוי אָפן און מיט אַזאַ ערנסט, אַז ביים מיידל האָט אויף אַ רגע אָפּגענומען דאָס לשון. זי האָט געגלאָצט אויף אים אי מיט פאַרוווּנדערונג, אי מיט רוגזה פאַר איבערטרעטן דעם גדר פון איר גאַסטפריידנלעכקייט: — "דאַכט זיך, אַז צו אייך האָט דער גאַנצער ענין קיין שום שייכות ניט". — האָט זי ענדלעך אַרויסגעפּלאַצט. — "אפשר ניט און אפשר יאָ!" — האָט ציפּאָרין אָנגעהאַלטן זיין טאָן: — "דיין מוטער געהער זיך אָן, דאַכט זיך, מיט מיר עפּעס אויך" — "דאָס איז ניט מיין שולד און ניט מיין אויסוואַל!" — האָט מאַרלין שטאַרק אינטאָנירט די לעצטע ווערטער, גרייט אָנצוהייבן אַ נייע באַטאַליע.

— ״איך זאָג אויך דאָס זעלביקע, און איך דאַנק דער השגחה פֿאַר דעם חסד צו מיר״. — האָט געענטפֿערט דין־שמייכלענדיק ציפּאָרין.

די מוטער איז געזעסן אַ דערשראָקענע. איר איידל־סענסיטיוו פּנים האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס וואָרט־געפּעכט פֿון די צוויי. אירע אַפּלען — אויפֿגעריסענע, פֿאַרצווייפֿלטע און פֿול מיט געבעט — האָבן זיך געוואָרפֿן אָט צו דער טאָכטער, אָט צום מאַן. די דורכגעטריבענע מויר האָט פּלוצעם דערפֿילט אינעם קורצן אָבער שאַרפֿן דיאַלאָג מיטן האַלב־פֿרעמדן מאַנצביל אַ כּוח, וואָס לאָזט זיך ניט בייגן, איז זי צוגעפֿאַלן צו דער מוטער מיט אַ ביטער געוויין...

אין זכות פֿון ייִדישן וואָרט

דר. פֿערנאַנדאָ לוקאַס׳ אויפֿנעם־צימער איז אַצינד איבערפֿולט. ס׳איז היינט זיין טאָג אין קליניק. די סעקרעטאַרין אין פֿענצטערל טוט עטלעכע זאַכן אויף אַ מאָל: זי רעדט אין טעלעפֿאָן־טרייבל, שמייכלט און וואָרנט מיט די גרויסע, בלויע אויגן די אומגעדולדיקע פּאַציענטן, און פֿאַרצייכנט דערביי עפּעס שנעל אויף אַ פּאַפּיר. די קאָלירטע צייטשריפֿטן אויף די נידעריקע טישלעך לאָקן קיינעם ניט, און ווען אַ האַנט טוט זיך אַ מאָל אַ שטרעק אויס צו די אויסגעלייענטע בלעטעלעך, כאַפּט זי זיך, די האַנט, באַלד, ווי אַן אָפּגעבריטע, צוריק. פֿון צייט־צו־צייט ווייזט זיך אַ הויכער בר־נש מיט ברייטע אַקסלען, מיט מוטנע־אומעטיקע אייגעלעך, און וואַרפֿט אַ פֿאַרשלאָפֿענעם בליק אויף די באַזוכערס. ס׳רוב פֿון לאַטייניש אָפּשטאַם און שטאַרק באַרעדעוודיק, ביז ער פֿאַרהאַלט זיך ביי אַ ״בחיר״ און פֿאַרשווינדט מיט אים הינטער אַ טיר.

דוד שטראַל זיצט פֿאַרקוקט אין אַ מיטגעבראַכטן ביכל לידער. ער איז זיכער, אַז אויך דער מומחה וועט אים ווינציק אָדער גאָרניט העלפֿן. ״ס׳איז אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק״, טראַכט ער, ״די שלאָפֿלאָזיקייט״, און ער ערגערט זיך, וואָס ער פֿאַרלירט אומזיסט צייט...

ווען ער געפֿינט זיך ענדלעך ביים דאָקטאָר אין קאַבינעט, פֿאַרשטעקט ער ס׳ביכל אין קעשענע און וואַרט ביז יענער וועט אויפֿהייבן דעם פֿאַרהאַוועטן בליק פֿון זיין, דעם חולהס, אינפֿאָרמיר־קאַרטל: — אויף וואָס אייגנטלעך באַקלאָגט ער זיך? — דערהערט ער — ענדלעך

יענעמס קול. — אויף אַמסאַניאַ! — זאָגט מיט אומצוטרוי שטראַל. — אַמסאַניאַ איז ניט קיין קראַנקייט, נאָר גיבער אַ סימפּטאָם פון אַ קראַנקייט. — פּסקנט דער מומחה. און בעת ער עקזאַמינירט שטראַלן באַמערקט ער ביי אים ס׳ביכל מיט יידישע אותיות אויפן שער־בלאַט.

— אַ יידיש ביכל, האַ? — איז דער דאָקטאָר נייגעריק.

שטראַל איז חושד, אַז דער ״ספּעץ״ מיטן שטאַרק־לאַטייניזירטן נאָמען איז מאַחינו. — דאָקטאָר! זאָגט ער, איך קאָן שווערן, אַז איר זייט בקי אין דעם לשון. — יאָ אַ מאָל געלערנט... — גנבעט זיך אַריין אַ פאַרבענקט נאָטקעלע אין זיינע רייד. ער נעמט ס׳ביכל אין די הענט, בלעטערט אַ רגע און זאָגט נאָך אַ מאָל: — יאָ, אַ מאָל געלערנט... און ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט, אַז ער איז אַראָפּ פון דרך, פאַרטיפט ער זיך ווידער אין דער איבערגעריסענער אונטערזוכונג: — דער אמת איז, זאָגט ער — זע איך ניט קיין באַזונדערע סיבה פאַר אייער אומשלאָפן. ס׳האַרץ און די לונגען פונקציאָנירן ביי אייך נאָרמאַל. און אייער גייסטיקע סטרוקטור איז, לפי אייערע יאָרן און ווערדליק אייערע אינטערעסן, — נעמט ער אויף ס׳ניי ס׳ביכל אין די הענט — איז גאָרניט קיין שלעכטע!...

— איז פאַר וואָס בין איך וואַך גאַנצע נעכט? — איך בין אויך וואַך!

— איז דער דאָקטער ניט נתפּעל. פּלוצעם פאַרטראַכט ער זיך אַ רגע און פרעגט: — איז וואָס טוט איר טאַקע ווען איר שלאָפט ניט? — איך זאָג תהילים! — ענטפערט דוד שטראַל, און ס׳איז שווער צו וויסן, צי מיינט ער עס ערנסט, אָדער ער טרייבט קאַטאָוועס.

— גאָרניט קיין שלעכטער איינפאַל! — איז דער מאָדנער דאָקטאָר מסכּים. און ס׳איז ביי אים אויך קשה צו דערגיין צי ער איז טאַקע פאַראינטערעסירט אין דעם ענין, אָדער ער טרייבט לצנות: — און ווי איז, אַז מען קען ניט אויסנווייניק דעם אַלטן ״פּסאַלם״? ציט דר. לוקאַס ווייטער דעם פּיזמון, גלייך ווי אויף יענער זייט טיר וואָלטן ניט געוואַרט אויף אים קיין עולם־חולאים. — דערמאָנט מען זיך אין שיינע פערזן פון אַ מאָדערנעם דיכטער! — זאָגט שטראַל מיט אַן ערנסטער מינע. — למשל ווי די — ווייזט ער דעם דאָקטאָר מיטן בליק אויפן ביכל, — למשל ווי די. — זאָגט אים נאָך שטראַל. — אויב אַזוי לייענט מיר פאַר עפּעס ווי אַ מוסטער! — אַט־אַזוי־אָ? אַצינד? ווען דאַרטן וואַרטן... — ס׳וועט ניט נעמען לאַנג.

און דוד שטראַל נעמט לייענען, צו זיין אייגענעם חידוש, אַ ליד, וואָס איז אים צום בעסטן געפעלן, און וואָס פּאַסט זיך, אגב, אַריין אין זיין דילעמע:

..."גאָט, פאַרלאָז מיך ניט אין די נעבט,
ווען דער שלאָף ווייכט פון צוקאָפּן.
דער חלף איז אי האַר, אי קנעכט
און פון קרבן טריפט טראָפּן נאָך טראָפּן.

אין חלל טראָגט זיך אַ שיף
געטריבן פון בייזע רוחות.
ווען משה שטייט אויף אַצינד
צעברעכט ער אויף ס'ניי די לוחות.

אַ קרומע האַנט לעשט דעם סנה
מיט אורקראַפט אין די פינגער.
ס'פלאַקערט אַן אויטאָ־דאַ־פע.
פלאַמען — הונגעריקע שלינגער!

פון דראָט רינגלט מיין בעט אַ געפלעכט
און פערד טראָגן זיך אין גאַלאָפּן.
גאָט, פאַרלאָז מיך ניט אין די נעבט,
ווען דער שלאָף ווייכט פון צוקאָפּן...

ער ענדיקט און בלייבט זיצן אַ פאַרטראַכטער. ער צווייפלט אַצינד, צי ער האָט געדאַרפט באַלעסטיקן דעם גוטמוטיקן דאָקטאָר מיט... — ווייער אַ פיין ליד! ווייער רירנדיק! — זאָגט דער מומחה.

ווען דוד שטראַל פאַרלאָזט ענדלעך די קליניק, איז נאָך אַלץ זיין דילעמע ניט געלייזט, נאָר די יידישע דיכטונג האָט, דאַכט זיך, צוגעקראָגן אַ נייעם לייענער. אַ סימן — ער איז אַרויס פון דאָקטאָרס קאַבינעט אַן זיין שטענדיקן באַגלייטער, נעמלעך — דאָס ביכל לידער...

אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט

ווער קאָן שטערן דעם שלאָף אין אַ ישוב, וואָס ליגט פאַרוואָרפן צווישן בערג און אָן אויסגעשטערנטן הימל? איז דער ענטפער: דאָס כסדרדיקע בילן פון הינט, הן די צוויי פּיסקע אויף אַלע טריבונעס פון דער וועלט, הן די גאַר היימישע אין דאָרף, וועלכע פירן אָן אַ הינטישן דועל יעדער נאַכט. די ערשטע ווי די צווייטע דערלאָזן ניט צו קיין רו, צו קיין מנוחת־הנפש...

ס'איז אַ דבר ידוע, ווען דער הונט איז נאָך אַ הינטל, לעבצט עס נאָך אַ גלעט, נאָך אַ צערטל פונעם באַלעבאָס און פון זיינע בני־בית. עס איז גליקלעך וואָס מען שפּייזט עס און מען גיט אַכטונג אויף דעם. און ווען עס וואַקסט אונטער, צאָלט עס זיי אָפּ מיט טריישאַפט, מיט איבערגעגעבנקייט און מיט אָפּהיטן זייער האָב־און־גוטס, אַפילו ווען עס דאַרף איינשטעלן דאָס אייגענע לעבן...

דער הונט לויפט דעמאָלט אום מיט אָן אָנגעשפּיצטן אויער און מיט אַ פאַרשאַרפטן חוש־הריח צו יעדן אומבאַקאַנטן שאָרך, צו יעדן פרעמדען בר־נש, און, האַלטנדיק אַן אייגל אויף זיין מייסטער, באַפאַלט ער אַן אמתן, צי אַן אויסגעטראַכטן אַריינדרינגער מיט אַן אומגעוויינלעכער רציחה: — "דו זעסט כאָטש, באַלעבאָס לעבן, ווי איך בין דיר געטריי? ווי איך רייס זיך אויס אַ שטיק האַרץ פון דיינעטוועגן?".

און ווען דער זעלביקער כּלב דערגרייכט זיין מאַטוריטעט, איז ער שוין דעמאָלט ניט נאָר דער חבר און באַשיצער פונעם קליינוואַרג אין שטוב און אין דרויסן, נייערט ער ווערט פאַררעכנט פאַר אַ גליד פונעם הויזגעזינד...

דעמאָלט, אָ, דעמאָלט וועקט זיך בהדרהגהדיק, אין אים זיין אורשטאַם — דער וואָלף! ניט אַזוי דער הונגעריקער, ווי דער הערשערישער וואָלף! ער טראָגט זיך אום איבערן הויף און איבער דער סביבה ווי אַ 'סאַמאָראָדנער' פּריץ, און ווען ער לאָזט זיך אַ מאָל אַ גלעט טאָן פון די שטוביקע איבער זיין צעוואַקסענער גריווע — טוט ער זיי אַ טובה...

און בעת דער פאַרענדערטער כּלב צעבילט זיך מיט אַ גרויס געביל, באַזונדערס טאָקע אין די נעכט — האָט ער דעמאָלט איין כּוונה, נעמלעך — צו לאָזן וויסן, אַז ער איז דער איינציקער און אומבאַגרענעצטער

מושל... און ווען די אַנדערע כּלבים באַשליסן אים נאָכצוטאָן, קומען אַרויף אויפן רעיון די אויבן־דערמאָנטע בילערס וועלכע זיינען פיל גרויזאַמער און געפערלעכער...

מענטשן, וואָס ווילן ניט אַלט ווערן

דער ווינטער און דער צעשטורעמטער ים האָבן פאַרטריבן דעם עולם באַדערס און שפּאַצירערס פונעם זאַמד און אַספאַלטוועג. בלויז די פּאַלמעס לאָזן זיך ניט פאַרטרייבן. דאָס ערגסטע וואָס דער ווינט קאָן טאָן, האָט ער שוין, דורך יאָרן, אָפּגעטאָן — ער האָט אויסגעבויגן און צעדרייט זייערע שלאַנקע רוקנס, זיי געלאָזן דעפאָרמירטע זיך וויגן מיט זייערע צעשויבערטע קעפּ אונטער אַ גאַוואַהדיק־קאַפּריזנעם הימל...

אויף אַ באַנק, ביים ברעג, האָט זיך, אויף צו להכעיס דעם בייזן דרויסן, דאָך פאַרקליבן אַ קליינע קאַפּעליע שפּילערס און צימבלט געשמאַק אויף אַלטפרענקישע מאַנדאָלינעס און גיטאַרעס. די קאַפּיטאַנסקע היטלען מיט די שטאָלצע הערבן, איינגעהאַנדלט אין די סוווענירן־קראָמען, קאָנען נישט פאַרשטעלן זייערע פון ווינט־צעשמיסענע און צעקנייטשטע פיזיאָנאָמיעס. און אויך די פאַרביקע טיכלעך מיט די קאָלירטע, פאַרפירערישע ספּודניצעס אויף די ווייבספאַרשוינען, פאַרפירן קיינעם ניט. זיי דעקן אויף מער, ווי זיי פאַרשטעלן, די צערונצלטע פּנימער, אַבסורדיש פאַרשמירט מיט רוזש און פּודער. די שפּילערס כאַפּן דעם אָנבליק פון אַ חברה קונדסים, וואָס האָבן זיך פאַרקליידט פאַר גרויסע און ווילן מרעיש־עולם זיין. אַ פאַרבייגייער, ווען ער באַוויזט זיך שוין יאָ, בלייבט אַ ווײַלע שטיין, באַטראַכט דאָס בייזווונדער און טראָגט זיך אָפּ, ווי אַן אונטערגעשאָסענער. די קאַפּעליע עסט זיך דערפון ניט אָפּ דאָס האַרץ. זי נעמט, משמעות, ערנסט דאָס שלאַגוואָרט פון די היגע שטאָטאַטעס, אַז אין דער זוניקער מיאַמי ווייסט מען בכלל ניט פון קיין זיקנה, אַז דאָ הייבט זיך אָן דאָס לעבן פון — יעדער עלטער...

אַ הויכלערער בחור פאַרהאַלט פּלוצעם זיינע טריט ביי דער מוזיקאַלישער באַנק, דער שוואַרצער שויבער פאַלט אין די נייגעריק־אויפגעריסענע אויגן. אויף די יונגע ליפּן שפּילט אַ דערשטוינטער שמייכל.

די גרויע חברהלייט נעמען זיך שטאַרקער פאַר די כּלים. די ייִנגסטע פון זיי הייבט זיך אויף און קומט צו צום בלייך־געוואָרענעם יונגן־מאַן און פאַרקוקט זיך אויף אים מעשה קאָקעטיש מיידל. זי דרייט זיך אויפן הויכן קאָרעק און לאָזט אים הערן מיט אַ הייזעריקלעכער שטים ראָמאַנטישע רעיונות וועגן ים, וועגן ווינט, וועגן פּאַלמעס... —

בעת זי דברט, האַלט זי זיך ביים שפּיציקן גאָמבעלע, מ׳זאָל ניט מערקן די לויזע הויט אויף די געשמינקענע באַקן, די זקנישע טאָרבעלעך, די...

דער בחור וואַרפט אומגעדולדיקע בליקן אַריבער איר קאָפּ, און די לאַנגע פּיס רייסן זיך אין וועג אַריין. ער דערמאָנט אין יענער רגע אין אַ גרויסן, געבונדענעם האָן, וועלכער פּאָכעט מיט די פליגל און קאָן זיך פון אָרט ניט רירן... און די אויסגעסטראָצלטע יפהפיה רעדט און רעדט...

דער רעווערענד

רעווערענד אַרטשיבאַלד טאָמסאָן האָט גלייך דערשנאַפּט, אַז זיין שכן איז אַ ייִד און זומערט אינעם קליינעם דירהלע מיטן באַלקאָן, וואָס גייט אַרויס צו די בערג.

ער האָט מיך פאַרבעטן אין זיין ״טריילער״ (וווינאָרט אויף רעדער), ווו ער האַלט זיך אויף מיט זיין פרוי און קינד. ער האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, ראשית — ווייל דאָס איז אַ טייל פון זיין טעריטאָריע אין וועלכער ער ברענגט דאָס ״משיחישע וואָרט״ צו די ברעגלייט און זייערע משפּחות. והשנית — מחמת אָט די געגנט האָט אים פאַרכאַפּט מיט איר גראַנדיעזער שיינקייט. די געגנט דערמאָנט אים שטענדיק אין די בערג פונעם ״הייליקן לאַנד״, וווהין עס ציט אים, און וועלכע ער האָט ניט געהאַט די זכיה צו זען...

ער איז נאָך אַ יונגער מענטש, דער רעווערענד; זיין פּנים איז קיילעכיק, טוייִק־פריש און רויזיק, און די אויגן — גלייִק־גלויביקע און גוטע. ער מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך ערשט אויסגעפּיקט פונעם רעווערענדישן עמבריאָן...

עס נעמט ניט לאַנג, און ער איז שוין אַריינגעטאָן אין אַ לאַנגער דרשה. די רייד גליטשן זיך ביי אים פון די ליפּן, ווי געשמירט מיט שמן-זית. ער ברענגט „ראיות" פון דער ביבל, אַז ער, דער גרואַלבטער, איז שוין געווען און וועט קומען נאָך אַ מאָל. און בכדי זיינע ווערטער זאָלן זיך צוקלעפּן צו מיר, פאַרזיסט ער מיין אומגעדולד מיטן באַקאַנטן פּזמון, אַז ייִדן זיינען אַן אויסדערוויילט פאָלק, און גאָט אַליין „מיינד יו", לאָזט ער מיר וויסן די „שפּאָגל-נייע" אַנטדעקונג, האָט אונדז אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע פעלקער. און, אגב, אויך ער זעט עס אין דעם זעקס-טאָגיקן נצחון איבער די אַראַבער, אַ — נס! פון זיין קוקווינקל, פאַרשטייט זיך. דאָס וויל דער אַלמעכטיקער, איז ער זיכער, אומקערן זיין אומה אין איר היימלאַנד, בכדי זי זאָל ענדלעך אָנערקענען דעם „אמתן משיח"...

— זאָגט מיר, רעווערענד! — רייס איך אים איבער אין סאַמע מיט פון זיין צעוואַרעמטער דרשה: — וואָס גייט אייך אַזוי אין לעבן, אַז ייִדן זאָלן אים אָנערקענען? די וועלט האָט שוין ניט קיין אַנדערע דאגות?

— אָט אין דעם גייט עס טאַקע! — לאָזט זיך דער רעווערענד ניט אָפּקילן: — דאָס פאָלק, פון וועלכן ער שטאַמט אַרויס דאַרף אויפגעבן זיין עקשנות, און ער וועט זיך ווידער ווייזן און באַפרייען דעמאָלט די וועלט פון אַלע צרות!...

— אויב ער האָט אין זיין רשות אַזאַ מאַכט, אַזאַ כּוח — וויל איך אים אַרויספירן כאָטש אויף אַ האָרעלע לאָגיק — וואָלט ער עס דאָך שוין פון לאַנג געטאָן...

— מיר, מענטשן, זאָגט ער — ווייסן ניט פון גאָטס פאַרבאָרגענע וועגן...

— אויב מען ווייסט ניט, רעווערענד, פאַר וואָס רעדט איר מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן זיי?

— מיר דרינגען זיי אַרויס פון אַ סך שטעלן אין די הייליקע שריפטן. דאָס ייִדישע פאָלק, — מאַכט ער, — וואָס ליידט שוין דורות לאַנג פון אַזוי פיל אומגליקן — נעמט זיך ווידער הייבן זיין טעמפּעראַטור. — מוז דאָך זיין אַ סיבה, אַ תּמציתדיקע סיבה, פאַר זיינע ליידן.

— אפשר ליגט גאָר די סיבה אין דעם וואָס די קריסטן ווערן דערצויגן פון קליינערהייט מיט שנאה צו אונדז, ניט צו רעכענען אַנדערע מאָטיוון?...

— וואָס רעדט איר, מיין פריינד, וועגן שנאה? מיר האָבן אייך ליב, אמת ליב! — צעפלאַקערן זיך זיינע אויגן מיט אַן אומהיימלעכן פייער.

— מאַכט מיך ניט צום לאַכן, רעוורענד! וואָס זשע איר לעבט ערגעץ אין אַ וויסטעניש, צי אויף אַ פאַרוואָרפענעם אינדזל? — ווער איך שוין אויפגערעגט — די כּמעט צוויי טויזנט יאָר קריסטנטום זיינען דאָך דורכגעזאַפּט מיט בלוט, מיט מלחמות צווישן אייך אַליין, און מיט אַנסופיקע שחיטות אויף ייִדן און אַלץ אין נאָמען פון אייער "דערלייזער"!...

— יענע לייט רופט איר קריסטן? יענע מלוכות רופט איר קריסטלעכע?

— איז ער איצט איין שטיק פייערפלאַם. — יענע זיינע דאָך די וואָרע פאַרלייקענערס פון דער קריסטלעכער לערע. די סאַמע אַנטי־קריסטן!...

— רעוורענד! — רייס איך אים ווידער איבער: — זיי זיינען דאָך די איבערוועגנדיקע מערהייט. זיי שטעלן צונויף די קריסטלעכע וועלט! האָט איר אַ מאָל אַ טראַכט געטאָן, רעוורענד, פאַר וואָס דאָס קריסטנטום איז אַ דורכפאַל, אַ פולשטענדיקער דורכפאַל? עס האָט דאָך פאַר די לאַנגע יאָרהונדערטער פון זיין עקזיסטענץ ניט פאַרבעסערט אויף אַ האָר די מענטשלעכע מאָראַל, די באַציִונגען פון מענטש צו מענטש, אָפּגערעדט פון פאָלק צו פאָלק...

ער בלייבט זיצן אַ ביסל אַ פריטשמעליעטער פון די לעצטע ווערטער, ער איז אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט פאַרבעטן צו זיך איינעם פונעם ווידערשפּעניקן פאָלק, כּדי אים צו איבערצייגן אין דעם אמת פון זיין מיסיע. צום סוף האָט נאָך יענער אויפגעוועקט אין אים ספקות, און ער, דער רעוורענד, רופט אויס כּמעט אַ פאַרצווייפלטער:

— עס קומט אויס, לויט אייער מיינונג, אַז איך דאַרף אויפגעבן מיין גאַנצע מיסיאָנערישע אַרבעט.

— גאָט זאָל אייך אָפּהיטן צו טאָן אַזאַ זאַך, רעוורענד! אייער אַרבעט דאַרף אָבער זיין געווענדט אין אַן אַנדער ריכטונג, נעמלעך — איר דאַרפט גיין צו אייערע לייט, די קריסטן, און מיט זיי קנעלן קריסטלעכקייט, אויב אַזאַ לערע האָט עפּעס אַ ממשות...

דער יונגער גייסטלעכער כאַפּט זיך אויף פון אָרט און באַטראַכט מיך מיט גרויסע אויגן, און ווי ער וואָלט פּלוצעם איינגעזען וווהין ער איז פאַרקראָכן, זאָגט ער שוין גלאַט אַזוי, פון יוצא וועגן: — קוקט פון דעסטוועגן אַריין אין אָט דעם פּאַמפלעט — שטופּט ער מיר

דאָס שריפט אין די הענט אַריין. — איר וועט דאָרטן געפינען קלאָרע באַווייזן וועגן דעם וואָס מיר האָבן געשמועסט. — און ווען ער באַגעגנט זיך מיט מיינע בליקן לאָזט ער זיינע שנעל אַראָפּ...

דאָס צאָל איך צינזן דעם גוייִשן גאָט!

דער סענט־פּאָול אוניווערסיטעט האָט אָנגעשטעלט, צו אַלעמענס איבערראַשונג, דעם קאָוונער ייִד, הערמאַן באַלוט, פאַר אַן אינסטרוקטאָר פון דער קלאַסישער דראַמע. דער ברייטער, מגומשדיקער באַלוט מיטן הויכן שטערן איז געווען פאַרהייראַט און געהאַט צוויי קינדער. ער האָט נאָך דעמאָלט געוווינט אין אַ שטאַרק באַשיידענער דירה און איז קוים דורכגעקומען מיט זיינע מאָגערע שכירות. באַלוט איז גיך געוואָרן אַ שם־דבר ביי זיינע קאָלעגן און סטודענטן. ער האָט גערעדט שעקספּירס לשון מיט אַ ליטווישן אַקצענט און כּסדר פאַרביטן דעם "שין" אויפן "סין". און דאָך איז זיין קלאַס געווען שטענדיק איבערגעפולט מיט נייגעריקן יונגן עולם. ער האָט מיט זיין ישיבהשער פּקחות מסביר געווען די שווערסטע שטעלן ביים ענגלישן גאון, און האָט אָפט עבט־ייִדישלעך דערוויזן, אַז אַ סך פון יענעמס געדאַנקען און מעטאַפאָרן האָבן זייערע וואָרצלען און דער תּלמודישער ליטעראַטור. ער האָט בשום־אופן ניט געדענקט, צי ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז דער געניאַלער דראַמאַטורג איז דערגאַנגען צו זיי אויף זיין אייגענעם וועג.

אַ געניט אויג האָט געקאָנט באַמערקן אין אַזוינע מינוטן ספקות ביי זיינע צוהערערס. פון דעסטוועגן איז דער אינטערעס און דער דרך־ארץ צו אים ניט געמינערט געוואָרן. זיי האָבן אים גערופן אונטער די אויגן מיט פיעטעט: — "אַוּר היברו סקאָלער" און געזען אין אים אַן אָפּבילד פון אַ ביבלישן פּראָפעט.

די קאַטאָליש־קריסטלעכע אַטמאָספערע האָט אָבער אָפט געדריקט אויף באַלוטס געמיט. ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין אַ פּריוויטיק אָוונט אין דער נאָענטער שול, צו קבלת־שבת. די לייט האָבן אים דאָרטן געקאָנט און זיי פלעגן אים, ניט איין מאָל, פאַרבעטן צום עמוד, ווייסנדיק, אַז דער אַמאָליקער ישיבה־בחור איז אויך אַ פיינער בעל־מנגן.

באַלוט האָט דעמאָלט געגעבן פולן אויסדרוק צו זיינע ייִדישע בענקשאַפטן, און האָט אַריינגעלייגט אין די שבתדיקע תּפילות שטיקער האַרץ, גלייך ער וואָלט געבעטן מחילה ביים אויבערשטן פאַר צעטרענצלען זיין וויסן און קענטעניש דווקא אין אַ גויִישער הויכשול...

איין מאָל אין אַ פּרייטיק אָוונט בעת ער האָט התלהבותדיק אויסגעציקלט דעם "לכו־נרננה", האָט אים דער שמש אַריינגעפּליסטערט אין אויער, אַז זיינע אַ טאָכטער וואַרט אויף אים ביי דער טיר. ס'האָט זיך גיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי איז אים געקומען אָנזאָגן די שרעקלעכע בשורה, אַז די מאַמע איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן. ער האָט אַוועקגעאיילט מיט איר אַהיים און זי שוין ניט געטראָפן. זיי האָבן נאָך באַוויזן צו זיין ביי איר בעת אין שפּיטאָל, ווען זי איז אויסגעגאַנגען...

די לוויה האָט געטראָגן אַ משונה־מאָדנעם כאַראַקטער. זי האָט זיך אָנגעהויבן זונטיק בייטאָג ביי דער דערמאָנטער שול. צווישן דעם ביסל ייִדן האָבן זיך פּראָמינענט אָנגעזען באַלוטס קאָלעגן: — גלחים־פּראָפעסאָרן און נאָנעס־"שוועסטערס פונעם קאַטוילישן שפּיטאָל, אין זייער פולן טראַכט. ווען דער רב האָט געמאַכט דעם "אל מלא רחמים" האָט דער גויִשער עולם זיך גענומען צלמען, בכדי מסתמא אויסצודריקן זייער אַכטונג און פאַרערונג צו דער נפטרת.

באַלוט האָט פאַר חרפּה ניט געוווסט ווו זיך אַהינצוטאָן. זיין צער און פאַרשעמונג איז אַפּנים נאָך ניט געווען פאַרפולט, וואָרן בעת מ'האָט, אויפן בית־עלמין, אַראָפּגעלאָזן דעם ארון אין קבר האָט די "שוועסטער סופּיריאָר", אַ נאָנטע פריינדין פון זיין פרוי, אַ פאַל געטאָן אויף די קני פאַר דער אָפענער גרוב, און האָט זיך פאַר אַ נאָווינע אָנגעהויבן ווייטער צו צלמען...

דער אבל האָט געזאָגט קדיש מיט אַ צעבראָכן קול און געגעבן נאָך אַ מאָל מחילה ביים האַר פון אַלע וועלטן און נאָך מער ביי זיין עזר־כנגדו פאַר דער נבלה, וואָס איז קעגן איר באַגאַנגען געוואָרן...

שפּעטער האָט זיך באַלוט פאַרענטפערט פאַר זיינעם אַ ידיד:

— דאָס צאָל איך צינזן דעם גויִשן גאָט פאַר מיין שטיקל ברויט!...

דער וויכוח

עס איז געווען שווערלעך צו גלייבן, אַז דער בר־נש מיטן מגושמדיקן פּרצוף און דיקע ליפּן — זאָל האָבן צו טאָן מיט אַזאַ איידעלער פּראָפעסיע ווי — לערערײַ.

אויך פון זײַן אומגאַנג און באַנעמונג מיט די געסט האָט מען זײַן באַרוף ניט אַרויסגעזען. ס'האָט געפעלט יענער דינער "עפּעס", וואָס טיילט אויס דעם תלמיד־חכם פונעם המון.

אינעם קליינעם זומער־רעזאָרט, ווו יעדער פאַרשווין וואַרפט זיך אין די אויגן מיט זײַן טראַכט, געוווינהייטן און פירונג, האָט ער געשפּילט די ראָלע פונעם פאַרמוחטן אינטעלעקטואַל, וואָס זוכט בלויז די נאַטורקייט פון פעלד, וואַלד און פון ווייטן הימל...

אין אָוונט, ווען דאָס רוב לײַט, מיד פון אַ טאָג שווימען, שפּילען און פון קלעטערן אויף די פעלדזיקע בערג אַרום, האָט זיך פאַרווײַלט בײַם קאָרטנטיש און בײַ דער טעלעוויזיע, איז ער דעמאָנסטראַטיוו געזעסן אין אַן אַנדער טייל פון זאַל, פאַרקוקט אין אַ בוך, און ווען ער האָט געדאַרפט פאַרבײַגיין יענע מענטשן, האָט ער געוואָרפן אַ פאַראַכטנדיקן בליק אויף זיי, וועלכע צערײַבן טײַערע צײַט אויף אַזוינע טריוויאַלע זאַכן.

מיט אַ מאָל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די געסט אַ פּאָר שווערע וואָלקן, וועלכע האָבן באַזײַטיקט די הנאה פון די פאַרווײַלונגען. ס'איז נעמלעך דעמאָלט אָנגעקומען די אַלאַרמירנדיקע נײַעס, אַז אַ נײַע מלחמה דראָט מדינת־ישראל מצד אירע אַראַבישע שכנים, אויב זי וועט ניט פאַרלאָזן שטעט און פעסטונגען, וועלכע שיצן אירע גרענעצן און אויל־פעלדער וועלכע שטעלן צו אַ גרויסן סכום פון איר פעטראָל...

דער עולם אין זומער־רעזאָרט איז בשעתו געווען געטיילט, פּונקט ווי דאָרטן, אויף יענער זײַט ימים. אַ טייל האָט געהאַלטן פון אָפּגעבן און מאַכן אַ סוף פון דער לויערנדיקער סכנה. אַנדערע זײַנען געווען מיט דער מיינונג, אַנצוהאַלטן די געווונענע זיכערקייט־פּאָזיציעס אונטער אַלע אומשטענדן. און הגם ביידע צדדים זײַנען דאָ־הי, פאַרשטייט זיך, געווען אויסער געפאַר, האָט זיך דער דיספּוט ניט אײַנגעשטילט און ניט באַרויִקט...

רוּיק איז יאָ געבליבן דער "איש־הידוע"! ער האָט ווייטער געשפּאַנט מיט זיינע געמאָסטענע טריט און איז אין אָוונט ווייטער געזעסן אַן אָפּגעשיידטער אין זיין ווינקל מיט זיין בוך אויף די קני.

די סודותדיקע מיינונגען און אַרגומענטן, אויף וויפל זיי האָבן אים געגרייכט, האָבן אַרויסגערופן ביי אים אַ ביטולדיקן שמייכל און אַפילו אַ שאַרף געלעכטערל. און ווען דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אַ פּאָר מאָל, דאָס געלעכטערל, האָט זיך געהערט דאָס אויפגערעגט קול פון אַ יונגער פרוי, וואָס האָט באַקומען דעם זעלביקן טאָג אַ בריוול פון ישראל:

— וואָס איז מיט אייך אַזוי די גדולה, מיסטער? — און ווען ער האָט ניט געענטפערט און זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף איר, איז איר רוגז געוואַקסן: — איר דאַרפט אַוודאי זיין פון די רויטע יִידעלעך פון יענער זייט סמבטיון! — האָט זי זיך דערמאָנט אין איר מאַמעס אַ זאָג.

ביי די ווערטער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שטול. זיין אומהיימלעך פּנים איז געוואָרן נאָך אומהיימלעכער: — איך האָב אייך ניט געהערט זיך ערגערן איבער די טואונגען, וואָס ווערן געטאָן צו דער שוואַרצער געטאָ! — האָט ער אַ וואַרף געטאָן אין איר זייט.

מען האָט אים באַטראַכט מיט חידושדיקע בליקן, וועלכע האָבן געפרעגט שאַרפער ווי ווערטער: "וואָס האָט איינס צו טאָן מיטן צווייטן?"

— עס האָט שוין גאָר צו טאָן? — האָט ער זיך פאַרשטאַנען אויף זייערע שטומע רמזים. — די וועלט איז ווי אַ מענטשלעכער גוף, — האָט ער אַרויסגעוויזן זיין גרויס קענטעניש — ווען מען גרייפט אָן איין אבר, ווירקט עס אויף אַלע אַנדערע אברים!

— און ווער דער אָנגרייפער איז, האָט איר אַ טראַכט געטאָן, מיסטער? — האָט זיך ווייטער דערוועגט צו פרעגן די זעלביקע פרוי.

ער האָט זי ניט געהערט. ער האָט גערעדט ווי איבער די קעפּ פון די מענטשן: — יאָ, דער זעלביקער כּוח, וועלכער רעגירט אומעטום איז שולדיק!.

— און אַ נאָמען האָט ער, דער דאָזיקער כּוח? — האָט יענע ניט אָפּגעלאָזן.

באַלד זיינען נאָך לייט פאַרמישט געוואָרן אינעם וויכּוח. מען איז אַריבער פון איין ענין צו אַ צווייטן. דער בעל־דבר האָט אָבער אַזוי "דיריגירט", ביז מען איז צוריק אַרויף אויפן "שוואַרצן פּראָבלעם"...

— מען קען דעם נעגערס לאָגע ניט פאַרגלייכן מיט דער לאָגע פון אַנדערע מינאָריטעטן — האָט ער גערעדט אַ צערייצטער. — שוין זיין הויט גיט אים אַרויס, נאָך איידער ער האָט עפּעס געטאָן.

— אונדזערע עלטערן און אור־עלטערן זיינען געקומען אין אָט דעם לאַנד — איז די פרוי ווידער אַרויס מיט אַ טענה — מען איז דאָ דורכגעגאַנגען שווערע צייטן, פון דעסטוועגן איז מען ניט באַפאַלן קיין מענטשן אין די גאַסן מיט אַ מעסער צי מיט אַ הייס געווער. מ׳האָט ניט געמאַכט קיין פייערן.

— דאָס איז דער אופן ווי אַזוי די שוואַרצע דריקן אויס זייער פּראָטעסט! — האָט ער זי איבערגעריסן.

— דאָס איז דער שטיינער פון זייער רעוואָלוציע...

— אַראַפּאַט זאָגט אויך דאָס זעלביקע. — האָט זיך די יונגע פרוי ניט געלאָזט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. — אומצוברענגען אומשולדיקע קינדער איז אַן אויסדרוק פון דער אַראַבישער רעוואָלוציע?... — האָט זי צוריקגעבראַכט די רייד צום אָנהייב פונעם וויכוח.

דער בר־נש האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: — מען האָט מיט געוואַלד אַרויסגעריסן מענטשן פון זייער לאַנד, פון זייער וואָרצל, פון זייער אַרט לעבן און זיי געצוווּנגען צו ווערן קנעכט. און אַצינד מאָנט מען ביי זיי איידעלע מידות!

— ניט אַזוי ביי זיי, ווי ביי זייערע באַשיצערס! — האָט די יונגע פרוי קלוג געשמייכלט.

איין טאָג האָט מען געמאָלדן פון מדינת־ישראל, אַז מען האָט זיך אויסגעגליכן מיטן שונא. מען איז געקומען צו אַ פּשרה, און מען האָט אונטערגעשריבן אַ שטילשטאַנד־אָפּמאַך אויף דריי יאָר. דער וויכוח אין זומער־רעזאָרט האָט זיך געענדיקט. מען האָט מער ניט גערעדט וועגן דעם ענין, איבערהויפּט האָבן געשוויגן מיט אַ פאַרקלעמט געמיט די ״ניין־זאָגערס״ פונעם אָפּמאַך.

דער ״שוואַרצער־אַדוואָקאַט״, ווי מען האָט איצט גערופן דעם דערמאָנטן בעל־דבר, האָט געזען אַ גוטע געלעגנהייט אַוועקצושטעלן דעם ״שוואַרצן פּראָבלעם״ אויפן סדר־היום, אָבער זיין הויפּט־אָפּאָנענט, די יונגע פרוי, האָט אַצינד געפעלט. זי איז יענעם נאָכמיטאָג אָפּגעפאָרן אַהיים, און מיט די אַנדערע געסט האָט ער אי ניט געהאַט קיין חשק, אי

ס'איז אים ניט אָנגעשטאַנען צו פירן אַ שמועס, שוין אָפּגערעדט פון אַ וויכּוח...

דער רויטער אכזר

דער רויטער אכזר איז לפי זיין נאַטור אַן אָפּשפּעטער, אַ לעסטערער. ער איז אויך, ווידער לפי זיין נאַטור, אַ — מאָנאָליט! ער קען ניט פאַרטראָגן און ניט דערלאָזן אַן אַנדער אידעאָלאָגיע. אַן אַנדערע — איז פאַר אים ניט נאָר פרעמד, נייערט פיינטלעך, און זי מוז זיך אַליין עלימינירן, אויב זי וועט ניט אומגעבראַכט ווערן...

שווערער איז דעם רויטן אכזר זיך ראַנגלען מיט די היסטאָרישע קרעדאָס, ייִדישלעכער, מיט די "אני־מאמינס" פונעם קליינעם פאָלק ישראל, וועמעס באַגריפן וועגן מענטש, אומה און קאָסמאָס, זיינען פאַרפיקסירט אין דעם ספר־הספרים און איז געוואָרן, אַפילו מיט סותרדיקן צולאָג — אַ הייליק בוך פאַר ס'רוב פעלקער אויף אונדזער פּלאַנעט...

עס גייט ממש אין לעבן דעם רויטן אכזר אונדז אומצוברענגען און אויסצוואָרצלען, ניט נאָר פונעם אויסגעחלומטן און מיט בלוט־און־יסורים אויסגעקעמפטן היימלאַנד, נאָר אויפן ערשטן אָרט, קליינצומאַכן און צו פאַרשוואַרצן אונדזער גייסטיקע ירושה. ער האָט אָנגעשטעלט פּסעוודאָ־קענערס און כּלומרשט־וויסערס צו דערווייזן, אַז זי איז קעגן מענטשלעכן פּראָגרעס און איז, רחמנא־לצלן, אַ נעסט פון רעאַקציאָנערע זאַבאָבאָנעס און זאָגעכצן...

און ווי אַ דוגמא־לדבר איז כּדאי צו דערמאָנען וועגן זיינע שלוחים, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אין די ספערן. זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט דער טריומפירנדיקער "בשורה", אַז דאָרטן, אויבן, איז פּוסט און ליידיק, ווי ער האָט עס אַלע מאָל פאַרזיכערט. ער האָט באַוווּנדערט די מענטשלעכע, לייען די רויטע וויסנשאַפט און דעם רויטן קאָסמאָנאַוט פאַר זייער געוואַגטקייט און — געניוס, ווי געניוס וואָלט ניט געווען אַ טייל פון דער געטלעכער אַנטפּלעקונג... און אָט האָט געטראָפן אַ גרויס טרעפעניש אין אונדזערע טעג. דעם אכזרס הויפּט־אָפּאָנענט האָט אויך אַרויסגעשיקט אַסטראָנאַוטן, גאַנצע דריי, אַזש צו דער לבנה, און זיי האָבן אומגעקרייזט

צען מאָל אַרום איר. און זיי האָבן זיך געפונען אַ פערטל מיליאָן מײלן ווייט פון דער ערד, און די ערד, מיט אירע קאָנטינענטן, אינדזלען, ימים און אָקעאַנען, האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי אַ זילבערנע פּילקע, ניט פיל גרעסער אַצינד ווי איר סאַטעליט. און איבער זייערע קעפּ האָבן זיך געשפּרייט די פּלאַנעטן־משפחה און די געהיימנישפולע קאָנסטעלאַציעס און גאַלאַקסיעס פון שטערן. און די דריי מענטשן, אָפּגעריסן פון זייער מקור, און געטראָגן אין אומענדלעכן רוים, האָבן דערפילט אַ פּאַרכטיקייט און אַ מיסטישע התעוררות פאַרן באַשעפערס גרויס און סודותדיק ווערק, און אַ בענקעניש נאָך דער ליכטיק־שײַנענדיקער ערדקויל — זייער היים, און ס׳האָט זיך געעפנט בײַ איינעם דאָס מויל און ער האָט געוואָלט ציטירן פון מעקלישעם "דער גרויסער אָאַזיס", אַן אָדע צו אונדזער ערד. נאָר מיט אים איז געשען עפּעס אַזוינס ווי מיטן חומשדיקן בלעם. כאָטש אויף אַן אַנדער שטייגער, נעמלעך, אָנשטאָט מעקלישן האָבן זיך אַ טראָג געטאָן פון די ווײַטע ספערן פסוקים פון "בראשית", ווי אַזוי ס׳איז געשאַפן געוואָרן, לפי דעם חומש, דער אוניווערס און ווערטער, געהערטע בײַ בריאת־העולם — האָבן זיך ווידער דערהערט איבערן כדור־הארץ און זײַנען אויך אַריינגעדרונגען, פאַרשטייט זיך, אין אכזורס מדינה. און די פסוקים פונעם פאַרלאַכטן און אָפּגעחוזקטן ספר האָבן לאַנג געהויערט אין די אויערן פון זײַנע איינוווינערס, ווי אַ דערמאָנונג און אפשר ווי אַ התראה, אַז ניט נאָר איז אָט דער ספר אייביק, נײַערט אויך דאָס פאָלק פון ספר...

אסתּר רחלס דריי שונאים

בדרך כּלל מאַכט דער מענטש שלום מיטן גורל אויף דער עלטער. ניט אַזוי אסתּר רחל. זי פירט אַ שטענדיקן קריג מיט זיך, מיט לײַט, מיטן בורא־עולם, אָבער אירע גרעסטע שונאים געפינען זיך אונטער איר אייגענעם דאַך.

זי שטויסט זיך אָן אויף זיי גלײַך ווי זי עפנט די אויגן אין דער פרי. איר דאַכט זיך, אַז דער זייגער יאָגט זיך צו שנעל און פאַרקירצט איר די טעג; דער לוח טרייסלט צו האַסטיק אַראָפּ פון איר די יאָרן, ווי

אין האַרבסט אַ בוים די בלעטער, און דער שפּיגל, דער שונא, מאַכט פּשוט חוזק פון איר.

אסתּר רחל קאָן אָפּט פאַרגעסן דעם נעכטן, אָבער קלאָר און בולט ליכטיקט זיך דער עבר אין איר. זי שמייכלט גליקלעך, ווען זי שילדערט פאַר אירע שכנים אירע מיידל־אָרן, ווי זי האָט אויסגעזען אַלס יונגע מוטער. איר ווייזט זיך דעמאָלט אויס, אַז אירע אַפּלען האָבן באַקומען צוריק דעם גאַלדיקן אָפּגלאַנץ און פון איר פּנים זענען פאַרשוווּנדן אַלע פאַלדן און קנייטשן.

און מחמת די אַלטע פרוי איז אַזוי אַריינגעטאָן אין עבר, זיינען אירע נעכט פול מיט שטיקלעך אָפּגעריסענע חלומות און דוכטענישן פונעם אַמאָל. ס׳איז רעכט זי זאָל זיך אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט און זיך אַרויסשאַרן אויפן גאַניק און זיך פאַרקוקן אין די ווייטע הייכן. דאָרטן איז אַלץ געבליבן ווי געווען: די שטערן האָבן זיך ניט געביטן, אָבער זיי זאָגן איר אַצינד גאָרנישט צו...

אסתּר רחל איז ניט צופרידן מיטן סדר־העולם. אָנשטאָט חנפענען און בעטלען ביים באַשעפער, דאַרף מען פאָדערן און מאָנען ביי אים! וואָרן ניט מיטן אייגענעם רצון קומט כּידוע דער מענטש אויף דער וועלט, און ווען ער וויל זיך אַרויסטאָן פון איר, ווערט ער באַטראַכט פאַר אַ זינדער. דאַרף מען טייטשן דעם פּשט, אַז כּביכול נייטיקט זיך אין אים צוליב עפּעס אַ צוועק. און אויב ס׳איז אַזוי, טאָר ער דאָס ווערק פון זיינע הענט ניט קליין האַלטן, ניט אומברענגען.

די שכנות הערן אויס אירע טענות און הגם זיי זיינען, ס׳רוב, פאַר זיי אומקלאָר, און פאַר אַנדערע אַפילו גאָט־לעסטעריש, זיינען זיי אַלץ איינס שטאָלץ מיט איר פריינדשאַפט.

אַלינקע

דער שמועס דרייט זיך, ס׳רוב, אַרום די מינים געריכטן און פּאַטראַווועס, וואָס מען סערווירט אין רעזאָרט. איר שווערער גוף פאַרצערט אַ שלל מיט שפּייז ביודעים אין עסזאַל, און בלא יודעים ביי זיך אין צימער. זי עסט שטיל, געלאַסן, בכדי צו פילן בעסער און לענגער דעם טעם אויפן גומען.

אויף אירע ברייטע אַקסלען און קורצן האַלדז האָט זיך דווקא באַזעצט אַ שיין מאָדעלירטער קאָפּ, מיט ייִנגלש־געשניטענע האָר, וועלכע דערגרייכן אירע גרויסע, העזהדיקע אויגן. ביי לייט, וועלכע זעען זי צום ערשטן מאָל, רופט זי אַרויס אַ געמישטן געפיל פון אָפּשיי און אומהיימלעכקייט.

די מויד איז צופרידן מיט זיך. דער פאָטער האָט איר איבערגעלאָזן אַ מטמון אין זיין צוואה. אירע קרובים, וועלכע קומען אָן צו איר לאַסקע, זיינען אָפּט די אָביעקטן פון איר האַרבקייט און קריגערישקייט. איר הויך־גרילצנדיק קול קאָן אָבער אַריבער אין אַ ווייך־שטילן וואָרקען, ווען זי רעדט צו אירע צוויי קעצעלעך, און נאָך מער ווען די רייד זיינען געווענדט צו זיך אַליין, ווי למשל: אַצינד וועט אָלינקע פאַרבייסן מיט אַ רויט עפּעלע. אָדער: שוין צייט, אַז אָלינקע זאָל אויסטרינקען אַ גלעזעלע אָראַנזש־זאַפּט, צי: אָלינקע דאַרף שוין גיין שלאָפן!

אָלינקע זוכט צו שטילן איר מאַן־בענקשאַפט מיט לייענען פאָרנאָגראַפישע ביכלעך.

איין טאָג זיינען אירע קעצעלעך פאַרלאָרן געגאַנגען. זי איז געוואָרן אויס מענטש. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אַלעמען, און איז אַוועק זיי זוכן אין אַ דערבייאיקן וועלדל. פאַרנאַכט־צו האָט זיך אָנגעשלאָגן אַ ניי־געקומענער גאַסט זי צו באַגלייטן. די מויד האָט נישט דערווידערט. אדרבא! זי האָט זיך דערמאָלט דערמאָנט אין די געלייענטע ביכלעך וועגן באַפאַלענע און פאַרגוואַלטיקטע פרויען. זי האָט געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף אים, געוואָלט דערשנאַפּן זיינע כוונות. זי האָט אַפילו פאַרגעסן אינעם צוועק פון איר גיין. זי האָט געהאַלטן דעם פרעמדן אונטערן אָרעם און אים סוגערירט מיט יעדן דרוק פון איר האַנט... נאָר יענער האָט גענומען טויט־ערנסט איר זוכעניש און האָט זיך געשלעפּט מיט איר איבער די קרומע סטעזשקעס מיט זאַמדיק־שפּיציקע שטיינדלעך, ביז... יאָ! ער לויבט אויף דער שוטה! עס האָבן זיך אָפּגעפונען די קעצלעך! זיי זיינען געלעגן אין אַ גריבל, איינגעקאָרטשעט איינס אינעם אַנדערן און — געדרעמלט...

אָנשטאָט זיך צו פרייען מיטן געפינס, איז זי געווען שטאַרק אָנגעדראָדלט אויפן פרעמדן...

די אַלטע און דער פּאַפּוגיי

צביה גערדענקט מער ניט איר עלטער. די קינדער זיינען שוין לאַנג אויסגעגעבן און אַזוי אויך די אייניקלעך — וווינען זיי אַלע אין ווייטע שטעט. צומאָל דערמאָנען זיי זיך און שיקן איר צו אַ בריוול. אויף "מוטערס טאָג" קומען־אָן, ווי דער איינפיר איז, חוץ באַגריסונגס־קאַרטלעך אויך פּעקלעך מתּנות. ס'טרעפט אויך, אַז עמעצער פון דער גרויסער משפּחה זאָל באַזוכן דעם ווינטער־רעזאָרט, מיאַמי ביטש, און זיך אָפּשטעלן ביי איר אויף עטלעכע מינוט.

די אַלטיטשקע האָט צו קיינעם קיין טענות ניט. איר מאַן האָט זי באַזאָרגט מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ און מיט אַ חודשלעבן איינקונפט. נאָך זיין פּטירה האָט זי אַריינגענומען אין שטוב אַ פּאַפּוגיי, זי זאָל האָבן צו וועמען צו רעדן, וועמען צו האָדעווען און וועמען אָפּצוהיטן. איר וואָלט אוודאי ליבערשט געווען אַ מער וואָגיק באַשעפעניש, נאָר חוץ פייגעלעך דערלויבט מען ניט, אין יענעם בנין, קיין אַנדער בעל־חי.

דער פּאַפּוגיי איז געוואָרן איר ליבלינג און אַזוי אויך — פאַרקערט. פאַרן פייגעלע איז צביהס עלטער און אויסקוק ניט קיין שטער. ער זעט אין דער זקנה אַלע חנען פון דער וועלט, און אין איר הייזעריקלעכן קול — אַ קוואַל פון פרייד.

אַ שפּראָץ אויף טאָג, ווען צביה ווייזט סימנים פון וואַכקייט, צעטרילט זיך דאָס פּיצעלע, צו ערשט שטיל, אויף נידעריקע טענער, און ווען יענע הייבט אויף דעם קאָפּ פון קישן, ווערן זיי העכער און קלאַנגפולער. עס שפּרינגט אום אין שטייגעלע פון דער הוידעלקע צו די גראַטקעלעך, שטופּט אַרויס דאָס שנעבעלע, ווי ס'וואָלט באַגריסט די אַלטיטשקע מיט אַ "גוטינקן מאָרגן!"

ווען צביה טוט־אָפּ די שטוביקע אַרבעט, זעצט זי זיך צו צום פּאַפּוגיי און נעמט אים אויסדערציילן וואָס ס'איז איר אויפן האַרצן. און בעת־מעשה רופט זי דאָס פייגעלע מיט די צערטלעכסטע נעמען, ווי ברעקעלע, קינדעלע, נשמהלע און אַפילו — קעצעלע, וואָס דאָס איז דאָך אַ סתּירהדיקע באַצייכענונג, וואָרן יענע בריאה וואָלט דאָך געוויס פאַרצוקט איר פייגעלע...

איין טאָג האָט צביה דערהאַלטן אַ בריוו פון ניו־יאָרק, אין וועלכן עס ווערט איר מיטגעטיילט, אַז זי איז באַרייכערט געוואָרן, בעזרת־השם, מיט נאָך אַן אור־אייניקל — אַ יינגעלע! (די אַנדערע זיינען אַלע מיידלעך געווען) און זי ווערט פאַרבעטן צום פדיון־הבן. אין קאָנווערט האָט זיך אויך געפונען אַ טשעק אויף דער נייטיקער הוצאה.

די אַלטיטשקע האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה וועגן דער רייזע, צוליב צוויי סיבות: ראשית, איז עס ניט פאַר אירע כוחות צו מאַכן אַזאַ לאַנגע נסיעה אַפילו מיט אַן עראָפּלאַן, והשנית, ווי אַזוי קאָן זי איבערלאָזן אַ פיצל באַשעפענישל, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו איר, און מיט וועמען ס'איז איר שווער זיך צו שיידן? איז אָבער געווען אין בריוו אַריינגעשריבן אַן עיקר־פונקט, וואָס האָט גובר געווען ביידע מכשולים, דהיינו, דעם ניי־געבוירענעם בן־זכר וועט מען אַ נאָמען געבן נאָך איר מאַן ע״ה.

די אַלטע פרוי האָט זיך געגומען גרייטן אין וועג אַריין. און הגם זיגמונד פרויד איז געווען פאַר איר אַן אומבאַקאַנטער שם, און פון ״חכמת־הפסיכאָלאָגיע״ האָט זי קיין מאָל ניט געהערט, האָט זי אָבער גריילעך פאַרשטאַנען, אַז זי קען זיך ניט אויפהייבן אַזוי־אַ, הענדום־פּענדום, און — פאַרשווינדן! נאָר זי דאַרף צוערשט צוגעוווינען צו ביסלעך איר ליבלינג צו די נייע תּנאים.

זי האָט, קודם־כּל, באַשלאָסן, דאָס פייגעלע זאָל בלייבן אין דער זעלביקער סביבה, דאָס הייסט, ביי איר טאַקע אין דער וווינונג, און אַ שכנה זאָל אַכטונג געבן אויף דעם. און בכדי די שכנה זאָל ניט זיין לחלוטין פרעמד דעם פּאָפּוגיי, דאַרף יענע אַריינקומען עטלעכע מאָל דורכן טאָג, בעת זי, צביה, איז נאָך דאָ, און רעדן צו דעם און עס רופן מיט די זעלביקע צערטל־נעמען און אַפילו אונטעררוקן אַ נאַש — פיצעלעך מער...

צביה האָט אויסמאַרקירט צו פאַרלאָזן די שטוב אין אָוונט, ווען דאָס פייגעלע איז שוין געשלאָפן. אָבער שוין אין מיטן נאַכט האָט עס דערשפּירט, אַז די אַלטיטשקע פעלט, און עס האָט גענומען אומעטיק פישטשען. די שכנה האָט עס דערהערט דורכן וואַנט, נאָר זי האָט זיך ניט געוואָלט שטערן די רו און זי איז געבליבן אויף איר געלעגער.

אין דער פרי האָט זי געפונען דעם פּאָפּוגיי פאַררוקט אין אַ ווינקעלע

פון שטייגל. דאָס שנאָבעלע אַראָפּגעלאָזן און די אייגעלעך פאַרגלייזט. און וויפל זי האָט צו דעם ניט גערעדט און עס גערופן מיט די ליבלעכסטע נעמען, האָט זיך דאָס פייגעלע ניט אומגעקוקט אויף איר. און דאָס ערגסטע איז געווען, עס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עסן.

די שכנה האָט אַרויסגענומען דאָס שטייגעלע מיטן פּאָפּוגיי אויפן באַלקאָן, האָפנדיק, אַז דער טומלדיקער דרויסן, די הויכע פּאַלמעס מיט זייערע צעבוואַליעטע קעפּ און די אַרומפליענדיקע פייגעלעך וועלן עס צעשטרייען און אויפמונטערן. עס האָט זיך טאַקע אויף אַ רגע צעטרילערט, אָבער באַלד זיך איינגעשטילט, ווי ס׳וואָלט איינגעזען, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר וואָס און פאַר וועמען זיך צו פרייען...

אַ וואָך שפּעטער האָט זיך צביה אומגעקערט אַ היים. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט איר ליבלינג ניט געפינען אַ לעבעדיקס, נאָר ווי איבערראַשט איז זי געוואָרן, ווי שוין אין קאָרידאָר האָט זי דערהערט אַ לוסטיק־הילכיק געפּילדער מיט ווייכע לאַשטשענדיקע ביי־טענער. דאָס פייגעלע, דערזעענדיק די אַלטיטשקע האָט אַזוי געגומען פלאַטערן און זיך רייסן פון שטייגעלע, אַז צביה האָט עס געמוזט אַרויסלאָזן.

דער פּאָפּוגיי האָט זיך אַ טראָג־געטאָן איבערן צימער, שטיין געבליבן אויף איר קאָפּ, אויף איר אַקסל, געצופּט מיט ליבשאַפט אירע ברעמען, אירע וויעס, און שפּעטער געגלעט מיט די צעשפּרייטע פליגעלעך אירע אַלטע הענט, ניט געוווסט ווי אַזוי מער אויסצודריקן דאַנקשאַפט דער זקנה, וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהיים...

עלעאָנאָר

עלעאָנאָרען האָט מען געמוזט באַמערקן. ס׳איז געווען אַ סך עלעגאַנץ און ראַפינירטקייט אין איר קליידונג, אין איר גאַנג, אין איר האַלטונג. אַ טיפן איינדרוק האָבן געמאַכט אירע אויגן — זיי זיינען געווען גרויסע און די שטאַרק שוואַרצע אַפּלען האָבן סודותדיק געפינקלט, ווי זיי וואָלטן געוווסט פון זאַכן און געשעענישן, וואָס האָבן צו טאָן מיט אַ ווייטער, אָפּגעשלאָסענע וועלט...

די יונגע פרוי האָט זיך געפונען כמעט דעם גאַנצן טאָג צווישן די ווענט פון שפּיטאָל. זי איז געווען אַן אַנאַסטעסיסטין. זי האָט זיך ספּעציאַליזירט אין געבן דעם שלאָף־סעדאַטיוו פאַר אַן אָפּעראַציע. בלייכע, אויסגעצערטע געשטאַלטן האָבן אַרויפגעקוקט צו איר מיט שרעק, מיט פאַרצווייפלונג, מיט געבעט. אין אירע דינע, בייגיקע פינגער האָט זיך אָפט געוויגט די וואָגשאָל פון לעבן און טויט...

אַכט אין אָוונט האָבן זיך געענדיקט אירע פליכטן. זי האָט זיך דעמאָלט איבערגעטאָן און זיך געקליבן וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן דאָס אָרט פון איר לאַנג־שטונדיקן אויפהאַלט. זי פלעגט בשעתּה באַזוכן אָפט אירע פריינד, דעם לערער סאַפּיאַן און זיין פרוי, צו וועלכע זי האָט געפילט אַ שטאַרקן צובונד. דער לערער האָט געהאַט אַ הויכע מיינונג וועגן איר, און ער, ווי אַנדערע ביי אים אין הויז, האָבן אָפּגעשאַצט די דערהויבענע נוצלעבקייט פון איר פּראָפעסיע.

איין מאָל האָט עלעאָנאָר אָנגעטראָפן ביי די סאַפּיאַנס אַ מאָדנעם און לחלוטין אומגעריכטן גאַסט, וואָס איין גאָט ווייסט ווי אַזוי ער האָט אַהין פאַרבלאָנדזשעט. ער איז געווען אַן עלטערער מאַן מיט גרוילעכע האָר פון אַ פעפער־און־זאַלץ־קאָליר, מיט אַן אומעטיקן שמייכל אין די טיפע קנייטשן פון פּנים, און לפי דעם אויסזען און פאַרנעם — פאַרמעגלעך. עס זיינען דעמאָלט געווען אַ סך באַזוכערס אין שטוב, אָבער זיין דורכדרינגענדיקער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער יונגער פרוי, און מיט איר האָט ער אָפּגעשמועסט כמעט דעם גאַנצן אָוונט. ביים געזעגענען זיך האָט ער איר פאָרגעלייגט אָפּצופירן זי אין זיין אויטאָ אַהיים, דאָס הייסט, צו די טויערן פון שפּיטאָל־בנין, און זי האָט מיט דאַנק אָנגענומען.

פון דעמאָלט אָן איז עלעאָנאָר צום גרויסן צער פון אירע פריינד, מער ניט געקומען אויף באַזוך, און אויך פון שפּיטאָל איז זי פאַרשוווּנדן, ניט איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַפילו אַ שפּור... אַ יאָר איז אַריבער.

פאַר דער צייט האָבן די סאַפּיאַנס ניט איין מאָל דערמאָנט מיט בענקשאַפט די יונגע פרוי. זיי האָבן ניט אויפגעהערט זיך נאָכצופרעגן ביי זייערע באַקאַנטע אויף איר, און זיי זיינען לסוף געקומען צו דער טרויערדיקער מסקנא, אַז אַ גרויס אומגליק האָט, קאָנטיק, געטראָפן מיט זייער פריינדין. אינעם אָוונט פונעם לערערס געבוירנטאָג, צו וועלכן

ס׳האָט זיך תּמיד צונויפגעקליבן אַן אינטימער קרייז פון נאָענטע און אייגענע זיך האָבן די סאַפּיאַנס שטאַרק געערגערט, וואָס עלעאָנאָר וועט אויספעלן, און צוליב דער און אַנדערע סיבות האָבן זיי פאַרגעסן איינצוהאַנדלען עטלעכע וויכטיקע זאַכן, צווישן זיי אַ פּאָר פלעשער ווײַן פאַר דער שמחה. היות ווי ס׳איז נאָך געווען פרי, האָט דער לערער באַשלאָסן זיי אַצינד צו באַזאָרגן . ער איז אַרויס אין גאַס און נאָך פיל אומדרייעניש האָט ער אָפּגעזוכט אַ ווײַנגעשעפט, און קויפנדיק די נייטיקע משקה, איז ער פלוצעם שטיין געבליבן אַ געפּלעפּטער. פון יענער זייט בופעט האָט אויף אים שטום געקוקט זיין פאַרלאָרענע פריינדין. משמעות אַז די באַגעגעניש איז געווען פאַר איר פיינלעך. ער האָט אויך געשוויגן. נאָר איבער זיין גאַנצן פּנים איז געווען אויסגעגאָסן איין גרויסער פרעגצייכן...

זי האָט אים געבעטן אויפדעקן און אויפקלערן צו ביסלעך איר סוד, נעמלעך, אַז דער עלטערער מאַן, וואָס האָט זי אַרויסבאַגלייט יענעם אָוונט פון סאַפּיאַנס הויז, האָט איר פאַרגעלייגט אָפּצוקויפן זיין גוט עטאַבלירט געשעפט פאַר אַ מעסיקן פּרייז, מחמת ער וויל זיך צוריקציען, צוליב עלטער, פון מסחר. ער האָט געוואָלט אַז זי און ניט קיין אַנדערער זאָל געניסן פון גרויסן רווח, וואָס ס׳ברענגט אַריין, ווייל זי דערמאָנט אים אין זיין איינציקע טאָכטער. יענע איז אויך געווען אַ קראַנקן־שוועסטער, און איז מחמת אַן אומפאַרשטענדלעכער חלאת אַוועק יונג פון דער וועלט. און זי, לעאָנאָר, ווי ער זעט, האָט אָנגענומען זיין אָנבאָט. — און פאַר וואָס ניט? — האָט זי זיך אַליין איבערגעריסן. זי האָט אַלע מאָל געחלומט פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער געלעגנהייט זיך צו באַפרייען פון שפּיטאָל, און איצט איז איר חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן. זי האָט פאַרגרעסערט דאָס געשעפט, געעפנט דערביי אַ ״טרינקבאַר״, אָנגעשטעלט מער מענטשן און איר איינקונפט האָט זיך פאַרטאָפּלט.

עס האָט זיך באַוויזן אַ נייער קונה און זיך געזהייסן דערלאַנגען עפּעס אַ אומבאַקאַנטן געטראַנק. מ׳האָט גערופן די באַלעבאָסטע. עלעאָנאָר האָט זיך אַנטשולדיקט פאַרן לערער, און ווען זי האָט זיך אומגעקערט, האָט זי, ווי לייענענדיק זיינע געדאַנקען, באַמערקט אַפּאָלאָגעטיש, אַז זי האָט זיך דערווייטערט פון אירע פריינד ניט פון בייזוויליקייט, נאָר זי האָט

געוווסט, דער איבערבייט איז ניט לויט זייער געשמאַק און זיי וועלן עס איר אויך ניט פאַרגעסן.

— איך פיר אָפּט אַ הינטיש לעבן און דאָס איז אין אַ געוויסן זין מיין שטראָף! — דער לערער האָט נאָך אַלץ געשוויגן. ער האָט זיך שטאַרק מצער געווען אויף דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דער יונגער פרוי. זי האָט איצט אויסגעזען מיד און געעלטערט. די איבעריקע וואָג אויף איר האָט שווער געמאַכט אירע באַוועגונגען, איר גאַנג, אויך די דיסהאַרמאָנישע פאַרבן פון אירע קליידער האָבן ניט געהערט צו דער פערזאָן, וועלכע ער האָט געקענט. און אירע אויגן? זיי האָבן פאַרלאָרן דעם שטילן, געהיימנישפולן שימער. זיי זיינען רגעוויז געווען עזותדיק פאַרריסן, נאָך דאָס רוב טיף טרויעריק, ווי צוויי יאָרצייטליכט נאָך אַ בר־מינן...

ביי דער טיר האָט זי גענומען ביי אים אַ וואָרט, אַז זייער באַגעגעניש זאָל בלייבן אַ סוד. גייענדיק אַהיים, האָט ער ניט אויפגעהערט צו קלערן וועגן איר און וועגן דעם, ווי פאַרפלאָנטערט עס זיינען אָפּט די וועגן פון מענטשן. ניט ווייט פון הויז האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים אַן אַלטער קודלעוואַטער הונט. ער איז אים עקשנותדיק נאָכגעגאַנגען טריט נאָך טריט. און ווען סאָפיאַן האָט פּלוצעם אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ, איז ער אויפגעציטערט געוואָרן פון שרעק און חידוש, אויף אים האָבן געקוקט גרויסע, פייכטע אויגן מיט טריפנדיקע טרערן אין די ווינקלען, ווי ער, דער הונט, וואָלט אויף אימיצן געקלאָגט און געטרויערט. און סאָפיאַן האָט זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן ווי ענלעך זיינע אויגן זיינען אויף דער פרויס, וואָס ער האָט ערשט איבערגעלאָזן ביי דער טיר...

צוויי לערערינס

דאָס לעבן טוט אָפּ אָפּט מאָדנע שפּיצלען! די דינע, לאַנגפיסיקע און אויסגעצויגענע סוזי דיקסאָן האָט געטיילט איין וווינונג מיט דער שווער וואָגיקער און קורצער פעי שערלאַנד. ביידע זיינען געווען ניט פאַרהייראַט און לערערינס אין דער שטעטלדיקער פאָלקשול.

ביידע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייער פּראָפעסיע, די ערשטע אין אַמעריקאַנער געשיכטע, די אַנדערע — אין מאַטעמאַטיק. זייער התמדה און בקיאות האָבן אַרויסגערופן לויב און באַוווּנדערונג. אפשר איז זייער פלייס און דערגרייכענונגען געווען אַ פּועל־יוצא פון אַ דוחק ביי זיי אין אַנדערע אינטערעסן און דערפאַרונגען...

זייערע וואָכנטעג האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער געוויינטלעכער שולרוטין, און האָבן זיך פאַרענדיקט שפּעט אין טאָג מיט אַ פּאַק פּאַפּיר־בויגנס, געבראַכט אַהיים אויף איבערזיכט און קאָרעקציע. ביידע האָבן זיך דעמאָלט פאַרשפּאַרט אין זייערע צימערן און געאַרבעט איבער זיי ביז פאַרנאַכט (אויב נייטיק אויך שבת און זונטיק). נאָך דעם האָבן זיך די צוויי לערערינס באַגעגנט אין קיך צוצוגרייטן דעם אָוונט־מאָלצייט און, עסנדיק שטילשווייגדיק ביים זעלביקן טיש, האָבן זיי געפירט בעת־מעשה אַ שמועס אין דער מחשבה, וואָס איז געווען פול מיט טענות־ומענות איינע קעגן דער אַנדערער. (קאָנטיק אַז די צוויי האָבן זיך ניט שטאַרק גערן געהאַט!) און די טענות האָבן דאָס רוב געהאַט צו טאָן מיט דער קליידונג, פירונג און שפּייז, וועלכע זיי האָבן יאָ און ניט געגעסן. בעת סוזי דיקסאָן האָט זיך קוים צוגערירט צו עפּעס אַ מאכל, האָט פּעי שערלאַנד פאַרצערט אַלץ ביי איר זייט און אָפט אַפילו „פאַרבלאָנדזשעט" צו דער חברטעס איבערבלייבענישן, און דערביי געהאַט אַ מין חוזק־שמייכעלע, וואָס אויף ייִדיש וואָלט מען עס געטייטשט: — „ווי די מתים עסן — אַזוי זעען זיי אויס!" די אַנדערע איז איר ניט געבליבן שולדיק קיין ענטפער און דווקא אויך מיט אַ שמייכעלע, וואָס דער מיין דערפון האָט פּעי שערלאַנד ניט געדאַרפט גיין זוכן ביי די אַמעריקאַנער קלאַסיקערס, נעמלעך — „געווען אַ דבר אחר און פאַרבליבן אַ...!"

די נעכט זיינען פאַר ביידע געווען אַן אָפּקומעניש, זיי האָבן געליטן פון שלאָפלאָזיקייט און געזוכט צו פאַרטרייבן די וואָכע שעהען מיט לייענען, אָבער דאָס רוב מיט אַרומגיין איבערן צימער. זיי האָבן דאָס געטאָן, ווי זיי האָט זיך געדאַכט, שטיל און רוישלאָז, עס האָט זיך זיי אָבער זעלטן איינגעגעבן. סוזי דיקסאָן האָט גלייך דערשנאַפּט איר שכנהס שווערן טראָט, און זי האָט ביין אַ מורמל געטאָן: „די קו גייט שוין אויף פּאַשע..." דאָס זעלבע פּלעגט געשען, ווען די געשיכטע־לערערין איז אַראָפּ פון בעט. פּעי שערלאַנד האָט אויפגעכאַפּט איר יעדע באַוועגונג.

און אויך זי האָט באַגלייט איר קאָלעגין מיט ניט קיין שמייכלענדיקע עפּיטעטן...

מענטשן האָבן זיך לכתחילה געוווּנדערט ווי קאָנען אַזוינע צוויי קעגנגעזעצטע ברואים הויזן אונטער איין דאַך? ביז זיי האָבן זיך אויפגעהערט צו וווּנדערן און זיי האָבן די צוויי באַטראַכט ווי אַ טייל פון דער שטעטלשער טאָפּאָגראַפיע...

אין נאַכט האָט געטראָפן אַ מאָדנע טרעפעניש. סוזי דיקסאָן איז אַריין אין קיך נעמען אַ טרונק וואַסער און האָט אומוויליק פאַרטשעפּעט אין דער פינצטער מיטן אַרבל דאָס קראַנטל פון גאַזאייוועלע און עס געעפנט. זי האָט זיך אומגעקערט אין איר צימער, און זייענדיק מיד פון לאַנגן אַרומגיין, האָט זי גלייך איינגעדרעמלט.

איר חברטע וואָס האָט זיך נאָך געראַנגלט מיטן שלאָף האָט אָבער דערשפּירט דעם גאַז און אָנשטאָט אים גלייך צו פאַרמאַכן, האָט זי זיך, אַ היסטערישע, אַ לאָז געטאָן צו דער דרויסנטיר. נאָר אויפן וועג האָט זי זיך אין עפּעס דערמאָנט און זי האָט זיך אַ קער געגעבן צו דיקסאָנס קאַמער. זי האָט עס אויפגעפּראַלט און האָט אַרויסגעטראָגן אויף די הענט די פאַרחלשטע לערערין. זי געטראָגן דורכן אָנגעפילטן הויז מיט סם־המוותדיקע ריחות אַרויס און געוואַכט איבער איר ביז די "גיכע הילף" איז געקומען...

דער "אייביקער סטודענט"

לייב שאַליט האָט דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים פון אַ פּליט: בעתן ערשטן וועלטקריג איז ער געווען אַ זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי, שפּעטער — אַ געפאַנגענער אין עסטרייך. גיך רינט ער אויס פון דאָרטן און טויכט אויף ביים אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין זיין היים, אין כערסאָנער געגנט.

ווען דעניקין דערנענטערט זיך צו זיין שטעטל, איז שוין לייב שאַליט ווידער אויף די פיס צו אַ נייעם "ערגעץ", אָבער באַלד שלאָגט ער זיך אָן אין קאָלטשאַקס מחנות, און ווען ער ראַטעוועט זיך אַרויס פון זייערע הענט, פאַלט ער אַריין צו די באָלשעוויקעס.

דערנאָך גייט אַוועק אַ סדרה פון ווייטערדיקע וואָגלעניש דורך סיביר קיין שאַנכאַי — און ווו געטאָגט דאָרטן ניט גענעבכטיקט. נאָך לאַנגע וואַרטענישן, מי און יסורים דערגרייכט ער ענדלעך די "גאָלדענע מדינה"...!

בעתן לאַנגן נע־ונד האָבן זיך אין זיין זעלנערישן קלומעק געפונען געציילטע ספרימלעך פון קעשענע־פאָרמאַט, נעמלעך — אַ תנ"כל און צוויי ווערטער־ביכלעך, אַ רוסישער און דייטשער, און אין דעם שאַנכאַי־פעריאָד — אַ כינעזישער. ער האָט "געזוברעוועט" באַקאַנטע און פרעמדע לשונות ביי זיין מאָגערן מאָלצייט און בכלל אין יעדער פרייער מינוט און אין די שלאָפלאָזע נעכט געזוכט טרייסט און מנוחת־הנפש אינעם אייביקן ייִדישן ספר...

האָבן זיך גענומען וועבן אַרום דעם פליט בשעתו פאַרשיידענע מעשיות וועגן זיינע שפּראַך־קענטענישן און וועגן זיינע גאָט־בענקעניש. ווייל אויך זיינע שכנים האָבן געליטן אויף שלאָפלאָזיקייט און געהערט זיין נאָכאַנאַנדיק שעפטשען, און היות ווי זיי האָבן געוווסט אַז ער, אין זיין פריער יוגנט, איז געווען אַ סטודענט, האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן, אויך צוליב זיינע שטענדיקע בוך־גריבלענישן: "דער אייביקער סטודענט".

און אָט דער צוגאָב־נאָמען האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט און ער איז מיט אים געקומען אין נייעם לאַנד און נאָך איידער ער האָט באַטראָטן זיין ערד איז ער שוין געווען באַקאַנט מיט זיין שפּראַך און ליטעראַטור.

אין איין טאָג האָבן פריינד זיך דערוווסט, צו זייער אָנגענעמער איבערראַשונג, אַז לייב שאַליט האָט זיך פאַרשריבן אין דער שטאָטישער הויכשול אויף די ניט־אַקרעדיטירטע קורסן פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און געשיכטע. אים איז אויסגעקומען צו זיצן אין איין קלאַס מיט סטודענטן, וואָס האָבן געקענט זיין זיינע זין און טעכטער און אַפילו אייניקלעך.

לכתחילה האָט עס אים אַ ביסל שאָקירט, צי אפשר האָט ער שאָקירט די יונגע חברהלייט, אָבער גאָר גיך האָבן זיי זיך צוגעוווינט איינער צום אַנדערן און זיך קעגנזייטיק פריינדלעך און גוטמוטיק באַהאַנדלט.

יאָ, שיער ניט פאַרגעסן, לייב שאַליט איז אין די שאַנכאַי־יאָרן געוואָרן אַ סוחר פון דימענטן. פון וואַנען ס'האָט זיך צו אים גענומען אַ קענטעניש און אַ מבינות אויף די "גלאַנציקע שטיינדלעך" איז פאַר

אים אַליין געווען און פֿאַרבליבן אַ סוד, אַז יינגלווייז און בחורווייז האָט ער גאָר געלערנט אין חדר און ישיבה. שפּעטער אין אוניווערסיטעט, איז ווי קומט ער צו אבנים טובות? בלייבט אַ קשיא!...

מילא, בקיצור, ער איז געוואָרן אַ גרויסער גביר, ער האָט באַוווינט אַ רחבותדיקע דירה מיט קונסטבילדער אויף די ווענט און קינסטלערס זיינען געווען זיינע אָפטע געסט. ער האָט געהאָלפן מיט אַ ברייטער האַנט לאַנדסלייט און גוטע פריינד, אַזוי אין שאַנכאַי, אַזוי אין ניו־יאָרק און גאָר לעצטנס אין דער עיר הבירה — מיאַמי ביטש...

אָבער ערגעץ אין די ווייטע הייכן קען מען ניט צוזען אַזוי פיל שלווה און האַרמאָניע ביי איין מענטש און עס זיינען אים באַפאַלן איובס צרות און חולאתן, און זיי האָבן געבויגן זיין רוקן און געמינערט זיין ראיה און האָבן אָפּגעשוואַכט זיינע אברים. נאָר אויף זיין פאַרשטאַנד און אינטעלעקט האָבן זיי קיין שליטה ניט געהאַט...

האַלטן די משפחה־לייט אָפּ אַן אסיפה אָן זיין וויסן און באַשליסן אַז אַ בר־נש אין אַזאַ צושטאַנד איז ניט מסוגל ווייטער אָנצופירן די פינאַנציעלע עסקים, און זיי נעמען (געזעצלעך) אַרויס פון זיינע הענט די אַפּוטרופּסות...

ליגט דאָס רוב לייב שאַליט אַליין אין זיין צימער, אַ כמעט פאַרגעסענער, מיטן פּנים איינגעגראָבן אין קישן און שווייגט און ווען עמעצער פון די "אַמאָליקע" קומט אים זען און בעט זיך ביי אים ער זאָל רעדן, זאָל עפּעס זאָגן, הייבט ער אויף אויף אַ רגע זיין פאַרצערט געשטאַלט און ענטפערט די זעלבע חומשדיקע ווערטער: "מה נאמר ומה נדבר?" און באַגראָבט ווידער דעם קאָפּ אין קישן...

אַ שנירל פּערל

די יונגע פרוי שוועבט אום מיט לייכטקייט און גראַציע און דערמאָנט, אין איר עקזאָטיש־זיידן קלייד, אין אַ גרויסן שמעטערלינג.

ס'איז היינט איר געבוירנטאָג, אַ סך געסט זיינען געקומען צו איר שמחה, אָבער זי זעט נאָר זיך אַליין — אין די אַרומיקע שפּיגלען. און נאָך מער אין די אויגן פון אירע פאַרערערס. אירע אויערן כאַפּן אויף

וואַרעמע רייד אויפן אַדרעס פון איר חן. פון איר גוטן געשמאַק, פון איר טואַלעט און אויסטערלישער צירונג.

אַז ס׳זאָל זיך געפינען צווישן די מאַנצבילן איינער, נאָך אַ דיכטער דערצו, וואָס זאָל דעם גאַנצן אָוונט שווייגן, איז פאַר איר ניט נאָר אַ וווּנדער, נייערט אַ באַליידיקונג. זי האַלט ניט אויס און טוט אים זייטיק אַ פרעג אויף ענגליש:

— ״טהי קעט קאָאַט יור טאָנג?״ (די קאַץ האָט געפאַנגען אייער צונג?).

ער כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ דרימל:

—זייט מוחל, וואָס האָט איר דאָ געזאָגט וועגן אַ קאַץ?

—״נעוועיר מיינד טהי קעט״ (לאָזט צורו די קאַץ). — איז זי אומגעדולדיק.

— זאָגט מיר בעסער, ווי געפעלט אייך דאָס שנירל פּערל, וואָס כ׳האָב היינט געקראָגן פון אַ פריינד? (לפי איר פראַגע און האַלטונג, איז געווען אָנצונעמען, אַז יענער איז איר מער ווי אַ פריינד...)

דער דיכטער באַטראַכט מיט גלייכגילט איר צירונג און ענטפערט מיט אַ געוויסער פייערלעכקייט:

— איך האָב אויך באַקומען היינט אַ שנירל פּערל!

— איר? אַ מאַן? פּערל? — איז זי זייער פאַרחידושט.

ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַן אויסשניט פון אַ צייטשריפט און דערלאַנגט איר:

— דאָס איז אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מיין בוך. זאָגט אַליין, איז עס ניט קיין פּערל?

זי פאַרטיפט זיך צו זיין איבערראַשונג אינעם לייענען, זי איילט זיך ניט, לייענט מיט אַ וואַקסנדיקן אינטערעס, גלייך זי וואָלט געטרונקען אַן אָנגענעמע משקה און וואָלט ניט וועלן פאַרלירן אַפילו קיין טראָפּן. זי ענדיקט און זאָגט מיט אַן אומעטיקן טאָן:

— ״אייער שנירל פּערל איז, דאַכט זיך, מער ווערט פון מיינעם...״ און זי איז אַוועק צווישן עולם.

צוויי מעשענע לייכטערלעך

די הויפטגאַס אין דער עיר־הבירה איז אָפּגעשלאָסן פאַר קאָמוניקאַציע. בלויז פון צייט־צו־צייט פאָרט דורך איבער איר גאַנצער לענג, כמעט אומבאַמערקט, אַ קליינער, אָפּגעדעקטער אָמניבוס, באַזעצט פון ביידע זייטן מיט נייגעריקע טוריסטן.

מחנות מענטשן יום־טובדיק אויסגעפּוצט און אָפּט אין פּשוטע אַרבעט־קליידער, מיט בלויזע קעפּ און ניט זעלטן מיט ברייטע טעקסעס־קאַפּעלירשן, שפּאַצירן פאַמעלעך־פּויל לעבן די לאַקנדיקע וויטרינעס פון די פאַרנעמיקע געשעפטן, אָדער פאַרקוקן זיך אויף די פּאַלמעס און סובטראָפּישע געוויקסן, וועלכע רינגלען אַרום פאָנטאַנען און קליינע וואַסער־באַסיינען, באַטראַכטן בנינים מיטן אָנבליק פון בבלישע טורעמס און געבייען וועמעס שפּיצן ווערן פאַרלאָרן אין די ווייטע הויכן...

פאַר די אויגן מיניען זיך ברוין־טונקעלע געשטאַלטן פון לאַטיין־אַמעריקע, וועלכע האָבן דאָ געפונען זייער "שאַנגרי־לאַ". זיי הויערן, ווי בינען, אַרום שפּייזקראָמען מיט אַן אָפן פענצטערל פון דער גאַס, וווּ עס ווערן פאַרקויפט גלעזלעך קאַווע, צוגעריכט לויט זייער גוסט און לפי זייער געשמאַק, און זייערע רייד און געשרייען מישן זיך מיט די הילכיק גרילציקע טענער פון דעם לאַטינאָ־דזשאַז, וועלכער טראָגט זיך פון זייערע געוועלבער, און צינדט די לופט מיט אַפריקאַנער ווילדוואַלד און ווייסט ניט פון קיין אָנהייב און פון קיין סוף...

דאָס געמיט איז געפאַלן... ערשט מיט אַ יאָרצענדליק צוריק איז די שטאָט געווען פאַררעכנט פאַר איינע פון די ייִדישסטע... אויף אירע גאַסן האָט מען געהערט דאָס ייִדיש־לשון, אין אירע פּאַרקן האָט מען געזען ייִדן מיט אַ ייִדיש בלאַט אין דער האַנט, און אין די אָוונטן האָט זיך פון באַלקאָנען אָפּט געטראָגן ייִדיש געזאַנג... און מחשבות, ווי בייזע רוחות, מאַטערן און זוכן אַן ענטפער...

— שלום! — גיט פּלוצעם אַ גלעט אַ ווייכע שטים. — אדון יהודי?

— און פון צופיל צער ווילט זיך אַזש אויספּלאַצן אין אַ געלעכטער. אַ שיינע שאלה אַ ביסל! — און ווער זייט איר, אויב מען מעג פרעגן?

— אוודאי! געוויס! — ענטפערט זי שוין אויף ענגליש. און די אויגן גרויסע, נאַכט־שוואַרצע, מיט אַ בלוילעכן אָפּשיין, איינגערעמלט אין אַ

טונקל־גאָלדיקער מראה, זיינען ווי דאָס מויל, פול מיט רייד. — זיכער אַ פאַרשווינטע פון די מיסיאָנערן! — פאַלט איין אַ געדאַנק. — וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך? — פרעג איך פון יוצא־וועגן — און, דאַכט זיך, אַז איך האָב פאַרהערט אייער נאָמען...

כ׳האָב אייך נאָך ניט געזאָגט — ענטפערט זי מיט אַ שמייכל.

— אָבער דאָס איז ניט וויכטיק, וויכטיק איז די מתנה וואָס איך וויל אייך געבן. — און זי נעמט אַרויס פון אַ ווייס זעקעלע צוויי קליינע מעשענע לייכטערלעך, וועלכע שעמערירן ווי גין־גאָלד אין פריען בין־השמשות און זאָגט:

— ביי יִדישע פרויען, ווי איר ווייסט מסתמא, איז אַ מצווה צו בענטשן ליכט יעדן פרייטיק, נאָך זונפאַרגאַנג, לכבוד שבת. בעט איך אייך זיי איבערצוגעבן אייער פרוי, אויב איר זייט פאַרהייראַט, אָדער שוועסטער, שכנה, צי אַזוי אַ גוטער פריינדין. זיי זאָלן אָפּהיטן די שבת מצווה!

איך בין גערירט! איך באַטראַכט אויף ס׳ניי די פרעמדע. זי דערמאָנט אַצינד אין די איידעלע תּימנישע פרויען־געשטאַלטן, צי אין די טעבטער פון —

— איך קום פון מעקסיקע! — גיט זי אַליין דעם ענטפער אויף דער דילעמע.

איך נעם צו די מתנה און שטרעק אויס די האַנט איר צו באַדאַנקען. אָבער די האַנט בלייבט הענגען אין דער לופטן. אויף מיין חידוש און וווּנדערן זיך, קומט אַ קורצע דערקלערונג: ביי אונדז ליובאַוויטשער...

— ליובאַוויטש!? שטוין איך אין מיטן פון דער רעשיקער וואַקכאַנאַליע אַרום אונדז, — ליובאַוויטש... איר?

— אַ גרטע, זאָגט זי — געטראָפן אין מעקסיקע אַ ליובאַוויטשער יִדן... — רעדט זי גיך, גיך. — איז געוואָרן אַ שידוך. אָבער די קינדער אונדזערע — אַלע כּשרע יִדישע קינדער!

— וויפל האָט איר זיי?

— פיר זאָלן געזונט זיין! דריי יִנגלעך און איין מיידל! — ווי מיר שמועסן אַזוי, קומען אָן צוויי בחורימלעך פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, מיט דער מאַמעס מילך און מיט אַן ערשטן שפּראָץ אויף די ליפּן. דערזעענדיק אַ פרעמדן, פאַרריכטן זיי די יאַרמלקעס, די חסידישע הלבשה און זאָגן

מיט אַ שעמעוודיקער דרייסטקייט צו דער פרוי: — יוכבד, דער טאָג שטייט ניט!...

— מיר זיינען תּלמידים פון דער היגער ישיבה! — ענטפערןביידע איינצייטיק, און איך כאַפּ אַ שמועס מיט די צוויי, און ס׳לאָזט זיך אויס, אַז איינער איז געבוירן אַוש אין בראַזיל. זיין טאַטע, אַ ליובאַוויטשער ייִד, וויל דווקא ער זאָל לערנען אין דער היגער ישיבה און באשר ער פּירט געשעפטן מיט היגע סוחרים, כאַפּט ער זיך אָפּט אַראָפּ אַהער און זעט זיך דערווייל מיטן זונדל.

דאָס צווייט בחורל שטאַמט פון אַ שטעטל אין טענעסי, און ער נייטיק זיך אין היגן קלימאַט און אַוודאי אין ייִדישן חינוך. — נו, דאַרף מען נאָך אַ פּאַסיקערן אָרט? — רעדט ער דעם טאַטנס רייד. — ער קוקט זיך אַ ביסל פאַרלאָרן אַרום און בלייבט מיט אַ מאָל שטיל...

היות ווי די אומגעריכטע באַגעגעניש מיטן יונגוואַרג קומט פאָר אין דער וואָך פון דער סדרה „וישלח", דאָס הייסט, ווען יעקב אבינו שיקט שליחים צו עשון און ער גיט אים אַנצוהערעניש דורך זיי, אַז ער האָט אַ רייכן אינוועטאַר פון טשערעדעס שאָף און רינדער, און אַ גרויסע מחנה פון באַדינערס, וואָרן ער שאַצט הויך זיין ברודער און וויל דערמיט געפינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן... ערשט די שליחים קערן זיך באַלד אום מיט דער אומהיימלעכער בשורה, אַז עשו גייט אים אַנטקעגן מיט אַ שטאַרקן חייל. האָט יעקב אין גרויס שרעק צעטיילט זיין מחנה אויף צווייען — אויב דער שונא וועט, חלילה, אָנפאַלן אויף איינער, וועט די צווייטע האָבן צייט צו אַנטרינען!...

פּלוצעם טוט מיר אַ שפּאַר אַ פראַגע: — זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, וויפל תּלמידים לערנען אין אייער ישיבה?

— אַוודאי אַ פיר הונדערט און אפשר מער!

— זיי זיינען עס פון די אַנטרונענע! — זאָג איך מיט אַ זיכערקייט, און וווּנדער זיך אַליין פון וואַנען זי קומט צו מיר. און ווי איך וואָלט געפונען דעם באַשייד אויף דער האַרבער שאלה, זאָג איך נאָך אַ מאָל:

— זיי זיינען פון די אַנטרונענע! — און פאַרלאָז די בחורימלעך מיט אַ באַנייטן גלויבן.

"ניי־יאָר ווינטשעוואַניעס"

צווישן די צוויי און דרייסיק יידישע באַוווינערס פונעם פיר־שטאָקיקן "קאָנדאָמיניום" געפינט זיך אַ געמישט פּאָרפאָלק. און הגם ווירדזשיניאַ געהערט צו דער עפּיסקאָפּאַלישער דענאָמינאַציע, גייט זי אַפילו זונטיק ניט אין קירך. זי חברט זיך בכלל מיט קיינעם ניט.

אָבער אַנומלט האָט זי זיך פּלוצעם צערעדט. ס'איז געווען ניי־יאָר, און ווי ס'איז דער מנהג־העולם, לאָזט מען זיך דעמאָלט וווילגיין מיט אַ גלעזעלע אָדער מער משקה, און מען ווינטש מענטשן, בפרט שכנים, עפּעס גוטס ביי אַזאַ געלעגנהייט. האָט די דערמאָנטע פרוי איבערגעכאַפּט, מן־הסתּם, די מאָס פון ביטערן טראָפּן און איז אַרויס מיט אַ לשון, וואָס געהערט ניט צו אָט דער קאַטעגאָריע. זי האָט גענומען שעלטן און זידלען אירע שכנים און זיי אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען, און ניט פאַרפעלט צו דערמאָנען, ווי געוויינטלעך, אַז זיי זיינען יידן, "שמוציקע יידן"...

האָט עס אַוודאי אַלעמען פאַרדראָסן, אָבער שטאַרק באַליידיקט האָט זיך גראַד דזשאָ פּרעס, וואָס זעט דווקא אויס ווי אַ "זייעריקער" און קען רעבט אַ יידיש וואָרט ניט אַרויסריידן. זיין פּרצוף־פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט רציחה און ער האָט זיך צעשריען:

— וואָס טוט אַזאַ איינע צווישן אונדז? איך פרעג אייך? מען דאַרף זי פאַרטרייבן פון דאַנען!

און אַלע זיינען מסכּים געווען מיט אים.

אויף מאָרגן האָט ווירדזשיניאַ ניט געדענקט אַ וואָרט וואָס זי האָט גערעדט. זי האָט ווייטער פּאַראַדירט, ווי אַ שטאָלץ־גרויע פּאַווע איבער די אָפענע באַלקאָנען פונעם רחבותדיקן "קאָנדאָמיניום" און קיינעם ניט געזען, נאָר דערשפּירט האָט זי, אַז עפּעס ווערט געפּלאַנט קעגן איר. האָט זי צו ערשט די ווייבערשע רכילותן דיסקאָנטירט צו נול, אָבער ווען ס'האָבן זיך דערטראָגן צו איר קלאַנגען וועגן עוואַקויִרונג, דאָס הייסט, אַז מען רעכנט זי אַרויסצוזעצן געזעצלעך פון הויז, מחמת איר שלעכטן אויפפיר ניי־יאָר, איז זי געוואָרן אומרויִק, וואָרן ניט נאָר וואָלט אַזאַ האַנדלונג שטאַרק אָנגערירט איר כּבוד, נאָר ווי סתּירותדיק עס זאָל ניט זיין, איר איז געפעלן געווען דאָס באַזונדער אָרט, וואָס זי האָט פאַרנומען ביי אירע יידישע שכנים.

אַ וואָך נאָך דעם ווי דזשאָו פּרעס האָט צוגעשטעלט צום "שטאָטראַט" אַ פאַרלאַנג מיט די חתימות פון אַלע באַוווינערס פון "קאָנדאָמיניום", מען זאָל אַרויסשטעלן די אומגעוווּנטשטע שכנה, האָט זיך באַוויזן די אויספּיר־קאָמיסיע ביי איר אין דער דירה. (איר מאַן איז גראָד דעמאָלט ניט געווען אין דער היים).ווירדזשיניאַ איז בלאַס געוואָרן. זי האָט ניט געהאַט קיין טראָפּן בלוט אין דער מראה. זי האָט געבעטן די מענטשן צוּוואַרטן, און אַליין איז זי אַוועק צו פּרעסן. זי איז געבליבן שטיין, כּעני בפּתח, און — געשוויגן...

דזשאָו פּרעס האָט אויך עקשנותדיק געשוויגן. אין זיינע אויערן האָבן נאָך געקלונגען אירע זידל־ווערטער און שיכּורע געשרייען.

די ביבל זאָגט, — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט פאַרן לעצטן אָנשפּאַר.— "טהי דזשוס אַר איי מוירספּול פּיפּל!" (ייִדן זיינען אַ פאָלק פון רחמנות).

הגם דער מגושמדיקער יונג איז שוואַך אין די "שוואַרצע פינטעלעך", האָט ער איר געגלויבט אויפן וואָרט. אויף זיין האַרטן פּנים האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ ווייכקייט. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און איז אַריין מיט איר אין איר וווינונג. און נאָך אַ לאַנגן איבערשמועס מיט די שטאָט־באַאַמטע, האָט ער צוריקגעקראָגן דאָס געחתמטע פּאַפּיר און עס צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך פאַר אַלעמען אין די אויגן...

אין אויטאָבוס

הגם דער שאָפער האָט געהאַלטן זיינע אויגן געווענדט צו דער רווישיקער גאַס, האָט ער מיט אַ שטיקל אויג געזען, דורכן שפּיגעלע איבער זיך, זיינע פּאַסאַזשירן. זיי זיינען, ס׳רוב, געווען די זעלביקע מיטליאָריקע לייט פון ביידע געשלעכטער, וועלכע זיינען געפאָרן מיט אים, אין די וואָכנטעג, יעדן פרנאַכט, פון דער אַרבעט.

דאָס מאָל האָט זיך זיין בליק פאַרטשעפּעט אין אַ יונג מיידל, וואָס איז געווען געקליידט אין אַ לאַנגער, טונקעלער קלייד, גאַרניט לויט דער מאָדע. דאָס טונקעלע טיכל איבערן קאָפּ האָט בלויז אַנטפּלעקט אַ קורץ, פאַרריסן נעזל, און אויף דער טונקעלער בלוזע האָט שאַרף געגלאַנצט אַ קליין גאָלדן צלמל. מ׳האָט זיך געקאָנט משער זיין, אַז די אומבאַקאַנטע

געהערט צו עפּעס אַ רעליגיעזן אָרדן, אָדער זי איז אין טרויער נאָך אַ נאָנטן מענטשן.

ווען דער אויטאָבוס האָט ענדלעך דערגרייכט דעם לעצטן אָפּשטעל, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון זיץ און פאַרשווונדן אין איינעם מיטן רעשט ביסל פּאַרערס.

דער בר־נש ביי דער ראָד האָט זיך איצט געלאָזט צו אַ קליינעם סקווער מיט געדיכטעביימער — ווו ער האָט געדאַרפט אָפּוואַרטן אַ צוואַנציק מינוט און צוריק אַרויסקומען אויף דער זעלביקער גאַס, בכדי אויפצונעמען נייע פּאַרשוינען. און די גאַנצע צייט האָט זיך אים ניט אויפגעהערט צו באַמבלען אין קאָפּ דאָס מאָדנע מיידל און געוועקט אין אים אומקלאָרע געדאַנקען און פאַרלאַנגען...

אויף מאָרגן האָט זי זיך, צו זיין אָנגענעמער איבערראַשונג, ווידער באַוויזן אין דער זעלביקער שעה און אין דעם זעלביקן אויסשטייער, זי האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער הינטערשטער ריי, און נאָך איידער ער האָט זי רעכט באַטראַכט, האָט זי אַראָפּגעלאָזן איר קעפּל איבער דער ברוסט און האָט איינגעדרעמלט, און אַזוי האָט זי אָפּגעדרעמלט דעם גאַנצן וועג. און ווען אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגעליידיקט דעם וואַגאָן, איז זי געבליבן ווייטער זיצן אויף איר אָרט. דער אויטאָבוס־טרייבער האָט זי ניט געשטערט. ער האָט זיך אַ קער געטאָן, ווי אַלע מאָל צום סקווער און איז שטיין געבליבן אינעם סאַמע טונקלסטן פּונקט, ווו די בלעטער־געדיכטעניש האָט ניט דורכגעלאָזן קיין פונק פון דרויסנדיקן ליכט...

די פרעמדע האָט זיך פּלוצעם אויפגעכאַפּט, ווי זי וואָלט דערשפּירט אַ געפאַר לויערן:

— ווו זיינען מיר? האָט זי אים אָנגעקוקט מיט גרויסע, בלויע אויגן פול מיט שרעק: לאָזט מיך גלייך אַרויס!

— איר קאָנט גיין! — האָט ער רויק געזאָגט — נאָר איר וועט דאַרפן מאַכן דעם מאַרשרוט צוריק צופוס און אַליין, אויב איר ווילט ניט וואַרטן.

— ווי לאַנג דאַרף איך דאָ וואַרטן? — איז זי געוועזן אויסער זיך.

ער האָט איר געזאָגט און צוגעגעבן: — ניט אַלע מאָל שפּילט מיר צו דער מזל...

— וואָס מיינט איר? — האָט זי אין גאַנצן געציטערט און צוגעטראָגן דאָס צלמל צו די ליפּן...

— עס מיינט פּשוט, אַז דאָ איז זייער אומעטיק צו זיין אַליין, כאָטש איך דאַרף שוין זיין צוגעווינט דערצו...

דער דורכגעטריבענער פוקס, וואָס האָט געהאַט אַ סך צו טאָן מיטן ווייבערשן מין,האָט געוווסט ווי זיך איינצוקויפן ביי אַ נאַיִוו און פרום מיידל.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים אַ ביסל ווייכער און זיך צוריקגעזעצט.

— מעג איך וויסן אייער נאָמען? — האָט ער שטיל געפרעגט, און זיך צוגעזעצט לעבן איר.

— ווירדזשיניאַ! — זי האָט אַריינגענומען דאָס צלמל אין דער האַנט, ווי זי וואָלט געזוכט שוץ און הילף ביי דעם...

— אַ שיינער נאָמען, ווירדזשיניאַ, עס פּאַסט אייך אַזאַ נאָמען!

— אַ דאַנק! — האָט זי אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ מיט אומגעדולד.

— איך קאָן שווערן, ווירדזשיניאַ, — האָט ער זיך אַ שפּיל געטאָן מיט איר נאָמען, — אַז איר זייט נאָך אַ "ווירדזשין" (אַ בתולה), האָב איך געטראָפן?

— איר האָט ניט געטראָפן! — איר פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט.

— מען טאָר זיך ניט שווערן, ווען מען איז ניט זיכער! — און פּלוצעם האָט זי אויסגערופן מיט באַנייטן אומגעדולד: — ווען וועט איר זיך פּאָרט אַ ריר טאָן מיטן וואָגן?

— באַלד, באַלד, ווירדזשיניאַ! אַזוי, איר זייט פאַרהייראַט? — האָט זיך דערהערט אַ פאַרדראָס אין זיין קול. — איר קוקט אויס אַזוי יונג און — שוין פאַרהייראַט...

— נו, בין איך! — איז זי געוואָרן טראַציק.

— וואָס טוט אייער מאַן? — האָט ער זי געשלעפּט ווייטער פאַר דער צונג.

זי האָט האַרטנעקיק געשוויגן, אָבער דער יונג האָט ניט אָפּגעלאָזן:

— ווירדזשיניאַ, איר האָט מיר ניט געענטפערט אויף מיין פראַגע.

— ער איז געשטאָרבן מיט צען מאָנאַטן צוריק... — האָבן זיך טרערן צעפינקלט ביי איר, און זי האָט ווידער צוגעטראָגן דאָס צלמל צום מויל...

— עס טוט מיר לייד. — האָט ער געזאָגט סתם, ווייל אַזוי איז מען זיך נוהג. — ווי לאַנג זייט איר געווען פאַרהייראַט?

— צען מאָנאַטן!

— דאָס אַלץ? — האָט ער זיך געוווּנדערט. — ווי זשע קאָנט איר לעבן אַזוי?... איר זייט דאָך אַזוי יונג?

— איך מוז! — האָט זי געזאָגט מיט אומפאַרשטענדלעכער עקשנות.

— וואָס הייסט איר מוזט?

— ער האָט גענומען ביי מיר אַ וואָרט פאַרן טויט, איך זאָל וואַרטן אַ פול יאָר! איך האָב אים געשווירן ביי דעם... — האָט זי אָנגעוויזן אויפן צלמל. — דאָס איז זיינס אַ געשאַנק...

ביים זעקס פוסיקן יונג האָט דער מוח איצט געאַרבעט שנעל און אינטענסיוו: — ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אָבערגלייבעריש באַשעפעניש, וואָס מען באַגעגנט שוין היינט זעלטן. ער האָט אויסגערעכנט, אַז פאַר די צוויי מאָנאַטן, וועלכע זיינען פאַרבליבן ביזן סוף פון איר אבלות, קאָן מען אים נאָך איבערפירן אויף אַן אַנדער ליניע, און ער וועט זי פאַרלירן... ער האָט איינגעשטעלט און געפרעגט:

— זאָגט מיר, ווירדזשיניאַ, איך געפעל אייך?

די יונגע פרוי האָט געוואָרפן אויף אים אַ פאַרשעמטן קוק, און הגם זי האָט געשוויגן, איז ער זיכער געווען, אַז ער נעמט אויס ביי איר... ער האָט ווידער איינגעשטעלט און געזאָגט:

— ווירדזשיניאַ, גיט מיר אייער אַדרעס, און מיר וועלן זיך טרעפן מיט צוויי מאָנאַטן שפּעטער. איר ווינט דאָך מסתמא אַליין, ניט אמת?

— גאָט באַהיט! — האָט זי זיך אַ צאַפּל געטאָן. — דאָס מיינט דאָך, אַז איך פּלאַנעווע פרייוויליק אים צו פאַרבייטן פאַרן סוף יאָר... און נאָך אַ זאַך! איך וווין מיט מיין מאַמען, און זי האָט אויך עפּעס צו זאָגן אין אַזאַ ענין.

— און ווי וועט זיין, — האָט ער זיך דער יונגער אָנגעכאַפּט אין אירע ערשטע ווערטער — אַז איר וועט עס ניט טאָן פרייוויליק, נאָר אימיצער וועט אייך צווינגען מיט גוואַלד אים צו ווערן אומטריי אַצינד?

— האָבן זיך צעשפּילט שדימלעך אין זיינע אויגן.

ביי ווירדזשיניאַן האָט זיך געביטן עטלעכע מאָל די פאַרב אויפן איידל געשניצט פּנימל. זי האָט געריבן די הענט אינעם קלייד, ווי זי

וואָלט זיך אויף אַזאַ אַלטערנאַטיווע ניט גערעכט. זי האָט אַרויפגעקוקט צום הויכן, ברייט־פּלייציקן אויטאָבוס־טרייבער מיט קינדערשער פאַרלוירנקייט און געבעטן, און געדריקט בעת־מעשה, דאָס צלמל צום האַרצן...

דער יונג האָט פּלוצעם פאַרלאָרן, צו זיין חידוש, דעם גאַנצן אינטערעס צו איר. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט און האָט אויסגערופן הויך אויפן קול, ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ פולן וואַגאָן מיט פאַרערס:

— נו, צייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין!...

און ער האָט אַוועקגעאיילט פון סקווער...

אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל

דאָס שטעטל, וווהין די שערמאַנס זיינען פאַרפאָרן דעם זומער אויף אָפּרו, ליגט פאַרגעסן פון גאָט און פון לייט. ווען מען דערזעט דאָרטן אַ פרעמדן אין גאַס, קוקט מען אים נאָך, באַטראַכט מען אים ווי אַ גרויס וווּנדער, און מ'האָט אַ באַגער אים צו באַגריסן, אָדער אים צו פרעגן ווי קומט ער אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם העק.

עס נעמט ניט לאַנג און דער שטאָטישער מענטש הייבט אָן זיך צו אַקלימאַטיזירן אין דער נייער סביבה. ער באַהעפט זיך מיט דער באַזונדערער שטילקייט, רויקייט און געמיטלעכקייט, וואָס ער האָט דאָ געפונען און נאָך וועלכער ער האָט, דאַכט זיך, געבענקט אַ גאַנץ לעבן...

אליעזר שערמאַן האָט שוין לאַנג ניט געשפּירט אַזאַ מנוחת־הנפש ווי אין אָט דעם אָרט. ער איז געווען פול מיט שרייבערישן אייפער — פּלענער, המצאות און פּראָיעקטן האָבן זיך געריסן ביי אים צום אויסדרוק ער איז אָפּט אָפּגעזעסן שעהען ביי דער שרייב־מאַשינקע, און ווען ניט רחלע, וואָס איז געווען גרייט יעדע פרייע מינוט אָנצושטעלן די סטערעאָ ניט אַזוי מחמת גרויס ליבע צו דער מוזיקאַלישער קונסט, ווי צו פאַרטרייבן דעם לאַנגווייל, וואָס דאָס קיכל און דער שטעטלשער אַרום האָבן אויף איר אָנגעוואָרפן, וואָלט שערמאַן אַריינגעשריבן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין...

אָט דער דואַליזם ביי מאַן־און־פרוי האָט אויך עקזיסטירט אין שטאָט, נאָר דאָרטן האָבן זיי באַוווינט אַ דרייצימערדיקע דירה, און יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ ווינקל פאַר זיך, אָבער אין דער פרעמד האָט מען זיך ניט געקענט דערלויבן אויף אַזאַ "לוקסוס". און דער מיטגעבראַכטער מוזיק־אָביעקט איז ניט זעלטן געווען, ווי שוין באַמערקט, אַן אַבן־נגף ביים פאַרפאָלק.

ס'האָט געטראָפן, ווען שערמאַן איז געווען פאַרטאָן אין אַן אַרבעט, זאָל גראָד דעמאָלט רחלע אָנשטעלן דאָס כּישוף־קעסטעלע און אַרויסרופן ביים מאַן, צום וויפילטן מאָל, פאַרדראָס און שטוינונג, און דערביי נאָך שטעלן אין קאָן זיין באַציונג און מבינות אויף באַך, בעטהאָווען, טשייקאָווסקי און אַנדערע מוזיק־גאונים... היות אָבער ווי זייערע שאַפּונגען זיינען געווען באַגלייט פון "ניין מאָס רייד" פון די אַנאָנסערס וועגן זייטיקע און אומשייכותדיקע ענינים, ווי וועגן וועטער, שטאָט־לאַנד־און וועלט־נייעס, אָבער ס'רוב וועגן געוויסע פירמעס און זייערע פּראָדוקטן, האָט דעמאָלט שערמאַן אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויפן "שונא" און פאַרמאַכט זיין מויל. רחלע האָט בעת־מעשה געהאַלטן די אויגן, פון געוווינהייט, אין אַ צייטונג און ס'האָט גענומען אַ רגע־צוויי ביז אירע אויערלעך האָבן דערשנאַפּט, אַז עפּעס פעלט איר אויס. איז זי אַראָפּ פון דער סאָפע, ווו זי האָט געוויינטלעך גערוט ביי טאָג, האָט זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט און געעפנט אויף ס'ניי די סטערעאָ. אַזוינע סצענקעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט עטלעכע מאָל צווישן מאַן־און־פרוי ביז איין מאָל האָט שערמאַן זי אַ פרעג געטאָן:

— וויבאַלד דו לייענסט, רחלע, צוליב וואָס דאַרפסטו אויך מאַטערן דיינע שיינע אויערלעך?

— זיי מאַטערן זיך ניט! — האָט די פרוי געענטפערט אין זיין טאָן — זיי האָבן הנאה!

— איז ווי קאָן איך טאָן מיין אַרבעט, רחלע?

— אין דער היים וועסטו אַרבעטן! אַהער זיינען מיר געקומען אויף וואַקאַציע! — האָט זיך געפילט אַ פאַריבל אין איר קול...

— דו ווייסט דאָך, רחלע, אַז מיין אַרבעט ווייס ניט און וויל ניט וויסן פון וואַקאַציע...

— און ווען מיין אַרבעט, — האָט זי געוואָרפן אַ בליק אויפן קיכל

— וואָלט זיך אָפּגעשטעלט, וואָלטן מיר ביידע געבליבן הונגעריקע!

עס זיינען אַוועק עטלעכע מינוט אין שטילשווייגן. שערמאַן האָט זיך ניט אומגעקערט צו דער שרייבמאַשין און רחלע האָט זיך ניט צוגערירט צום שפּילקעסטל.

מיט אַ מאָל האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף שערמאַנס ערנסט־פאַרטראַכטער מראה.

— ווייסט וואָס, רחלע, האָט ער געזאָגט — איכ׳ל דיר פאָרלייענען מיינע אַ זאַך, וואָס כ׳האָב דאָ אָנגעשריבן, און אויב דיר וועט עס ניט געפעלן, וועל איך זיך היינט מער ניט צורירן צו דער פּען...

און הגם שערמאַן פלעגט פאָרלייענען זיינע אַרבעטן פאַר איר, אין דער היים, גאַנץ אָפט, האָט עס אָבער קיין מאָל ניט געטראָפן, צוליב אַזאַ צי אַן אַנדער סיבה, ער זאָל עס טאָן אויף זייערע וואַקאַציע, און ער האָט גלייך איינגעזען, אַז זיין איינפאַל האָט ביי איר נושא־חן־געווען. ער האָט אַרויסגענומען דעם מאַנוסקריפּט, וואָס ער האָט ערשט טאָקע פאַרענדיקט, ווו ס׳ווערט געשילדערט זייערער אַ ״סכסוך״ ענלעך צום היינטיקן, און ווי געוויינטלעך, אָן בייזקייט און אין אַ לייכטן געמיט.

און ביי רחלען איז פאַרשוווּנדן דער רוגז, און ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן דער פאַרדראָס, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אים די גאַנצע צייט פון דער וואַקאַציע, און אירע בלויע אויגן האָבן זיך צעלויכטן ווי צוויי קליינע זונען...

״שוואַרצע קולטור״

ביי אַן ״אָפּענעם פאָרום״, ווו דער עולם איז אַ טונקל־הויטיקער, טרעט אַרויס אַ שוואַרצער בעל־דרשן מיט אַזאַ טשעקאַווער טענה:

— אַפילו ווען סעגרעגאַציע איז אָפּגעשאַפט אין די פאָלקשולן, איז אונדזער קינד נאָך אַלץ אויסגעשטעלט צום ווייסן איינפלוס, וואָרן עס ווערט דאָרט געלערנט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט אונדזערס...

— וואָס איז יאָ אונדזערס? — רייסט אים פלוצעם איבער איינער פון דער מחנה.

דער רעדנער פּאַרלירט זיך ניט. ער ענטפערט גלייך אויפן אָרט און צום פּונקט.

— די שוואַרצע קולטור!

— וואָס איז עס אַזוינס? — וויל ווייטער וויסן דער זעלביקער. און מען זעט באַשיימפּערלעך, אַז ס'איז אים שווער צו באַנעמען דעם אויסטערלישן טערמין.

— שוואַרצע קולטור איז, — גיט אים צו פאַרשטיין דער בעל־דבר אויף דער פּלאַטפאָרמע. — און ער רעכנט צוערשט אויס וואָס זי איז ניט. — זי איז ניט דער גייסט פון "אָנקל טאָמס קעבין", זי איז קעגן דער אונטערטעניקייט צום ווייסן, נאָר דווקא פאַרקערט. זי איז ניט... — און ער דערמאָנט עטלעכע שוואַרצע "טאַבוס". און שפּעטער גייט ער איבער צו אירע פּאָזיטיווע זייטן. און ער לאָזט וויסן וויפל ראָטעס שוואַרצע זעלנערס האָבן אָנטיילגענומען אין אַמעריקאַנער "בירגערקריג" אויף דער זייט פון צפון, פאַרשטייט זיך. און וויפל פון זיינע ראַסן־ברידער האָבן זיך באַטייליקט אין דער ערשטער און אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. און ווען ער גיט אויך אָן די צאָל פון די נעגער־אַטלעטן אין די "וועלט־אָלימפּיקס", ברעכט אויס אַ שטורעמדיקער אַפּלאָדיס. אָבער אונדזער סטאַטיסטיקער איז נאָך ניט פאַרטיק. ער רופט אויס מיט טריומף:

— און דאָס ווייסט איר, מיינע שוואַרצע ברידער, אַז דער נעגער האָט געגעבן דער וועלט דעם דזשאַז, און דעם "דזשיג" און "טעפּ"־טאַנץ?

דער שוואַרצער עולם פאַרגייט זיך אויף ס'ניי אין התלהבות, און וויל זיך גאָרניט באַרויקן...

אויף אַ הינטערשטער באַנק זיצט איינער מיט אַ פרישער בלאַטצייטונג, פון וועלכער עס שרייען אַראָפּ "קעפּלעך" מיט קידוש־לבהנהדיקע אותיות וועגן נעגער־ראַיאָטן אין די געטאָס פון קליוולאַנד און שיקאַגאָ, וועגן צעשטערטע קראָמען און הייזער, וועגן צענדליקער פאַרוווּנדעטע און טויטע, און ער כאַפּט זיך ספּאָנטאַן אויף פון אָרט, און זיין קול ציטערט פון אויפרעגונג און צער, און ער פרעגט דעם מענטש אויבן, פּויקנדיק מיט די פינגער איבער דער צייטונג:

— און דאָס איז אויך שוואַרצע קולטור? ענטפערט מיר!

אָבער ער וואַרט ניט אויף אַן ענטפער, און ער פאַרלאָזט שנעל דעם זאַל...

איבערגעבויגן דעם שטעקן

אין קלאַס זיצן פינף־זעקס־יאָריקע קינדער ביי נידעריקע טישעלעך. אַנשטאָט שפּיל, זיינען זיי פאַרטאָן אין אַ מין מינדלעכן "עקזאַמען". די שוואַרצע אייגעלעך זיינען אָנגעשטרענגט, אָנגעשפּיצט. אויף דער טונקעלער הויט מיניעט זיך אַ בלייכקייט, און ביי אַ טייל פונעם קליינוואַרג טרעטן אַרויס טראָפּנס שווייס אויפן שטערן.

דער אינסטרוקטאָר, אַ נעגער מיט אַן ערנסט־איינגעשפּאַרטן בליק, ווייסט ניט פון קיין פּשרות. ער האַלט זיך שטייף ביי דער דעה, אַז אַ דערציער, סאָוועטיש געטייטשט, איז דער אינזשיניער פון קינדערשע נשמות. ער איז אויך פאַרגלייבט אינעם כּוח פון וואָרט. ער פרעגט:

— ווער זייט איר, חברה?

און דאָס קליינוואַרג ענטפערט אַ גוט־איינגעחזרטן ענטפער:

— מיר זיינען אַפראָ־אַמעריקאַנער!

דער נייער טערמין קלינגט ניי און פרעמדלעך פאַר אַ זייטיקן מענטשן. און באַלד קומט אַ צווייטע לאַקאָנישע שאלה:

— ווי זעט איר אויס, חברה?

— "בלעק ענד ביוטיפול!" — (שוואַרץ און שיין!) — רופן אויס די קינדער אין אוניסאָן.

— איך הער ניט! — מאַכט ער זיך כּלומרשט שווער אויף דער שמיעה.

"בלעק ענד ביוטיפול!" — שרייען שוין די שוואַרצע חברהלייט אויף די העכסטע טענער.

— אַזוי איז גוט! — מוטיקט ער זיי. — און איר דאַרפט עס אַלע מאָל געדענקען. האָבן מיך אַלע געהערט?

— "יעס סער!" — זיינען די קינדער איינשטימיק.

— און וואָס פאַר אַ קינדער זייט איר אַלע? — וויל ער וויסן. און ווען דאָס קליינוואַרג שווייגט און ווייס זיך ניט ווי אויסצודריקן, קומט ער זיי צו הילף:

— איר זייט ניט בלויז אינטעליגענט, טאַלאַנטפול, איר זייט אויך געניאַל! — און ער טוט אַפילו ניט קיין פינטל מיט אַן אויג.

איר שטוינט, איר וווּנדערט זיך, וואָס אַ מענטש און נאָך אַ דערציער דערצו, קאָן זיך דערגרעבן אין זיין ביגאָטיזם. די שוואַרצע קונדסים קייען איבער עטלעכע מאָל די שווערע, אומפאַרשטענדלעכע "עברי״, צעמישן און פאַרגרייזן אָפט די טערמינען ביז זיי בייסן זיי איין צו דער צופרידנקייט פון זייער מדריך.

— און אַצינד, — באַפעלט ער ווייטער. — גיט מיר אַלע דריי ענטפערס אין איינעם:

— ווער? ווי? און וואָס?

און דאָס קליינוואַרג, ווי אָנגעצויגענע ליאַלקעס, שיסט אויס בקול־רם:

— מיר זיינען אַפּראָ־אַמעריקאַנער! מיר זיינען שוואַרץ און שיין! און מיר זיינען ניט בלויז אינטעליגענט און טאַלאַנטפול, נאָר אויך געניאַל!

— און ער בלייבט זיצן מיד, אויסגעשעפּט און — דערשראָקן.

אין טיר באַווייזט זיך אַ קויל־שוואַרץ מיידל, קאָנטיק, די באַשטענדיקע אויפזעערין פונעם "קינדער־גאָרטן״. דער אינסטרוקטאָר טוט צו איר עפּעס אַ שעפּטשע און פאַרשווינדט...

דודל

הגם זיין נאָמען איז געווען דוד, האָט מען אים גערופן פאַרצערטלט "דודל״ (מיט אַ שורוק). דאָס ניין־יאָריק ייִנגעלע האָט זיך אָפט געלאַנגווייליקט אין קלאַס. ער האָט "אָפּגעזופּט״ דאָס לייענען פאַרן לערער, ווי ער וואָלט אים אַ טובה געטאָן. ווען ס'איז אָבער געקומען צום שרייבן, ריכטיקער, עפּעס אָפּצוקאָפּירן פון ביכל, האָט אים שוין אויסגעפעלט געדולד, און ער האָט ליבערשט געפּרוווט קאָפּירן אין העפט דאָס הירשעלע ביי דער באַשטימטער מעשה.

ווען מען האָט געפרעגט דודלען וועלכער קעגנשטאַנד איז אים פאַרט מער געפעלן אין שול, האָט ער גלייך, ניט טראַכטנדיק, געענטפערט: "דאָס גלעקל, ווען עס קלינגט אַהיים צו גיין!״

פון אַלע באַשעפענישן, וואָס דודל געפינט זייערע בילדער אין זיין לייענביכל, האָט ער זיך צוגעקלעפּט צום חיהלע מיט די לאַנגע, שפּיציקע הערנער, און מילד־ווייכע אויגן, אין "זו״, למשל, פאַרברענגט

ער ס׳רוב צייט ביי די הירשעלעך, ער קאָן זיך ניט זאַט אָנקוקן מיט זיי. ער באַוווּנדערט ווי איידל זיי צופּן דאָס גראָז, ווי קוים זיי באַרירן מיט די ליפּן דאָס וואַסער, ווי סאַמעטגלאַט זייער פעל איז. ער האָט זיי געלויבט פאַר זיינע חברימלעך, וועלכע ״כלאָפּטשען״ דאָס עסן און דעם סוף ביים טיש, אַז מ׳קען עס הערן אַ פאַר גאַסן אַוועק...

און ווען דאָס מאָדנע ייִנגעלע ווערט אַ מאָל ברוגז אויף די עלטערן צי אויפן לערער, צי אַפילו אויף די קונדסים אין גאַס, פאַר זייער באַגייסטערונג פאַר לייבן, לעמפּערטן און אַלע ווילדע חיות, ווילט זיך אים דעמאָלט אַרויפכאַפּן אויף איינעם פון די מלכותדיקע הירשן מיט די פאַרצווייגטע הערנער און פאַרשווינדן ווייט, אויף יענער זייט, ווו הימל און ערד גיסן זיך צונויף צוזאַמען און נאָך ווייטער...

די מאַמע האָט מיט דודלען אירע צרות, איבערהויפּט דעמאָלט ווען זי דאַרף אויפראַמען זיין צימער און ער האַלט די טיר דווקא פאַרשלאָסן, מחמת ער וויל ניט מ׳זאָל אים שטערן אין זיינע טראַכטענישן און פאַנטאַזיעס. ווען ער דערהערט איר קלאַפּן, איז ער נאָך ניט געקומען צו זיך און ער פרעגט פון געוווינהייט: ״ווער איז עס?״. טרייבט די מאַמע צוערשט אויך קאַטאָוועס און ענטפערט: ״דיינע אַ גוטע באַקאַנטע!״ ״גיב אָן דיין נאָמען און טוּאונג!״ פאָדערט דער קליינער מיט גרויס פאָרמאַליטעט.

גייט שוין די מאַמע דעמאָלט אַרויס פון געדולד און שרייט אויס: ״— דודל, עפן גלייך די טיר!״

דאָס ייִנגעלע עפנט די טיר און בלייבט שטיין אַ שולדיקער פאַר דער מאַמען...

אין יולי האָבן די עלטערן באַשלאָסן דורכצופירן אַ דרייוואָכעדיקן שפּאַציר מיט זייער בן יחידל איבער יעלאָסטאָן־פאַרק. איידער וואָס־ווען איז דודל שוין אין זיבעטן הימל, דאָס הייסט, ער איז שוין אין פאַרק. ער בראָדזשעט אום (אין געדאַנק) איבער אַלע פאַרבאָרגענע סטעזשעקס און באַהעלטענישן און איז שוין חבר־לאַוועך מיט אַלע קראָליקעס, העזעלעך און הירשן!... און אָט טראָגן זיי זיך אַלע דריי אינעם רחבותדיקן ״סטייטש־וואָגן״ צום באַרימטן זע־ווונדער. דודל וועט זיך באַלד טרעפן מיט זיינע פריינד פנים־אל־פנים. ער איז אַזוי פאַרטיפט אין זיינע ייִנגלישע דערוואַרטונגען, אַז ער הערט גאָרניט, וואָס טאַטע־מאַמע, ביידע אַדוואָקאַטן, רעדן צווישן זיך — און גערעדט האָבן זיי

צווערשט, ווי געוויינטלעך, וועגן וועטער, וועגן טייכן, אָזערעס, וועלדער און וועגן משופּעדיקע בערג, איבער וועלכע זיי האָבן געקלעטערט. דערנאָך איז דער שמועס אַריבער אויף פּראָפעסיאָנעלע ענינים. דער פֿאָטער האָט דערציילט וועגן געוויסע שוועריקייטן אין אַ פּראָצעס, ווו די "דזשורי" (געשוואָרענע) קענען ניט קומען צו קיין איינשטימיקן באַשלוס, און נאָך איידער ער האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט זיך אַריינגעמישט דער קליינער דודל:

— דאַרף דער "דיסטריקט אַטוירני" (פּראָקוראָר) פֿאָדערן אַ נייעם משפּט!

די עלטערן האָבן זיך שמייכלענדיק איבערגעקוקט און דער פֿאָטער האָט געפֿרעגט:

— זאָג נאָר, תּכשיט מיינער, פֿון וואַנען ביסטו עס געוואָרן אַ ווייסער פֿון אַזוינע זאַכן?

— איך בין דיינער אַ זון, בין איך ניט, פּאַ? — האָט דודל גלייך און פּשוט געענטפֿערט.

אין יעלאָסטאָן האָט ער געהאָלפֿן דעם פֿאָטער אויפֿשטעלן אַ געצעלט אינעם טוריסטן־אָפּטייל. פֿאַר דודן האָט זיך דאָרטן אַנטפּלעקט אַ נײַ לעבן מיט נײַע דערפֿאַרונגען. עס האָבן אים אַרומגערינגלט הונדערט־יאָריקע ביימער מיט ברייטע שטאַמען, מיט אָן אַ שיעור מאָדנע פֿלאַנצן אין געוויקסן. זיי האָבן זיך געסודעט מיט אים אין די פֿאַרטאָגן, ווען די שטערן האָבן זיך גענומען לעשן, און די זון האָט זיך דורכגעבראָכן דורך די געדיכטע צווייגן. די פֿילפֿאַרביקע פֿייגל האָבן אויסגעטרילערט פֿאַר אים אויסטערלישע ניגונים. אָט די קליינע טרובאַדורן האָבן געהאַט אין זיך דעם כּוח צו פֿאַרכּישופֿן דאָס ייִנגעלע, אָבער מער פֿון אַלץ און אַלעמען האָבן אים באַצויבערט די הירשעלעך...

שיער פֿאַרגעסן: דודלס פֿאַמיליע־נאָמען איז ווי דורך אַ צופֿאַל — הירשנפֿעלד; די מאַמע האָט אים געקויפֿט פֿאַרן אַרויספֿאָרן אַ פֿעדערל מיט אַן אויסגעניייט פֿעלד, אויף וועלכן עס פֿיטערט זיך אַ הירשעלע, און איבער דעם איז פֿאַראַן אַן אויפֿשריפֿט:

"איך וועל קיין מאָל ניט זיין קיין יעגער"...

דריי האָבן זיך געאײַלט

דאָס זומער־שטיבל, נאָנט צום באַרגאָפּרייס, האָט אַרוסגעקוקט צו אַ גרויס־רחבותדיקער אָזערע. דעם קעגנאיבערדיקן ברעג האָט מען ניט געזען. ער האָט זיך פאַרלאָרן אין דער נעפּלדיקער ווייט. דאָס שטיבל האָט געהערט צו אַן אַלמנה, וואָס האָט באַוווינט אַ גרעסער הויז אַ הונדערט שפּאַן אַוועק, כּמעט ביים זאַמדיקן וועג. אַ מאָל, ווען איר מאַן האָט געלעבט און אירע זין און טעכטער זיינען נאָך קינדער געווען, האָט דאָ געראַשט, נייען, ניט ווי אין אַ בינשטאָק, ווי דער באַקאַנטער פאַרגלייך, סוגערירט, נייערט ווי אין אַ "קינדער־גאָרטן". זי דאַרף וויסן! זי האָט צען יאָר אָנגעפירט מיט אַזאַ שפּילפּלאַץ. אָפּילו היינט ווייזט זיך איר אָפּט אויס, אַז זי הערט זייערע געשרייען און אומפלאַטערן איבער די לאָנקעס און אין דערבייאיקן וועלדל. אָבער אַצינד איז דאָ שטיל, ווי ביי אַ טויבן אין אַן אויער. ווען ניט די פּאָר שכנים אַרום און די כוואַליעס אונטן, וואָלט מען געמיינט מען לעבט אויף אַ בית־עולם...

דעם זומער האָט די אלמנה פאַרדונגען דאָס דערמאָנט שטיבל צו אַ שטאָטישן פּאָרפּאָלק. הגם די צוויי מענטשן האָבן געטיילט איין געלעגער, געגעסן ביי איין טיש און זיך געפירט לפנים שטיל און רויק. האָבן זיי זיך ניט אויפגעהערט צו קריגן אין דער מחשבה. ער האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די פרוי, וועלכע ער האָט אַ מאָל באַוווּנדערט, באַשווערט טאָגטעגלעך אירע שלאַנקע, איידעלע אברים מיט איבעריקער וואָג, און פוצט זיך אין קליידלעך, פּאַסיק פאַר אַ מיידל פון צוואַנציק. זי האָט אים ניט געקענט מוחל זיין, וואָס ער ליגט לעבן איר אין די נעכט אַ גלייכגילטיקער, אַן אויסגעליידיקטער, און באַמערקט זי קוים בייטאָג, ווען דער גאַנצער אַרום — דער הימל, די פעלדער, די הויכע טאָפּאָלן — בענקען און רופן נאָך נאָענטקייט, נאָך צערטלעכקייט...

איין מאָל האָט דער אלמנהס זון אָפּגעפירט אין דעם אויטאָ זיין פרוי אין אַ זומער־רעזאָרט, און האָט זיך אויפן וועג אַהיים אָפּגעשטעלט ביי דער מוטער אויף אַ טאָג. אויף מאָרגן, אין דער פרי, האָט ער געדאַרפט פאָרן ווייטער. ער איז געווען אַ בר־נש פון הויכן וווקס און פון שיינעם געשטאַלט. די פרוי פון שטיבל האָט מיט אים געשמועסט לענגער ווי ס'איז

אָנגענומען און אָפּט און ליבלעך צו אים געשמייכלט. זי איז אויסן געווען, איר מאַן זאָל עס באַמערקן. אָבער יענער האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק און ער האָט איר ווייטער געזאָגט מוסר, פאַרשטייט זיך, אין דער מחשבה, אַז ס׳איז ניט אָנשטענדיק פאַר אַן אשת־איש אַזאַ פירונג...

יענע נאַכט איז דאָס פּאָרפאָלק שלעכט געשלאָפן. ביידע האָבן געקלערט וועגן דער אלמנהס זון. זי איז געווען אַנטוישט, וואָס איר גאַנצע מי האָט זיך ניט איינגעגעבן. און ער האָט זיך געערגערט, הלמאי זי נוצט אַזוינע מיטלען כדי נושא־חן צו זיין ביי אַ פרעמדן מאַנצביל.

אַ שפּראָץ אויף טאָג, האָט דער וועקזייגער גענומען קלינגען. דער מאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אָנגעשטעלט דעם זייגער אויף אַ סך פריער. זי איז אַראָפּ פון בעט. ווי אַלע מאָל, די ערשטע, צוצוגרייטן פרישטיק. זי האָט אַוועקגעאיילט אין גרויסן הויז, האָפנדיק נאָך צו דערכאַפּן דעם גאַסט און האָבן מיט אים אַ געריד לפי דעם נעכטיקן כאַראַקטער, דאָס הייסט, אַ ביסל ראָמאַנסירן מיט אים ביז איר מאַן וועט אָנקומען, אפשר וועט עס דאָס מאָל האָבן אויף אים אַ פעולה.

אויך איר האַר און געביטער האָט זיך געאיילט. ער האָט זיך בעתן ראַזירן געלאָזט בלוטפלעקן אויפן פנים. און די האָר אַנשטאָט פאַרנעמען צו דער רעכטער זייט ווי שטענדיק, איז ער פאַרקראַכן מיטן קעמל אין דער הייך און זיך פאַרקאַמט אַלאַ פּאָמפּאַדור. און אויב דאָס איז געווען ווינציק — האָט ער איבערגעהיפּערט די שיך און איז אַריין אין די לאַטשן. און מיט אַזאַ אויסזען און הילוך איז ער דערשינען אין עסצימער...

דאָס פּאָרפאָלק האָט דער אלמנהס זון ניט געפונען. ער האָט זיך אויך שטאַרק געאיילט און איז אָפּגעפאָרן פיל פריער ווי גערעכנט, מחמת ער האָט איבערגעלאָזן זיין געשעפט אויף פרעמדע הענט.

דער זקן און די קינדער

שוין אַ לענגערע צייט ווי אין דעם געגנט האָט זיך גענומען ווייזן אַן אַלטיטשקער. ס׳איז שווער צו באַשטימען זיינע יאָרן. וויפל מ׳זאָל ניט וועלן טרעפן, וועט מען זיך טועה זיין. עפּעס אַ זעקסטער חוש זאָגט אונטער, אַז ער איז פיל עלטער.

מען דערקאָנט אים נאָך פון דער ווייטנס לויט זיין ״גענגעלע״. ניט ער גייט און ניט ער שאַרט זיך, ווי ס׳איז אָפט דער פאַל מיט זקנים, נאָר ער היפּט איבער די גאַס, ווי אַ קראַנקער פויגל, האַלטנדיק די האַנט אויף דער לינקער זייט, גלייך זי וואָלט אים געדינט פאַר אַן אָנשפּאַר. אויף זיין הלבשה רופט אַרויס אַ שמייכל, אויב אַ לויז העמדל, העגגענדיקע פלודערן אויף שלייקעס און אַ פאַרקוקט קאַשקעטל הייסט — ״הלבשה״.

ווען ער גרייכט דעם ראָג, וווּ עס שטייען צוויי שורות פּאַטיאָ־שטולן איינס קעגן אַנדערן, שלעפּט ער אַוועק איינעם אין שאָטן און לאָזט זיך פּאַמעלעך און פאַרזיכטיק אַראָפּ אויף זיין סאַמע ברעג, און ער הייבט אָן זיין טעגלעכע ״גימנאַסטיק״. ער שטרעקט אויסביידע אָנוויז־פינגער באַוועגנדיק אַרויף און אַרונטער ווי מען טוט עס מיט אָרעמס. דערנאָך רייבט ער איין מיט זיי דעם שטערן, די נאָז, דאָס איינגעפאַלן פּנים. פאַרטיק געוואָרן מיט דער מראה, הייבט ער אָן זיין התחייבות פאַר אַנדערע טיילן פון גוף. צו ערשט פאַרן אייבערשטן: — ער צעשאָקלט זיך זיצנדיק ווי, להבדיל ביים דאַווענען, אמת מיט אַ שוואַכערן טעמפּאָ. דערנאָך טוט ער דאָס זעלביקע מיט די פיס, ביז ער בלייבט זיצן אַן אויסגעשעפּטער עטלעכע מינוט, און לאָזט זיך ענדלעך אַוועק היפּש ווייטער, ביז ער פאַרשווינדט פון אויג...

איין מאָל אין אַ הייסן, זומערדיקן טאָג האָט אויף דער פּאַטיאָ געטראָפן אַ טאָפּלטע טרעפעניש: — דער הויזווירט האָט באַפעסטיקט די רייען שטולן אַזוי, מ׳זאָל זיי ניט קענען איזאָלירן. אויב דאָס איז געווען וויניק, איז די שאָטנדיקע זייט געווען באַזעצט — פון איין זייט מיט אַ פּאָר שכנים, פון דער אַנדערער — מיט עטלעכע קינדער, איין ליידיק אָרט איז געבליבן אין מיטן.

דער אַלטיטשקער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך אַ ווײַלע געישובט מיט זיך און ווי צו האַנדלען אין אַזאַ אומגעריכטער לאַגע. די עלטערע לייט, וועלכע האָבן אים שטענדיק איגנאָרירט און אים באַטראַכט פאַר אַן עובר־בטל, האָבן אויך איצט געהאַלטן זייערע בליקן — ווער אין אַ צייטונג, ווער אין עפּעס אַנדערש. דאָס קליינוואַרג איז געווען צו שטאַרק פאַרטאָן מיט זיך און אים באַלד ניט באַמערקט. ס׳איז אָבער געווען אַ געפאַר אַז ווען זיי וועלן אים דערזען וועט אויסברעכן אַ

געלעבטער, צי סתּם אַ שקאָצעריי אויף זיין חשבון. ערשט פּאַסירט האָט עפּעס אַנדערש!

דער זקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן מיטלסטן שטול, ווי קיינער וואָלט דערביי ניט געווען און גענומען אויספירן זיין טעגלעכע רוטין, ניט פּאַרמינערנדיק אַפילו אַ פּרט. און ווען ער האָט דערשנאַפּט, אַז די קינדער ווערן ווייסיק אויף זיין נאָנטקייט, האָט ער זיך פּלוצעם אַ ווענד געטאָן צו זיי מיט זיין שוואַכער שטים:

— אויב איר וועט קאָנען נאָכטאָן וואָס איך טו, וועל איך יעדן פון אייך געבן אַ מטבע! — און ער האָט זיך צום בייזוואונדער פונעם קליינוואַרג און גרויסוואַרג, און גאָרנישט לויט זיין טבע און יכולת, גענומען אַראָפּלאָזן צו דער ערד ניט איינבייגנדיק די קני און ווען ער האָט זיך צוריקגעשטעלט האָט ער זיך ווידער אַ מאָל, צו דער שטאַרקער פאַרוווּנדערונג פון די עלטערע לייט און ייִנגערע יאַטן, געמאַכט אַן אומקרייז אַרום זיך און האָט זיך, מעשה אַקטיאָר, פאַרנייגט פאַר זיינע צוקוקערס...

די קינדער האָבן געפּרוּווט אים נאָכטאָן. ס׳רוב פון זיי האָט טאַקע דערגרייכט דעם ציל, אָבער געמוזט דערביי פאַרבייגן די קני. דער אַלטיטשקער האָט באַטראַכט מיט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן דאָס קליינוואַרג און האָט מיט אַ שמייכל אַוועקגעהיפּט אויף זיין ווייטערדיקן וועג...

ביים ברעג ים

ס׳איז ווינטערטאָג. דער ים יאָגט שוימיק־הויכע כוואַליעס צום ברעג מיט אַזאַ געבריל, געוואָי, און גרימצאָרן, גלייך די יבשה וואָלט אים עפּעס שולדיק געווען, און די פּאַלמעס אויפן ברעג נייגן און בייגן זיך מיט זייערע צעשויבערטע קעפּ אין אַלע זייטן און בעטן מחילה ביים ביסל טוריסטן אויף אַן איינזאַמער באַנק, פאַרן צעווילדעוועטן אויסברוך פון זייער גרויסן ברודער...

אין דער ווייט טראָגט זיך אַ ביסיקלעט מיט אַ קליינינקן פּאַסאַזשיר. צו ערשט זיינען אַלע זיכער, אַז ס׳איז אַ שקאָציש ייִנגל, וואָס האָט זיך היינט אַרויסגעדרייט פון גיין אין פאָלקשול. ווען ער גלייכט זיך

אָבער אויס מיט דער באַנק, דערזעט מען אַ בויקן זקנדל מיט ווייסע האָר און ברעמען. אין דעם לינקן אויער שטעקט אים אַ קנעפּל, און פון דאָרטן לאָזט זיך אַראָפּ אַ לאַנג בענדל איבער זיין איינגעפאַלענער ברוסט. די באַנקזיצערס פאַרשטייען דעם רמז און צעשרייען זיך, ער זאָל זיך אָפּשטעלן.

דער אַלטיטשקער קומט צו מיט פרעגצייכנט אין די איינגעצויגענע אייגעלעך, און ווערט באַפאַלן פון קוריאָזע פראַגן:

„צי איז אים ניט קאַלט, אין אַזאַ ווינטיקן טאָג, אין די קורצע הייזלעך, וואָס ער טראָגט?"

„צי ס'איז אמת, אַז אין פלאָרידע לעבט מען לענגער ווי אין ערגעץ אַנדערש?"

„ווו האָט ער זיך אויסגעלערנט אַזוי פלינק מאַרודעווען אויף אַ צווייערדלער? פאַר וואָס?"...

דאָס זשוואַווע מענטשעלע מאַכט מיט די ליפּן, קלאַפּט זיך מעשה יינגל, איבער די הוילע קני, און רימט זיך, אַז ער וואָלט געקאָנט אַ פּאָר טאָן אַפילו קיין ניו־יאָרק אויפן ביסיקלעט, און טאַקע אין אָט דער הלבשה...

אַלבערט

מען האָט געדאַרפט דורכשניידן כּמעט דעם גאַנצן שוואַרצן „תּחום־המושב", ביז מ'האָט דערגרייכט דזשאָן בעלאָקס „רעזידענץ". ס'האָבן צירקולירט פאַרשיידענע און טשיקאַווע מעשיות וועגן דער משפּחה. און דער שרייבערישער נייגער האָט דערפירט דעם גאַסט אַהין. שוין דער אַריינגאַנג צום הויז האָט מרמז געווען, וואָס מ'קאָן דערוואַרטן אינעווייניק. מ'האָט געמוזט זיך שטאַרק אָנהאַלטן אין דער האַלב־צעפוילטער פּאַרענטש, בכדי ניט צו פאַלן אויף די שטיינערנע, צעבראָכענע און צעקרישלטע טרעפּ...

אין דער דירה האָט מען ניט געפונען קיין סימן פון באַקוועמלעכקייט, קיין סימן פון געמיטלעכקייט. דאָס אַלטע מעבל האָט באַשוועַרט דעם האַלב־הוילן דיל, גלייך ס'וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון דאָרטן. אויפן איינציקן

ווייכשטול האָט געדרעמלט דער באַלעבאָס. אַ באַיאָרנטער בר־נש מיט אַ געקנייטשט־צעשמייכלטן פּרצוף, גלעטנדיק דעם קאָפּ פון אַ גרויסן הונט ביי זיינע פיס. אויף דער קעגנאיבערדיקער קאַנאַפּע, אַן אָביעקט, וואָס האָט אַוודאי געהערט צו אַ לאַנג־פאַרגאַנגענער ערע, האָבן זיך עטלעכע קעץ געטוליעט צו אַ שוואַכינקער זקנה, מיט אַ ליב־ליכטיק געשטאַלט און ווייסע האָר. זי האָט אָפּט אַ צעשפּרייט געטאָן די דינע אָרעמס אויף איר קעצישן באַזיץ מיט באָבעשער, ניין מיט מאַמעשער זאָרג און צערטלעכקייט...

אין טיר האָט זיך באַוויזן די עלטסטע טאָכטער, ראַשעל — אַ הויכלעכע, אַ דינע. זי האָט געפירט איינע פון אירע מיידלעך, עלענאָר, אונטערן אָרעם און זיך באַזעצט מיט איר אויף די צוויי שטולן ביי דער וואַנט. ס׳מיידל איז געווען צוויי טראָפּנס די מוטער: ס׳זעלביקע פּאָרריסן נעזל, די זעלביקע טונקל־קיילעכדיקע אויגן און אַזוי אויך איר קליין מויל...

ס׳איז גאָר קיין צווייפל ניט געווען, אַז עלענאָר האָט געמערקט דעם נייגער אַרום זיך, נאָך אירע בליקן זיינען געווען געווענדט צום פענצטער.

דער גאַסט האָט געפרעגט — ווי אַלט, כ׳מיין ווי יונג זייט איר, עלענאָר, אויב איך מעג וויסן?

— זי איז געוואָרן זיבעצן, און זי וועט נאָך היי־יאָר אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט — האָט די מוטער געענטפערט מיט שטאָלץ פאַר איר.

— אויף וואָס האָט איר בדעה צו שטודירן, עלענאָר? — האָט דער גאַסט געקוקט מיט באַוואונדערונג אויפן מיידל.

— כ׳האָב נאָך ניט באַשלאָסן, ס׳ווענדט זיך...

ס׳ווענדט זיך... און ווידער בלייבן הענגען אירע בליקן אויפן פענצטער... מיט אַ מאָל באַווייזט זיך דאָרטן אַ בחורל פון אַ יאָר אַכצן־ניינצן, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, אַן אָפן העמדל און טוט ווווילעריש אַ וווּנק צו איר...

פון אַ זייטיקן צימער קומט פּלוצעם אַרויס אַ פאַרשווינדל אַ ביסל יינגער פאַרן דרויסנדיקן. ער שפּאַנט שווינגנדיק פאַרביי, גלייך קיינער וואָלט דאָ ניט געווען. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, קערט ער זיך אום מיט אַ צוגעגרייטער טאַץ אָנבייסן און פאַרשווינדט פון אויג.

— דאָס איז אַ חבר פון מיין יינגער טעכטערל, לאַורא. — זאָגט

די יונגע פרוי צום גאַסט — זי עסט בלויז וואָס ער גרייט צו פאַר איר — און זי האָט דערביי אַ מינע, גלייך ס'וואָלט געווען אַ געוויינטלעכע געשעעניש.

— און איר, דזשאָן, וואָס טוט איר, ווען איר גלעט ניט דעם הונט?

— אָ איר מיינט אַלבערטן? — כאַפּט זיך אויף דער באַלעבאָס אַ דערפרייטער. — יאָ, ער איז מיר זייער טייער, אַלבערט! איך האָב אים אַ נאָמען געגעבן נאָך מיין יוגנטפריינד.

— ווער איז געווען אייער פריינד? — איז דער גאַסט שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— ס'איז אַ לאַנגע מעשה, — האָט אָנגעהויבן דזשאָן בעלאָק, — אָבער איך וועל זי מאַכן אַזוי קורץ ווי מעגלעך: ס'האָבן דעמאָלט געהערשעוועט ביי אונדז, אין דענעמאַרק, די נאַצישע שדים. האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרשיקן אונדזערע ייִדישע בירגער אויף שקלאַפן־אַרבעט און אפשר אויף ערגערס... האָבן מיר זיי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל...

— וואָס פאַראַ שפּיצל, דזשאָן?

— מיר האָבן זיי, די ייִדן, איין מאָל אין אַ נאַכט אַריבערגעפירט אין געהיים אויף שיפלעך קיין שוועדן. איר האָט געוויס געלייענט אין די צייטונגען וועגן דעם, און די אויסן־געבליבענע האָבן מיר פאַרשטעקט ווו נאָר ס'האָט זיך געמאַכט...

— וואָס איז ווייטער געשען, דזשאָן?

— מיין פריינד, אַלבערט, האָט איך באַהאַלטן אין אַ קעלער. כ'האָב אים דאָרטן איינגעאָרדנט אַ געלעגער און שפּייז האָט אים אויך ניט געפעלט. די שכנים האָבן געוווּסט דערפון און האָבן געשוויגן. נאָר די נאַצישע הינט האָבן דערשנאָפּט דאָס באַהעלטעניש... ער איז געווען מיינער אַ פריינד נאָך פון דער שולבאַנק — האָט דזשאָן אָנגעהויבן פון דאָסניי — מיר זיינען אויסגעוואַקסן צוזאַמען — האָט זיין קול אַ ציטער געטאָן — זיינע עלטערן האָבן געשטאַמט פון פּוילן, און זיי האָבן זיך שפּעטער, צוליב עפּעס אַ סיבה אומגעקערט אַהיים מיט אים... — האָט ער גערעדט צעפּלאָנטערט, אָבער מיט אַ צייט שפּעטער, האָבן זיי געשיקט אַלבערטן שטודירן קיין דענעמאַרק. און אונדזער פריינדשאַפט איז געוואַקסן, און ווען איך האָב געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דאָס לערנען צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן, האָט ער מיר אַרויסגעהאָלפן. איך האָב צום סוף פאַרט

געמוזט אויפגעבן דאָס לערנען. ער אָבער האָט ווייטער שטודירט און האָט געענדיקט אויף אַגראָנאָם. ער האָט געחלומט צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע און זיך אָנשליסן אין אַ קאָלעקטיוו, אָדער ווי זיי רופן עס דאָרטן "קיבוץ". קורץ און שלעכט! די פאַרשאָלטענע נאַציס האָבן פאַרשיקט אַלבערטן קיין אוישוויץ, און ווען זיי כאַפּן מיך, וואָלטן זיי מיך דערשאָסן אויפן אָרט, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט אַ סך אַנדערע אונטערגרונט־קעמפערס. איך בין געבליבן עלנט, אַליין, ווי אַן אָפּגעבראָכענער פעלדז אויפן נאָרד־ים — האָט דזשאָן פאַרגעזעצט — אַפילו דאָ, אין אַמעריקע, האָט ער מיר אויסגעפעלט. איך האָב זיך עפּעס ניט געקענט צופּאַסן צו אַ נייעם פריינד... און ווען איך האָב אַריינגעקראָגן אָט דאָס ליבע באַשעפעניש — האָט ער אַרומגעכאַפּט דעם הונט — האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן אַלי.

— ס'איז ניט דער שטייגער ביי ייִדן, — האָט דער גאַסט זיך דערלויבט אים איבערצושלאָגן — אויף אַזאַ אופן צו באַערן אַ פאַרשטאָרבענעם פריינד!...

— פאַר וואָס? — איז דזשאָן געווען פול מיט חידוש...— איך האָב דעם הונט זייער ליב!... איך האָב פאַרגעלייגט אָנצורופן מיין פערסישן קאָטער "אַלבערט" — האָט זיך דערהערט ס'קול פון דער זקנה פון קעגנאיבער. אָבער דזשאָן איז געווען איינגעשפּאַרט.

— איז ניט דער הונט דער געטרייסטער פריינד פונעם מענטשן?

— האָט דער אַלטער געקוקט מיט געבעט אויפן גאַסט.

— ביידע ניט! — האָט געפּסקנט דער גאַסט — מען ערט ניט קיין באַשעפענישן מיט אַ מענטשלעכן נאָמען... — האָט פון אים אַרויסגערעדט דער ייִדישער ניצוץ.

— ווי זשע דען האָב איך געדאַרפט באַערן זיין אָנדענק? — איז דזשאָנען נאָך אַלץ שווער געווען צו באַנעמען יענעמס קעגנערשאַפט.

דער גאַסט זאָגט דעמאָלט אַ פאַרטראַכטער, ציילנדיק די ווערטער:

— אָט האָט איר ערשט דערמאָנט, ווי אַלבערט האָט געחלומט זיך צו באַזעצן אינעם לאַנד, וואָס מיר רופן הייִנט ישראל, וואָלט פיל גלייכער געווען, לויט מיין מיינונג, צו פלאַנצן דאָרטן אַ בוים, צי מער אין זיין נאָמען, אָדער ביישטייערן פאַר עפּעס אַ נייטיקער אינסטיטוציע דאָרטן...

דזשאָן הייבט אויף אַ פּאָר גרויסע, ליכטיק־קלאָרע אויגן אויפן גאַסט,

גלייך מ׳וואָלט אים ווי דורך אַ כּישוף ערשט באַפרייט פון אַ בעלמע, און זאָגט מיט אַ באַנייטער פרייד:

— דער אַלמעכטיקער אַליין האָט אייך צוגעשיקט צו מיר, בכדי איך זאָל פאַרריכטן אַ גרויליקן טעות... — און ער כאַפּט ווידער אַרום דעם הונט און שרייט אים אַריין אין אויער — ״פון היינט אָן הייסטו ביי מיר מער ניט ״אַלבערט״, נאָר ״דזשיי־בי״ (דזשאָן בעלאָק), און בכדי דער כּלב זאָל עס בעסער געדענקען, חזרט ער עס איבער נאָך העכער: ״דזשיי־בי״!

דער גאַסט געזעגנט זיך שנעל אָפּ און פאַרלאָזט דאָס הויז מיט אַ געדריקט געמיט...

אַ פרעמדער אין שטאָט

די שטאָט פון זון און פון פּאַלמעס איז אַצינד שווער צו דערקענען. אויף אירע אַ מאָל רויִק־שטילע און רחבותדיקע גאַסן, וווּ מ׳פלעגט געמיטלעך שפּאַצירן און באַוואונדערן דעם כּישוף פון אירע טראָפּישע געוויקסן, דעם פאַרבנשפּיל אויפן הימל און ים, האָבן זיך באַוויזן, צוערשט קליינע צאָלן אַנטרונענע פון קובאַ, און אין משך פון עטלעכע יאָר אין דער שטראָם פון דאָרטן געוואָרן שטאַרקער, אינטענסיווער, געדיכטער. לעצטנס האָבן די מענטשן־כוואַליעס פאַרפלייצט דעם פלאָרידע האַלב־אינדזול...

מען קאָן אָפּגיין גאַנצע שטרעקעס און ניט הערן קיין קלאַנג פון דער לאַנדשפּראַך, שוין אָפּגערעדט אַ וואָרט פון אונדזער יִידיש לשון. ערשט נעכטן־אייערנעכטן, דאַכט זיך, איז די עיר־הבירה געווען פאַררעכנט פאַר אַ ריין יִידישע שטאָט, ווו זונטיק אַפילו האָט מען זעלטן געהערט דעם געקלאַנג פון אַ קלויסטערגלאָק. געהערט האָט מען דעמאָלט יאָ יִידיש רעדן, און ביים ים־ברעג זינגען יִידישע לידער, און אין די פּאַרקן און סקווערן האָט מען געזען יִידן לייענען יִידישע צייטונגען אָפן, פריי ווי ביי זיך אין דער היים.

היינט זענען דאָס רוב האָטעלן ביים ים באַזעצט פון קאַסטראָס לאַנדסלייט. מען דערקאָנט זיי ניט בלויז לויט דער שפּראַך און זייערע מאַניערן. זיי זיינען אימפּולסיוו, מאָנעריש און פאַרבענקט נאָך זייער היימלאַנד. אָבער זעלטן ווער האָט חשק זיך אומצוקערן אַהין, אַפילו ווען דער רעזשים זאָל זיך בייטן...

איין טאָג, גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט איבער דעם ערשט דערמאָנטן שפּאַצירוועג, האָט זיך אונטערגערוקט אַ בר־נש מיט אַ קאַמעראַ און האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ פאָטאָ־בילדל. ווען ער האָט באַמערקט מיין פאַרוואונדערונג, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער און זיינע "אַמיגאָס" (פריינד) זענען נאָך מער פאַרוואונדערט צו טרעפן אַ "פרעמדן" אַ ניט "לאַטינאָ" אָט דאָ אַרומגיין...

און איך האָב מיט אַ מאָל אויסגעפונען, אַז איך בין אַ פרעמדער אין מיין אייגענער שטאָט...

אַ פאַרמוחטע סטודענטקע

קעגן מיר זיצט אַן איינציקע סטודענטקע פאַרשלונגען פון אַ בוך. איר טונקעלער שטערן פאַלדעוועט און קנייטשט זיך, ווי אַ סאַזשעלקע אין אַ פרילינג־ווינטל. מען זעט באַשיימפּערלעך, אַז זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ האַרטן ענין, אויף אַ שווערן פּראָבלעם, וואָס אָט, דאַכט זיך, בייסט זי אים איין און אָט גליטשט ער זיך אַרויס פון אונטער אירע הענט.

אין אַזאַ מאָמענט הייבט זי אויף איר געדיכטע אַפּראָ־פאַרשאָרענע פּריזור מיט די שוואַרץ־נאַבטיקע אויגן אין מיין זייט, ווי זי וואָלט געזוכט הילף ביי מיר. דערביי איז איר שמייכל אַ נעבעכדיק־ווייכער, גלייך ער וואָלט געַרעדט אויף אַן אייגענעם לשון: — "וואָס ווילן "זיי" פון מיר, דאָרטן?" כ'וואָלט גערנער אַצינד זיך אַ שפּיל געטאָן מיט די חברטעס אין גאַס"!...

און ווי זי וואָלט זיך פּלוצעם געכאַפּט אויף אַ נעגערשער זינד, אַז זי קלאַפּט אין אַ ווייסער טיר, האָט זי אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן ערנסטע מינע און זיך ווייטער פאַרטיפט אינעם בוך. אַצינד האָט שוין איר אויפגעהויבענער, מידער בליק אַרויסגעקוקט פון אַ שולדנעפּל, ווי זי וואָלט זיך שטום פאַרענטפערט: — "שוואַרץ קאָן זיך זיין טאַקע שיין".

ווי מ'האָט דעם פּזמון איינגעחזרט מיט איר ביי די מיליטאַנטישע

מסיבות, און אַז די טונקל־הויטיקע קאָנען אַליין באַשטיין זייער שטעטל אָבער...

די רחבותדיקע קעמפּוס־קאַפעטעריאַ איז אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן און גראָד מיט אַ היפּשן פּראָצענט פון "קאָלירטע" סטודענטן. זיי גייען זי פאַרביי ניט נאָר מיט גלייכגילט נייערט ווי זי וואָלט לחלוטין ניט עקזיסטירט. און עס בליצט אויף אין איר מיט אַ מאָל אַ געדאַנק, אַז זי האָט גאָרניט קיין תּרעומות קעגן די ווייסע. זי איז זיכער, ווען זי ווייזט איינעם פון זיי אירע שווערקייטן וואָלט ער זיי, אָן שהיות, געלייזט.

און אָט שטייט זי שוין מיטן אָפּענעם בוך לעבן אַ פאַרשוין מיט אַ בלאָנדן שויבער און אַ קורצן קמץ־בערדל, און נאָך איידער זי אַנטפּלעקט פאַר אים איר דילעמע, באַמערקן זי גראָד אַצינד אירע שוואַרצע קלאַס־חברים און נעמען זי דורך מיט שפּיזיקע בליקן: "אַ העלדין פון אָנקל טאָמס קעבין" און קערן אַוועק די קעפּ פון איר.

גורל

די אָפּן־רחבותדיקע לאָנקע, ביים פּיל־שטאָטיקן בנין, האָט אָפּט דערמאָנט אין אַ גרינעם, גוט געפּלעגטן טעפּיך. ביי אירע ברעגן האָבן זיך געהויבןביימער, שטאַרקע און וווקסיקע, ווי שומרים, און זי באַוואָרפן מיט שאָטנס. די לאָנקע איז געווען אָנגענעם פאַרן אויג און פאַרן געמיט, און ס'איז דאָרטן געווען ליבלעך צו זיצן און טראַכטן.

ויהי היום, און דעם בנין האָבן געביטן הענט. די נייע באַלעבאַטים האָבן באַשלאָסן נאָך מער צו באַשענערן זייער נחלה, האָבן זיי דאָרטן פאַרזעצט אַ גרויסע צאָל יונגע ביימלעך און מ'האָט צוליב זיי מער ניט אַרויסגעזען די שיינקייט פון דער לאָנקע. און ס'איז איר אָפּגעטאָן געוואָרן, לפי אַ סך לייט, אַ גרויסע עוולה.

אויך די יונגע ביימלעך האָבן זיך געפילט געקריוודעט. אין וואַלד האָבן זיי זיך געפונען צווישן אייגענע און נאָענטע; געאָטעמט די ריינע וואַלדלופט, פאַרנומען ארום־און־איבער־זיך דאָס צוויטשערן און דאָס געזאַנג פון פייגל. אַצינד — איבערגעפלאַנצטע אין אַ פרעמדער ערד — הערן זיי בלויז דעם טומל און גערויש פון פאַרבייאיילנדיקע אויטאָס

און לאַסט־וועגענער, וועלכע לאָזן נאָך זיך שעדלעך־סמיקע ריחות און גאַזן.

פּראָפ. מאַרקוזע, אַ לאַנג שוין צוריקגעצויגענער פון זיין פּראָפעסיע, זיצט אָפט אויף זיין באַלקאָן און באַטראַכט די ביימלעך, ווי ער פלעגט באַטראַכטן ניי־אַריינגעקומענע סטודענטן אין זיין קלאַס. ער מיט זיך צו טרעפן זייער כאַראַקטער און מהות, פּרווט אָפּצושאַצן זייער יכולת און אויסדויער, און ער קומט צו דער מסקנא, אַז מער ווי אַ פּאָר ווינטערן וועלן זיי, די ביימלעך, ניט געדיייען אינעם צפון־מערבדיקן קלימאַט.

אויפן זעלביקן שטאָק, אַ ביסל ווייטער, וווינט דער טענאָר, סאַלוואַדאָרע גאַזאַ, ער ווייזט זיך אויפן באַלקאָן ס׳רוב אין די פאַרנאַכטן ביים פאַרגאַנג. און ער צעלאָזט זיך מיט אַן אַריע אויף הויכע טענער. ער קומט אָבער גלייך אַרונטער, צוליב זיין אַלט־אָפּגעשוואַכטער שטים, אַלץ נידעריקער ביז עס דערגרייכט צו אַ פליסטערן. פון דעסטוועגן וואָרטשען די אַרומיקע שכנים אויף אים, כאָטש זיי קענען זיך ניט פאָרשטעלן זייער לעבן דאָ, אין בנין, אָן אים.

דער טענאָר אָבסערווירט אויך מיט אַ קריטיש אויג די ביימלעך, און ער באַשליסט — אויב אָט די ״וואַלד אימיגראַנטן״ וועלן ניט צוציען צו זיך אַ גרעסערע צאָל זינגפייגל, זעט ער ניט פאַר זיי קיין צוקונפט.

די אָפּטאָמעטריסטין, איזאַבעלאַ, מיט אַ שטאָק נידעריקער, קען שוין צוליב זיקנה צו גוט ניט זען. דאָך קוקט זי אויף דער וועלט, פיגוראַטיוו גערעדט, דורך קאָלירטע גלעזער, מחמת זי איז פון דער נאַטור אַן אָפּטימיסטין. זי קוועלט אָן פון יעדן געוויקס, גראָז און בלימל און אַוודאי פון די יונגע ביימלעך, וועלכע זי באַטראַכט פאַר אירע פריינד און קרובים, וואָרן די אמתע פון פלייש־און־בלוט האָט זי אַלע איבערגעלעבט, און זי איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט...

איזאַבעלאַ נערט אין זיך אַ מאָדנעם ווונטש, נעמלעך צו דערלעבן די צייט, ווען די ביימלעך וועלן זיך צעוואַקסן און דערגרייכן די הייך פון איר באַלקאָן... דעמאָלט... אָ, דעמאָלט!... ווען דער אויפזועער אָבער פאַרפעלט אַ טאָג צו טאָן זיינע פליכטן לגבי די ביימלעך, באַפאַלן אַפילו איר ספקות, צי זייער קיום איז אַ זיכערער.

דער אַלטער באָטאַניקער, גרינשטאַט, מיט דער ווייסער שעוועליורע און שפּיציק בערדל, באַנוגנט זיך ניט מיט וואַכן איבער ״זיינע קינדער״, די

יונגעביימלעך, פון אויבן, פון זיין באַלקאָן. ער שפּאַצירט זיך דורך עטלעכע מאָל אין טאָג איבער דער ענג־געוואָרענער לאָנקע, און פאָרשט מיט גרויס ערנסט זייערע שטאַמען און זייערע קרוינקעפּלעך, און ווען ער גלעט זייער קאָרע מיט זיין פאַכמענישער האַנט, שפּירט ער ממש דאָס ריזלען פון זייערע בלוטזאַפטן אונטער דער שווערער הויט. ער עצהט כּסדר דעם גערטנער ניט צו זשאַלעווען קיין וואַסער, מחמת די יונגע חברה נייטיקט זיך אין אָט דעם לעבנס־עליקסיר ניט ווינציקער ווי מינדיאָריקע קינדער אין מילך — צום וואַקסן.

רייזל

הגם אַלע אינעם קרייז האָבן געוווסט, אַז חיים קיסין איז אַ חולה־מסוכּן, האָבן דאָס רוב פון זיי מיטגעפילט און מיטגעליטן מיט זיין פרוי רייזל. זי האָט גענומען זייער ערנסט די שבועה, וואָס פאָרלעך גיבן זיך בעת דער הייראַט־צערעמאָניע, און איינע פון די וויכטיקסטע התחייבותן איז, כּידוע, ״טריישאַפט ביזן סוף״, און זי איז אים געווען ניט נאָר אַ מאַמע און אַ שוועסטער, ווי ס׳ווערטל גייט, נייערט אַ חברטע, אַ ראַטגעבערין אין זיינע געשעפטן, ווען ער האָט זיי נאָך געפירט, און געוואַכט איבער זיין געזונט און וווילזיין ווי אַ גוטער מלאך. און פון אַלע ליבע־צונעמעניש פאַר רייזלען האָט זיך ביי אים טאַקע אָפּגעשטעלט פאַר איר: ״מיין גוטער מלאך!״...

די קיסינס האָבן באַוווינט אַ רחבותדיקע דירה אויף אַ הויכן שטאָק, מיט פענצטער צום ים און צום איינגוס. חיים האָט אַצינד געהאַט צייט צו באַוווּנדערן פון זיין באַלקאָן די שטאָט פון זון און פאַלמעס, אָבער ניט גענוג כּוח צו געניסן פון אירע פריידן. ער האָט ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער זיקנה, וואָס האָט זיך פריצייטיק אָנגערוקט אויף אים מיט אַלע אירע באַגלייט־סימנים: — פאַרשיידענע מיחושן, דוחק אין שלאָף און מחשבות זרות. ער האָט זיך געווערט קעגן זיי אָפּט אויף דער עצה פון דאָקטאָר מיט באַרר־פּילן, וועלכע האָבן באַרויקט וואָס אַ טאָג ווינציקער, הגם ער האָט זיי גענומען אַלץ מער און אָפטער.

צו יענער צייט האָט נאָך חיים קיסין אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן מיט יידישע און ישראל־מוסדות, געשטיצט זייערע פאָנדן מיט אַ ברייטער האַנט, באַזוכט זייערע שמחות און מסיבות ביז ס׳האָט געטראָפן מיט אים דער פאַטאַלער אומגליק.

איין מאָל, אַרויסגייענדיק פון אַן אסיפה אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלן. ער איז דעמאָלט אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל אַ פּאָר וואָכן און איז אַרויס פון דאָרטן — אַן אינוואַליד. ער האָט מער ניט געקענט באַוועגן מיט זיינע פיס, און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער האָט פונעם פאַל אויך באַשעדיקט דעם שאַרבן...

רייזל האָט ניט איינגערוט. זי האָט אומגעפירט איר מאַן פון איין ספּעציאַליסט צו אַן אַנדערן. מ׳האָט גענומען עקס־רייען, געמאַכט פאַרשיידענע טעסטן, מען האָט אָפּגעהאַלטן קאָנסיליומס מיט דער האָפענונג, אפשר וועט מען פאָרט געפינען אַ רפואה פאַר אים. די מומחים האָבן מער גאָרניט געקענט טאָן פאַר אים.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר חיימען מעת־לעתן פול מיט פיין און יסורים. ער האָט מער ניט געשפּירט דעם חילוק צווישן טאָג און נאַכט, און אָפט געוועקט רייזלען פונקט דעמאָלט, ווען זי, אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע פון באַדינען אים, האָט קוים איינגעדרעמלט. אים פלעגן פלוצעם באַפאַלן די משונהדיקסטע דוקטענישן, אַז ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַן אינדזל און אַלע זוכן לעבן. ער האָט ס׳רוב ניט דערקאָנט זיין פרוי און זי באַשולדיקט, אַז זי איז אַ פרעמדע. ס׳האָט אויך געטראָפן, ער זאָל אַוועקרעדלען אומבאַמערקט מיט זיין פאָרשטול איבער די לאַנגע, האַלב־טונקעלע קאָרידאָרן, בעת רייזל איז געווען פאַרנומען אין קיך, און זי זאָל שפּעטער אומלויפן אים זוכן, און ניט איין מאָל אים געפינען הינטער דעם איבערגעקערטן פאַר־מכשיר.

מען האָט ענדלעך געמוזט אָנשטעלן אַ מענטשן, וואָס זאָל אים באַדינען, אָבער ער האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן, דער מענטש, ניט ער, ניט קיין אַנדערער, מחמת אויך זיי האָבן ניט געהאַט די מינדסטע רו. דאָקטוירים האָבן רעקאָמענדירט אַ ״היים״ פאַר אים. נאָר אָט די אינסטיטוציע האָט שוין געהאַט אַ שם־רע איבערן לאַנד, האָט ער בשום־אופן ניט געוואָלט איינגיין אויף דעם, בקיצור, די פרוי האָט אים ווייטער אַליין געוואַשן,

געהאָרעוועט, אים געפירט פאַר זיינע באַדערפענישן און געזאָרגט פאַר דער הויז־באַלעבאַטישקייט.

אין טאָג ווען חיים האָט איינגעדרעמלט נאָכן אָנבייסן, האָט זיך רייזל אַרויסגעכאַפּט עפּעס איינקויפן. זי האָט זיך זייער געאײַלט און געהאָפט אים נאָך צו געפינען, ביים צוריקקער, אין בעט. ווען זי האָט אויפגעשלאָסן די טיר, איז ער געווען אין זיין פאָרשטול הינטער איר, מיט אַ שטיק האָלץ אין האַנט גרייט זי צו באַפאַלן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען איז געקומען באַרויבן דאָס הויז.

עס האָט רייזלען גענומען אַ היפּשע צייט אים צו ״איבערצייגן״, אַז זי איז זיין פרוי און ניט, חלילה, קיין רויבערין. ווען די גאָר נאָענטע זיינען דעמאָלט צוגעשטאַנען צו איר, אַז ס׳וואָלט פּאָרט געווען אַ גלייכע זאַך אים אַריינצוגעבן אין אַ ״היים״, האָט זי מיט איר איינגעבאָרענער תּמימות געפרעגט:

— וואָס רעדט איר? גאָט מיינער! ווער וועט דאָרטן אַכטונג געבן אויף אים? ווער וועט אים געבן עסן, באָדן און לייגן שלאָפן? ווי קאָן איך זיך פאַרלאָזן אויף פרעמדע מענטשן? ווי קאָן איך אים איבערלאָזן אויף פרעמדע הענט?

צוויי שווערע יאָר זיינען אַריבער פאַר רייזלען (די ערנסטע אין איר לעבן!) זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן! זי איז געבליבן מיט אים ביז זיינע לעצטע מינוטן.

דער זיידע און די אייניקלעך

ר׳ אשר אישלאַן איז עוקר געווען פון פוילן צוליב גזירות אויף יידן נאָך פאַרן צווייטן וועלטקריג. ער איז אַוועק קיין קובאַ, מחמת אין אַמעריקע האָבן אים די שטרענגע אימיגראַציע־געזעצן ניט אַריינגעלאָזט, און ווען ער האָט זיך שוין איינגעאָרדנט אין דער נייער היים, נאָך לאַנגע יאָרן פון מאַטערנישן, און איז געוואָרן, מיט מזל, אַ בעל־משפחה, איז אויפגעשטאַנען אין לאַנד אַ מושל אַן אַכזר, און ר׳ אשר האָט זיך ווידער גענומען פאַרן וואַנדער־שטעקן. דאָס מאָל איז ניט געווען קיין מניעה

אַרייַנצוקומען אין דער געגאַרטער מדינה, און ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט פון זון און פּאַלמעס.

זיינע דריי טעכטער, געבוירן און אויפגעצויגן אויפן אינדזל, האָבן דאָ שנעל געכאַפּט דאָס היגע לשון, זיי האָבן, מיט דער צייט, חתונה געהאַט מיט היגע ייִדישע יונגע־לייט. און אויב דער פאָטער האָט ווי ס'ניט איז זיך פאַרשטענדיקט מיט זיינע טעכטער אויף שפּאַניש, האָט ער מיט די איידעמס לחלוטין ניט געקענט קאָמוניקירן, און ווען עס זיינען שפּעטער צוגעקומען אייניקלעך, געננוי: דריי מיידעלעך און אַ ייִנגעלע, האָבן זיי אים ניט פאַרשטאַנען און ער זיי אַוודאי ניט. איז ר' אשר אישלאַן אַרומגעגאַנגען כּמעט אַ שטומער צווישן זיינע אייגענע און האָט — געזיפצט!...

אין אַ פרייען טאָג האָבן די מאַמעס איבערגעלאָזט דאָס קליינוואַרג אויף זיינע הענט און זיינען אַוועק מיט זיין אשת־חיל איינצוהאַנדלען מציאות. דער ווידע האָט זיך צוערשט שטאַרק געפרייט צו בלייבן מיט זיינע אייניקלעך, ער האָט זיי געוואָלט דערציילן אַ מעשהלע, ווי ס'האָט דערציילט אַ מאָל זיין ווידע, ווי עס דערציילן אַנדערע ווידעס. אָבער גיי רעד, אַז עס פעלט לשון!...

האָבן זיך די פיר חברהלייט אַוועקגעלאָזט איבער דער רחבותדיקער טעראַסע מיט אַ פּילקע, מיט געשרייען און געלעכטערס, און ביי יעדן בייג איבערן פּאַרענטש, איז ביים ווידן אַנטפאַלן געוואָרן דאָס האַרץ, ער האָט זיי נאָכגעפאָלגט מיט אָנגעשטרענגטע אויגן, אַזש די שפּאַקולן האָבן זיך פאַרנעפּלט, זיינע פיס האָבן געציטערט און אַזוי אויך דאָס יאַרמלקעלע אויף זיין שפּיץ קאָפּ... ביז ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביים שכנס טיר:

— כ'בין היינט, לא עליכם, אַ "סידער" (אַ זיצער), מיין פריינד! עס וועלן מיר אָבער ניט העלפן קיין "סידור" און קיין "מחזור" — האָט ער זיך געוויצלט אויפן חשבון פונעם ענגלישן טערמין. — איך בין כּמעט אַ פרעמדער ביי מיין אייגענער משפחה...

דער שכן, אַ ייִנגערער מענטש, האָט אַ מאָל געפּרוווט באַווייזן, אַז ער, ר' אָשר, איז טיילוויַיז און אפשר מער ווי טיילוויַיז, שולדיק אין דער אָפּגעפרעמדקייט, אָבער ער האָט גיך איינגעזען, אַז ווען דער שמועס

גייט אַריבער וועגן חינוך, טוט דער אַלטער אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ זאָג פאַרצווייפלט: — "בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי!"

דער שכן האָט אים דאָס מאָל שטיל געענטפערט: "ר' אשר, מיט דער ערשטער העלפט פון דעם מאמר בין איך מיט אייך מסכים, די צווייטע העלפט דאַרפט איר פאַרענדיקן, לפי מיין דעה, אַנדערש...

— ווי הייסט אַנדערש? דהיינו? — האָט זיך ר' אשר געוווּנדערט.

— דהיינו — האָט אים דער שכן דערקלערט: — "ואני פשעתי בהם!"

דער אַלטיטשקער האָט געבאַפּט דעם רמז און האָט נאָך שטאַרקער אַ זיפץ געטאָן...

(טייטש פון די פסוקים: "קינדער האָב איך דערצויגן און גרויס געמאַכט און זיי האָבן מיך פאַרראַטן". דער אַנדערש געזאָגטער אופן, מיינט: "און איך האָב זיי פאַרראַטן" (געזינדיקט קעגן זיי).

אין עלעווייטער

דער עלעווייטער האָט זיך פאַרהאַקט צווישן די העכערע שטאָקן. פאָרגעקומען איז עס אַזוי: פאַרנדיק צו מיין וווינונג אויפן פערטן גאָרן, האָט זיך די הייבמאַשין אָפּגעשטעלט אויפצונעמען אַ שכן אויפן צווייטן גאָרן, מיטן נאָמען "דאָס נאַטור - יינגל", אַ באַרדיק האַלב-באָרוועסער עלטערער מאַן מיט אַ צעפּאָרענעם קאַפּעליוש. ער האָט אין איילעניש אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל, וואָס פירט אַראָפּ, אָבער די מאַשין האָט זיך געטראָגן, לפי דעם פריערדיק-באַשטימטן פונקט, דאָס הייסט, צום פערטן שטאָק.

אויבן, ביים אַרויסגאַנג, האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער פּאַסאַזשיר. ער האָט כּהרף-עין אַוועקגעלייגט אַ פינגער אויפן קנאָפּ, וואָס שלעפּט אין דער נידער. ניט באַמערקנדיק, אַ פּנים, אַז ס'איז מיין לעגיטימער אָפּשטעל, האָב איך, פון מיין זייט, גלייך פאַרריכט דעם טעות, נעמלעך געוואָלט תּיכּף ומיד פאַרהאַלטן דעם עלעווייטער, אָבער די הייבמאַשין איז ווי, להבדיל, אַ מענטש מבולבל געוואָרן פון אַזוי פיל דעות און

ניט געוווּסט אין וועלכער ריכטונג זיך צו לאָזן, איז זי געבליבן שטעקן ערגעץ אין מיטן.

די דריי פאַרשווּינען האָבן זיך ביז אָנגעקוקט, באַשולדיקנדיק איינער דעם אַנדערן אין דער געשעעניש. דאָס "נאַטור־יינגל" האָט גענומען קלאַפּן נאָכאַנאַנדיק אין דער טיר, קלינגען אינעם עלעקטרישן גלעקל און רעדן וואָס ס'איז אים געקומען אין מויל אַריין:

— "מיר זיינען דאָ דריי אירע, עס קאָן דאָ סטייען לופט אפשר אויף אַ פופצן־צוואַנצק מינוט. צו ערשט וועט אַוועקפאַלן דער סאַמע שוואַכסטער — האָט ער באַטראַכט דעם ערשט־אַריינגעקומענעם. — "דערנאָך וועט גיין אַ גאַנג זיין חבר" — איז זיין בליק אָנגעשטעלט געוואָרן אויף מיר. — "איך וועל אייך ביידן איבערלעבן, אַזוי ווי מיר האָבן היינט מיטוואָך"...

— "היינט איז דאָנערשטיק!" האָט אים פאַרריכט דער דריטער פאַסאַזשיר.

די "ליכטיקע" אויסזיכטן האָבן אַזוי אויפגעהייטערט דאָס "נאַטור־יינגל", אַז ער האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט מער ענערגיע אין טיר און טאַקע מיט ביידע הענט. די אַפּלען פון זיינע אויגן זיינען אומגעשווומען פון איין קרבן צום צווייטן מיט אַ נצחון־פייערל. מיר האָבן זיך געהאַלטן ביי די ווענטלעך פון דער הייבמאַשין און געוואַרט אויף אַ נס!...

פלוצעם האָט אויסגעלאָזט ביים "נאַטור־יינגל" דער גאַנצער אימפּעט און ער איז שטיל געוואָרן מיט אַ מאָדנער שטילקייט, וואָס האָט אי געפרייט, אי געשראָקן. ער האָט גענומען זינקען צום דיל און איז געבליבן ליגן מיט דער נאָז אַריינגעטאָן אין די שפּאַרונעס פון דער טיר...

אַ פּנים אַז עמעצער האָט פאָרט דערהערט דעם אַלאַרם, שטימען האָבן זיך אַריינגעריסן פון דרויסן, געוואָרן אַלץ העכער און קלאָרער. מען האָט געפונען צוויי שטאַרק צעטרייסלטע מענטשן. נאָר דאָס "נאַטור־יינגל" האָט מען געמוזט לאַנג מינטערן, ביז ער איז געקומען צום באַוווסטזיין. ווען ער האָט ענדלעך געעפנט די אויגן, איז זיין ערשטע פראַגע געווען:

— ווו זיינען זיי די צוויי? איך האָב גלייך געזאָגט אַז זיי זיינען צו שוואַך, אַז זיי וועלן עס ניט אויסהאַלטן...

מתנות ווי אַ סגולה

ווען די יונגע פּרוי מיט אירע צוויי קינדער רופן די אַלטיטשקע נחמה "באָבע", ווערן די באַווײַנערס אויף די ווענט, ייִדן און ייִדענעס מיט הדרת־פּנימער, פול מיט חידוש און אומרו. עס דאַכט זיך דעמאָלט, אַז זיי עפענען ברייטער זייערע אויגן אויפן קליינעם צלמל, וואָס באַמבלט זיך ביי דער עלטערער פון זיי אויפן שיינעם האַלדז...

נחמה וואָלט אַוודאי געקאָנט זיך איינשפּאָרן צער און יסורים און ניט פאַרבעטן דעם דרייליגנ צו זיך, ווייל דאָס אייניקל, בעני, וואָס האָט אָפּגעטאָן די נבלה און איז שוין העבער אַ יאָר אַ שוכן־עפר, אמת, ער האָט פאַרזיכערט די עלטערן און זיין באָבען נאָך פאַר דער חתונה, אַז דאָס מיידל האָט זיך מגייר געווען און וועט פירן אַ ייִדיש הויז כּדת־וכדין. זי האָט געהאַלטן וואָרט! זי האָט אויסגעפאָלגט איר שוויגערס אַנווייזן און עצות און, להבדיל, ווי רות פון דער מגילה, זיך באַהאָפטן אין איר מאַן און אין זיין משפחה. אָבער נאָך זיין פּטירה האָט ווידער אויפגעוואַכט אין איר דאָס מיידלישע לעבן אינעם פאָטערס היים. ס'איז פאַרגעקומען ביי איר אַזוי וואָרהאַפטיק, אַז די עטלעכע יאָרן מיטן ייִדישן מאַן זיינען ביי איר שנעל אויסגעוועפט געוואָרן און די אַמאָליקע פאַמיליע־געוווינהייטן האָבן זי ביסלעכווייז ווידער באַהערשט. נאָר איר מאַנס פאַרערונג און ליבע צו דער אַלטיטשקער נחמה, וואָס ער האָט אויך אין איר איינגעפלאַנצט, איז אַפילו אַצינד ניט געמינערט געוואָרן...

בעני האָט בשעתו גורם געווען, ווי דערמאָנט, אַ סך טומל און זאָרג ביי די בני־בית מיט זיין שידוך. איינגעשטילט די געמיטער, ווי אומגלייבלעך עס זאָל ניט זיין, האָט גראָד די אַלטיטשקע נחמה. זי האָט געטענהט: "איר וועט אים מיט אייערע ווערטער־בייטשן פאַרטרייבן, חלילה, אין גאַנצן פון זיך! מיט וועמען האָט יוסף הצדיק חתונה געהאַט? מיט אַ גאונס אַ טאָכטער?"

בעני האָט ניט פאַרגעסן דער באָבעס גוטע ווערטער!... צום געבוירנטאָג פון אירע אוראייניקלעך, האָט די באָבע געקויפט פאַרן ייִנגעלע אַן אַרבע־כּנפותל און פאַרן מיידעלע אַ גאָלדן מגן־דווידל. ווען דאָס קליינוואַרג האָט זיך געוווּנדערט אויף די מתנות, האָט זי זיי דערקלערט:

— דאָס איז צו געדענקען, אַז איר האָט געהאַט אַ ייִדישן טאַטן!...

אין דער פרעמד

די טאָפּאָלס האָבן זיך היי ־יאָר פאַרהאַלטן לענגער ווי געוויינלעך אויף זייער וואַקאַציע אין די בערג. דער ״אינדיאַנער זומער״ האָט זיך דאָרטן פרי באַוויזן. האָט באַזוימט די בלעטער גאָלדיק ברוין, טייל פאַרצויגן מיט אַ שאַרלעך־רויטער פאַרב און אַנדערע פשוט צעוואָרפן ביי די שטאַמען איבערן געל־געוואָרענעם גראָז. בלויז די נאָדל־ביימער האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. זיי האָבן געריסן די שטאָלצע קאַנדעליאַברע־אַרטיקע קעפּ צו די באַרג־שפּיצן מיט אַ זיכערקייט, אַז זיי וועלן ניט נאָר דעם האַרבסט נאָר אויך דעם האַרבן ווינטער איבערלעבן...

אהרון טאָפּאָל האָט שוין פון טעג געשפּירט אַ נאָגנדיקע אומרויִקייט, וואָס איז מיט יעדן אָנגעקומענעם ״לשנה טובה־קאַרטל״ אַלץ שאַרפער און אומהיימלעכער געוואָרן. ער האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פונעם געדאַנק, אַז ער וועט מוזן פאַרבלייבן אין דער סאַמע פאַרכטיק פייערלעכער צייט פון ייִדישן לוח אין אַ פרעמדער סביבה, ווייט פון אַ ייִדישן ציבור, אָפּגעריסן פון משפּחה און פריינד.

פיל ערגער האָט אויפגענומען דעם ״גזר־דין״ זיין פרוי דינה. הגם איר שוואַכער געזונט האָט געפאָדערט, לפי דעם דאָקטאָר, אַ לענגערן אָפּרו, איז זי אומגעגאַנגען אַן אומצופרידענע, אַ געערגערטע מיט טענות צום מאַן למאַי ער האָט זי ״פאַרשלעפּט״ אין אַזאַ וויסטעניש.

אהרון האָט ניט געענטפערט. ער האָט געזוכט מיט עפּעס צו פאַרגרינגערן דאָס פאַראומערטע געמיט. דעם ערשטן טאָג ראש־השנה האָט ער אויסגעשטעלט דאָס פּעקל קאַרטלעך, ס׳רוב פון זיי רעפּראָדוקציעס פון היסטאָרישע ערטער אין ישראל, אויף ליידיקע פּאָליצעס, און זיי האָבן מיט זייער פילפאַרביקייט און תּוכן אַרויסגערופן, צו זיין אייגענעם חידוש, אַ הויך פון יום־טובדיקייט אינעם קליינעם באַרגשטיבל...

ער האָט דעמאָלט געזאָגט צו זיין פרוי: — דינהלע, טו אָן, איך בעט דיך, דיין נייַ קלייד.

— וואָס עפּעס אין מיטן דערינען? — האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין.

— אַזוי! ס׳איז היינט יום־טוב ביי ייִדן, צי ניט?

זי האָט געוואָרפן אויף אים אַ מטושטשן בליק און איז אַוועק זיך איבערטאָן. און ווען זי האָט זיך, אין עטלעכע מינוט אַרום, אומגעקערט

אָן אויסגעפּוצטע, אַ צוגעקעמטע, האָט ער זי געבעטן זיך צו זעצן ביים טיש. ער האָט געעפנט די יידישע צייטונג, וואָס איז געווען פול מיט מאמרים לכבוד די ימים־נוראים און זיי גענומען פאָרלייענען פאַר איר. ער האָט באַמערקט ווי די אָנגעשטרענגטקייט לאָזט נאָך אויף איר איידל־אויסגעצערט פנים. זי האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרווונדערונג און דאַנקשאַפט, און ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי שטיל געזאָגט:

— נו, זאָל זיין אַ גוט יאָר! און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט...

באַרגמענטשן

דער אַלטער פאַרמער האָט ניט געדענקט פּינטלעך זיין עלטער.

— אויב ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג האָט ער אָנגעגעבן זיינע יאָרן ניט העכער ווי זיבעציק. האָט אים די זיקנה אַ דריק געטאָן מיט נייע מיחושן, איז זיין ענטפער געווען ס׳רוב אַ מאַך מיט דער האַנט אַראָפּצו צו, וואָס דאָס האָט געמיינט: — ״פרעג ניט, ברודערל, כ׳האַלט שוין ביים סאַמע סוף...״

ווען ס׳ווייב איז אים פּלוצעם אָפּגעשטאָרבן, איז מיט אים פאָרגעקומען אַ מאָדנער שינוי. לפי זיינע שכנים, האָט ער געדאַרפט אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג, וואָרן ווער וועט אויף אים איצט אַכטונג געבן און באַדינען? ווער וועט אים מקבר זיין ווען זיין צייט וועט קומען און אים שטעלן אַ מצבה, בכדי מענטשן זאָלן וויסן ווער ס׳ליגט אונטערן שטיין?

ווי גרויס איז אָבער געווען זייער חידוש, ווען זיי האָבן דערזען, איין טאָג, אין דער שטעטלשער צייטונג אַ מודעה אַז ער זוכט אַ פרוי וואָס זאָל זיין צווישן דרייסיק און פערציק. און היות ווי ער האָט דאָרטן געמאָלדן וויפיל לאַנד ער פאַרמאָגט און אַנדערע פרטים, האָבן זיי אים דערקאָנט, הגם ער האָט דאָרטן זיין אמתן נאָמען ניט דערמאָנט.

מילא, דאָס וואָס ער באַגערט אַ צווייטע הייראַט האָט קיינעם ניט געוווּנדערט, נאָר ס׳האָט אַ סך שאָקירט, ניין, טאַקע פשוט אויפגעבראַכט, וואָס ער, דער נוטה־למות. גלוסט דווקא אַ יונגיטשקע, אַ דריטל פון זיינע יאָרן.

מער פון אַלעמען האָט זיך גענומען צום האַרצן די אַלמנה, קעראָל גאָנטער. זי האָט געזאָגט צו איר טאָכטער, אויך אַן אלמנה: — איך גיי אַריבער צום פאַרמער און אים געבן אַ לעקציע אין אַנשטענדיקייט!

— זי האָט עס איר געלאָזט וויסן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, טאָר מען ניט פאַרשווייגן אַזאַ עזות־פּנים, אַזאַ האַנדלונג, צווייטנס, זאָל איר, דער טאָכטער, ניט אָנכאַפּן אַ חשק צו דער "מציאה", צוליב זיינע מאַיאָנטקעס.

זי האָט געטראָפן דעם פאַרמער איבער אַ טיפער שיסל געקעכץ. ער האָט געגעסן און געקרעכצט פון תענוג. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי אים, אָן לאַנגע שהיות, איבערגעגעבן וואָס זי און אַנדערע טראַכטן וועגן אים. זי האָט גערעדט מיט אַזאַ אימפּעט און צאָרן אַז דער אַלטער האָט ניט געקענט אַריינשטעלן אַ וואָרט. ער איז איר געזעסן אַנטקעגן, אַ שווייגנדיקער, און איר געקוקט גלייך אין מויל אַריין. ער האָט זי קיין מאָל ניט געזען אַזוי אויפגערעגט. ער האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז זי האָט, אין יענע מינוטן, אויסגעזען זייער באַחנט...

— דזשים מעקענטייער! — האָט זי געפייערט אויף אים — ווי דערוועגט איר זיך, אין אייער עלטער, צו מאַכן חוזק פון זיך און פון אונדז אַלעמען? "צווישן דרייסיק און פערציק!" — האָט זי אים איבערגעקרימט. קיין עלטערע שטייט אייך ניט אָן? — זי איז ענדלעך אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט אויף זיין ענטפער.

— הערט מיך אויס, מרס. גאָנטער! — האָט ער דווקא געזאָגט געלאַסן. — איך בין, ווי איר ווייסט, אַ לאַנגיאָריקער פאַרמער. איז דען אַלץ וואָס איך פאַרזיי, דערוואַרט איך זאָל וואַקסן? מ׳קאָן זיך דינגען מיט מיר! — האָט ער אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג.

ביי דער שכנה האָט נאָכגעלאָזן דער כעס. זי האָט געטראַכט: ער איז גאָרניט אַזאַ נאַר ווי מען מיינט. — וואָס באַדייטן אייערע לעצטע ווערטער, מיסטער מעקענטייער? — האָט זי געפרעגט כלומרשט אין אומוויסן, אָבער נאָך אַלץ זייער ערנסט.

— ווי באַדייטן — האָט דער אַלטער פוקס געענטפערט — ס׳זאָל זיך מיך מאַכן אַ פרוי, לאָמיר זאָגן, פון אייער גלייכן... — האָט ער ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר...

ווען קעראָל האָט פאַרלאָזן זיין הויז, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אַ שמועה, אַז דער פאַרמער האָט ענדלעך געפונען זיין זיווג.

צווישן הימל און מדבר

אינעם טאַקסי־עראָפּלאַן האָבן זיך געפונען, חוץ דעם פּילאָט, אַ פאָטער, זיין עלטערער זון און זיין אַכט־יאָריק טעכטערל.

אויב איר ווילט, איז עס געווען פאַר דער קליינער פאַמיליע אַן אַוואַנטורע, אפשר אַ קאַפּריז, אָבער גיכער פון אַלץ אַ שטאַרקער פאַרלאַנג צו איבערראַשן די מוטער, וועמענס געבוירן־טאָג ס׳האָט געדאַרפט פאַרקומען מיט אַ טאָג שפּעטער, און די בני־בית האָבן געוואָלט איינקויפן די נייטיקע מתנות פאַר איר אין דער ניט־ווייטער שטאָט, ווייל אין זייער מקום האָבן זיי אַזוינע זאַכן ניט געקענט קריגן. היות ווי דער פאָטער און זיינע צוויי קינדער זיינען געווען פריי יענעם טאָג, האָבן זיי, אונטער אַ פּאַסיקן תּירוץ, פאַרלאָזן דאָס הויז באַלד נאָכן פרישטיק, מיטן צוזאָג צו זיין אין אָוונט צוריק אין דער היים, און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן ריזיקאַלישן פלי!...

און ריזיקאַליש איז ער געווען דערפאַר, ווייל שוין באַגינען האָבן זיך גענומען ווייזן פאַרדעכטיקע וואָלקנדלעך אויפן הימל. נאָר ס׳איז שוין אין דער נאַטור פון מענטשן זיך אונטערצווואַרפן אַ באַשלוס, וואָס מען האָט אָנגענומען און מיט וועלכן מען האָט, צוליב אומקלאָרע סיבות, זיך גיך איינגעלעבט...

די דריי זיינען געווען אַזוי פאַרכאַפּט און באַגייסטערט פון זייער ערשטן פלי אין די רוימען, אַז זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען צווישן זיך, אָבער דער יונגער פאָטער האָט גאָר גיך חרטה געקראָגן אויף זיין איבערגעאיילטער מסקנא, דער עיקר, וואָס ער האָט מיטגענומען דאָס קליינוואַרג און אויסגעניכטערט לחלוטין האָט ער זיך ווען דער ווינט האָט גענומען שאָקלען און וואַרפן מיטן קליינעם עראָפּלאַן. די דריי האָבן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן און זייערע בליקן זיינען געווען געווענדט מיט רחמים און פאַרצווייפלונג צום פּילאָט־פירער.

נאָר דער פּילאָט האָט ניט געהאַט אַפילו קיין איין טרייסטוואָרט פאַר זיינע פּאַסאַזשירן. ער האָט מיטן גאַנצן כּוח מאַנעווורירט זיין מאַשין אַזוי זי זאָל ניט פאַרלירן איר גלייכוואָג, און זי לאַנדן, לכל הפּחות, ערגעץ אַ גאַנצע אויף אַ האַרטן באָדן.

אָבער די קאַטאַסטראָפע איז געקומען אַלץ-איינס! אין איין אויגנבליק איז דער אַוויאָן געלעגן אַ צעשמעטערטער אויף די זאַמדן פון דער נעוואַדאַ ווּיסטעניש, ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב...

פון די חורבות איז פאַמעלעך אַרויסגעקראָכן דאָס אַכט-יאָריק מיידעלע, זי איז געווען צעחושט, צעטומלט און שטאַרק דערשראָקן. זי האָט מיט באַנומענע קולות אָנגעהויבן רופן אירע אייגענע, זי האָט זיך צום סוף אָנגעשטויסן אין דעם געדיכטן חושך אויפן אומגעקומענעם פאָטער און דעם טויטן פּילאָט, צו אירע אויערלעך האָט זיך דערטראָגן דאָס קרעכצן פון איר ברודער...

ער איז אַרויס גאַנץ, איר ברודער! נאָר שטאַרק צעחושט און פאַרלוירן. ער האָט ניט געקענט באַנעמען וואָס מיט אים איז געשען. זי האָט אים געמוזט פירן און שפּעטער פּשוט שלעפּן פאַר דער האַנט איבער די טיפע זאַמדן. ס'איז איר געווען שווער! די נאַכט — שטאָק פינצטער און פון אומעטום האָט זיך געטראָגן אויף איר דאָס וואָיען פון די קאַיאָטיס. נאָר שאַרפער פון דער שרעק האָט גענאָגט איר קינדעריש האַרץ דער טרויער נאָכן אומגעקומענעם פאָטער. זי האָט גערופן אין דער שטיל איר מאַמע און געהויבן כּסדר אירע אייגעלעך אין דער הייך און צו יענער ווייט, ווו ליכטער האָבן פאַרפּלייצט דעם ברעג הימל...

און די מאַמע האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעטראָגן איבערן שטעטל, געקלאַפּט אין טירן און זיך נאָכגעפרעגט אויף אירע ליבסטע, געשטעלט אויף די פיס די פאָר פּאָליציייִשע שומרים און אין איינעם געזוכט, גענישטערט ווו אַ באַהעלטעניש, ווו אַ פאַרבאָרגעניש.

ערשט קאַיאָר, ווען די שטערן האָבן זיך געלאָשן, האָבן זיי דערזען אויף די וועגן די צוויי קינדער. ווי דער עלטערער, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען, ווערט געשלעפּט פון זיין קליין שוועסטערל. אָט בלייבט זי שטיין אַ רגע און באַלד ציט זי זיך ווייטער צום ישוב. די מאַמע האָט זיך אַ וואַרף געטאָן אַנטקעגן די קינדער, און איר באַגלייטער נאָך איר...

און ווען מען האָט געפרעגט ביים מיידעלע ווי אַזוי זי האָט געטראָפן דעם וועג אין דער פינצטער, האָט דאָס קינד געענטפערט:

— איך האָב געקוקט אויף די ליכטער ביים ברעג הימל און זיי האָבן מיר געוויזן דעם וועג אַהיים, צו מיין מאַמען. און דאָס העלדישע מיידעלע האָט זיך צעוויינט...

איגאָר

דער בין־השמשות האָט זיך געלייגט אויף די פּאַלמען־ביימער. אויף די לאַנקעס האָט זיך אַריינגעכאַפּט דאָס טרילערן פון די פייגעלעך, וועלכע האָבן זיך שוין געגרייט אויף נאַכטלעגער. דאָ און דאָרטן האָבן מענטשלעכע טריט איבערגעריסן אויף אַ רגע די מנוחהדיקע שטילקייט אין פּאַרק.

פּלוצעם האָט זיך צעקלונגען אַ שוין לאַנג ניט געהערטער לשון אין דער האַלב־טונקלקייט: — "זדיעס, פּאַפּאָטשקאַ, טיכאָ אי ספּאָקאָניאָ!" (דאָ, פּאַפּעלע, איז שטיל און רויק!) האָט אַ קינדיש שטימעלע זיך געהערט.

דער יונגער טאַטע האָט מיט איין האַנט געטוליעט דאָס זשוואַווע, שמייכלענדיק יינגעלע צו זיך, און מיט דער צווייטער געטריבן עפּעס פון זיך, ווי ער וואָלט וועלן אָפּטרייבן פון זיך זלידנע געדאַנקען, פון וועלכע מע קען ניט פּטור ווערן.

— איר זייט אַוודאי פון די רוסישע יידן — האָט מיך אַרומגענומען אַ וואַרעם געפיל צו די צוויי.

— יאָ, פון די רוסישע יידן! — האָט דער פּאָטער, נאָך שטאַרקער געדריקט דאָס קינד צו זיך, און מיך בעת־מעשה באַטראַכט מיט נייגער און חשד.

— ווי לאַנג זייט איר שוין דאָ, אין שטאָט?

— אַ פּאָר וואָכן.

כ'האָב ניט געקענט אָפּרייסן מיינע בליקן פונעם יינגעלע.ער האָט אי אַרויסגעהאָלפן דעם פּאָטער ווען יענעם האָט אויסגעפעלט אַ וואָרט, אי געשוויגן פּאַר אים מיט אַ ציִ פון זיין רעקל, ווען ס'איז געווען נייטיק דאָס שוויגן...

איך האָב באַוואונדערט דעם יינגעלעס מוט און האַלטונג.

— ווי אַלט ביסטו און ווי איז דיין נאָמען?
— מיר איז געוואָרן ניין און איך הייס איגאָר!
— און ווי איז דיין יידישער נאָמען, אויב איך מעג וויסן, אַוודאי יצחק?

— אי־סאַק! — האָט ער אויסגעצויגן דעם נאָמען און זיך פאַרטראַכט. הגם ער האָט שוין אים מסתם געהאַט געהערט פון אַנדערע, האָט דער נאָמען אים געקלונגען ניי, עקזאָטיש און אויסנעמיק, ווי די קלאַנגען וואָלטן פאַרמאָגט אין זיך סודותדיקע רמזים, וואָס נאָר ער אַליין קאָן זיי באַנעמען.

— ס׳וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך — האָב איך זיך געווענדט צום פאָטער — ווען איר גיט אַריין אייער ייִנגעלע אין אַ ייִדישער שול. ס׳איז נייטיק פאַר אים אַזאַ סביבה! — האָט דער לערער אין מיר זיך געריסן צום וואָרט. מיינע רייד האָבן אָבער ניט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק אויף אים. ער האָט בלויז גלייכגילטיק געפרעגט:

— מען דאַרף דאָרטן צאָלן אין דער ייִדישער "שקאָלע"?
— מען וועט ניט דאַרפן, אויב איר קענט ניט.

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ גרויסן בנין מיט אומצייליקע שכנים.

— אָט דאָ איז אונדזער היים! — האָט איגאָר געזאָגט. ער האָט געוואָלט אַרויפלויפן די טרעפּ, נאָר ער האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— און איר וועט ניט פאַרגעסן אין דער ייִדישער "שקאָלע"?

איך האָב ניט פאַרגעסן, נאָר כ׳בין אויף מאָרגן פּלוצעם קראַנק געוואָרן. ביים ייִנגעלע אין שטוב איז ניט געווען קיין טעלעפאָן. איך האָב אויך ניט געוווּסט גענוי זיין פאַמיליע־נאָמען. איך בין געווען פאַרצווייפלט. אין מיין לערער־באַרוף האָב איך זיך אויסגעלערנט, אַז אַ וואָרט דאַרף מען האַלטן, באַזונדערס צו אַ קינד.

איך האָב קאָנטיק באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. די קורצע סוף־דעצעמבער־טעג האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שנעל צוגעפאַלענער נאַכט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק ווי איין לאַנגע חשכות ציט זיך אָן אַ סוף. מיך האָט זיך געהאַלטן אין איין דאַכטן, אַז איגאָר געפינט זיך ערגעץ לעבן מיר. איך דאַרף נאָר אויסשטרעקן גענוג וויט מיין האַנט און איך וועל אים גרייכן, אָדער אויסרופן גענוג הויך זיין נאָמען און ער וועט מיך דערהערן. אָבער איך האָבביידע זאַכן ניט געקענט טאָן.

כ'האָב זיך ניט געקענט רירן פון אָרט און פון מיין קעל האָט זיך געשפּאַרט אַ כאָרכלען, ווי אַ שווערע משא וואָלט דאָרטן געדריקט.

דער דאָקטאָר האָט פאַרזאָגט, איך זאָל ניט אַראָפּגיין פון בעט. ער האָט באַשטעלט די נייטיקע מעדיקאַמענטן ביים אַפּטייקער אויפן טעלעפאָן. מיין דערהיילונג האָט זיך פאַרצויגן. איין טאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כ'בין אַרויס פון געפאַר, און דער אַנדערער האָט אָנגעוויזן נייע שרעקן... פריינד האָבן, ווי געוויינטלעך, זיך נאָכגעפרעגט אויף מיין צושטאַנד. מיין פרוי האָט געדולדיק געענטפערט אַ ביסל אַפּאָלאָגעטיש, גלייך זי וואָלט, חלילה, אין עפּעס שולדיק געווען.

איך האָב איר אָפט געשטעלט די פראַגע: — נו, און דער קליינער איגאָר האָט זיך ניט נאָכגעפרעגט אויף מיר? — זי האָט מיך אַ ווייל באַטראַכט מיט חידוש. זי איז געווען זיכער, אַז דער נאָמען איז אַ פּראָדוקט פון מיין צעהיצטן דמיון. זי האָט אַ זיפץ געטאָן: ער וועט זיך נאָך נאָכפרעגן, ער וועט זיך נאָך נאָכפרעגן!...

אין צוויי חדשים אַרום האָב איך זיך גענומען ווייזן אין דרויסן. לפּי דעם דאָקטאָרס פאַרזאָג, ניט מער ווי אויף אַ פופצן מינוט שפּאַציר אין דער זון. אין דער זעלביקער וואָך האָב איך אָפּגעזוכט איגאָרס הויז. טאַטע און זון זיינען מיר אָנגעקומען אַנטקעגן ביים אַריינגאַנג. דער יונגער־מאַן האָט מיך געוואָלט פאַרבייגיין אומגעגריסט. ער האָט מיך ווייטיק באַטראַכט מיט אומצופרידנקייט און אַפּילו מיט אַ ברעקל שנאה. איך האָב זיך אָבער געשטעלט אַזוי , אַז ער האָט מיך געמוזט אויסהערן. און אויך נאָך מיין דערקלערונג, וואָס האָט אַוודאי געקלונגען אין זיינע אויערן ווי אַן איינגעחזרטע דיסערטאַציע, האָט ער דין געשמייכלט מיט יענעם שמייכל, וואָס איז שוין, ניט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער, פיל געפּרווט געוואָרן מיט ביטערער דערפאַרונג...

נאָר איגאָר האָט מיט זיינע לעבעדיק־קלוגע אייגעלעך און ליבלעכן שמייכל מיר געגלייבט! ער האָט געזאָגט קאַטעגאָריש און זיכער, גאָרניט ווי אַ קינד:

— יאָ, פּאַפּאָטשקאַ, ער איז געווען קראַנק! — און ער האָט זיך צוגעדריקט צו מיר.

מיניאָן

די קליין־ווּקסיקע און פולינקע מיניאָן האָט געטאַנצט מיט אַ סך חן. און נאָך אַ מעלה האָט זי געהאַט — זי האָט עס געטאָן אומגעבעטן, אַפילו דעמאָלט ווען זי איז געווען, ווי עס טרעפט אָפט מיט מענטשן, אין אַ שלעכטער שטימונג.

אַריינקומענדיק אין אַ הויז, האָט דאָס מיידל, נאָך אַ קורצן אינטערליוד וואָס ס'האָט געדויערט דער איבערפרעג וועגן געזונט און ווערטער, זיך אַ טראָג געטאָן, מיט אַן אומגלייבלעכער לייכטקייט, איבערן דיל, באַגלייט כּמעט שטענדיק פון נייגעריקע און באַוווּנדערנדיקע בליקן, ביז זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ מידלעכע אויף אַ שטול.

פונקט ווי איר נאָמען האָט מיניאָן ניט דערמאָנט אין ייִדישלעכע פיזיאָנאָמיעס. זי האָט גערעדט אַ סך שפּראַכן, אָבער דאָס רוב מיט אַ פראַנצויזישן אַקצענט. און מען איז געווען זיכער, אַז איר געבוירן־אָרט האָט געמוזט זיין אונטער די פראַנצויזישע הימלען...

מיניאָן האָט אויסגעמיטן אַ צו נאָענטע קאָנטשאַפט מיט יונגע־לייט. זי האָט זיך ליבערשט געפריינדלט מיטן ווייבערשן מין. יאָרן־לאַנג האָט זי אָנגעהאַלטן אַ וווּנדערלעכע און אומפּאַרשטענדלעכע באַציִונג מיט עליזאַבעט קלער. יענע איז דווקא געווען אַ הויכלעכע און שלאַנקע, מיט נטיות צו געוועלטיקן. ניט איין בחור האָט זי, עליזאַבעטן, מקנא געווען. אומזיסט האָט דער יונגער־מאַן געשיקט זיינע פאַרליבטע בליקן אין דער ריכטונג פון דער קליינער, חנעוודיקער און סודותפולער מיניאָן. אומזיסט האָט ער דערוואַרט כאָטש אַ וואַרעם וואָרט פון איר, וואָרן דאָס מיידל איז געווען פאַרכאַפּט בלב־ונפש אין איר האַרנטע און הערשערין. ביידע האָבן באַווינט איין וווינונג און מען האָט זיי אַלע מאָל געזען צוזאַמען. און ווען עליזאַבעט קלער האָט גערעדט, האָט די קליינע איר געקוקט אין מויל אַריין, געגאַפּט און געשוויגן.

און אָט האָט געטראָפן אַ מאָדנע טרעפעניש. דווקא די הויכלעכע, ענערגישע און באַפעלערישע עליזאַבעט איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן אויף יענער חולאת, וועגן וועלכע מענטשן רעדן בלחש, און זי איז גיך אַוועק פון דער וועלט...

מיניאָן האָט געטרויערט נאָך איר מיט אַן אבלות פון אַן אַלמנה. זי האָט זיך געקליידט אין שוואַרצן, האָט אויסגעמיטן פאַרוויילונגען און האָט זיך טאָטאַל אָפּגעשלאָסן פון איר סביבה. אויף דער קאַמאָד, קעגן איר בעט, האָט זיך שטענדיק געפונען דער חברטעס בילד מיט צייכנס פון טרערן...

אַ לאַנגע צייט איז אַוועק, און מיר האָבן פאַרלאָרן יעדן שפּור פון דער קליינער מיניאָן, צו מאָל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס האָט גאָרניט עקזיסטירט אַזאַ סוביעקטין, און פּלוצעם, אומגעריכט האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן און אַ שטימע, ווי פון אַן אַנדער פּלאַנעט, האָט זיך געלאָזט הערן: "היות ווי זי, מיניאָן, געפינט זיך דאָ אין שטאָט, וויל זי אונדז זען"!

אַ שעה שפּעטער האָט זי זיך באַוויזן. אויף דער ערשטער רגע איז שווער געווען זי צו דערקענען. יאָרן האָבן זי שטאַרק געביטן, איר אונטערגעלייגט קישעלעך ביי די סאַמע אויגן, אָפּגעווישט דעם צויבער־שמייכל, וואָס האָט אַ מאָל פאַרכישופט יונגע־לייט. זי האָט זיך אַצינד אויך אַ לאַז געטאָן אין אַ טאַנץ, נאָר באַלד חרטה געהאַט און אַ רעזיגנירטע אונדז צוגעשיקט אַ קוק, ווי זי וואָלט געזאָגט: "דערוואַרט ניט פון מיר אַזוינע זאַכן מער"...

מיניאָן איז ניט געקומען אַליין, דאָס פּאָרפאָלק זיינען, קאָנטיק, געווען אירע קרובים, און ווי איבערראַשט זיינען מיר געוואָרן, ווען די צוויי האָבן זיך געווענדט צו איר אויף ייִדיש, און זי האָט זיי אָפּגעענטפערט דווקא אופן אַ נאַטירלעכן אופן, אָן אַ סימן פון אויסלענדישן אַקצענט...

דאָס מיידל (יאָ, זי איז געבליבן אומפאַרהייראַט) איז אונדז געוואָרן פיל נעענטער, באָטש עס האָבן איר אַצינד געפעלט די אויבן דערמאָנטע אַטריבוטן. מיין פרוי האָט דערלאַנגט כיבוד. איך האָב, קעגן מיין געוווינהייט, אַ זאָג געטאָן:

— מיניאָן, מיר האָבן געמיינט די גאַנצע צייט, איר ווערט לאַכן, אַז איר זייט...

— אַ שיקסל! האָט זיך ביי מיר ארויסגעכאַפּט.

— אַז איר קאָנט רעדן אונדזער לשון — האָב איך ווייטער געזאָגט

— האָב איך אַפילו טראַכטן ניט געוואַגט! — זי איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטע. אַ סודותדיקער שמייכל האָט באַרירט אירע ליפּן:

— וואָס איז דאָ זיך אַזוי צו חידושן. איך בין אַ ייִדיש מיידל און מיין נאָמען איז —

— מינדל! — האָב איך איר אַרויסגעהאָלפֿן.

זי האָט אויפֿגעהויבן אויף מיר אירע אויגן, אין וועלכע עס האָט אַ פֿינקל געטאָן איר אַמאָליקער חן, און זי האָט מער אַ וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

אַן אוהב־ישׂראל

אין אַ גרויען, ווינטיקן און כמורנעם טאָג האָב איך זיך אַרויסגעלאָזן אויף מיין געוויינטלעכן שפּאַציר ביים ברעג ים, וואָרן ווי גייט דאָרטן דאָס ווערטל: "הרגל נעשׂה טבֿע" (געוווינטהייט ווערט אַ צווייטע נאַטור). קומט די באַשטימטע צייט, טוען זיך די פֿיס אַ הייב פֿון זיך אַליין, בקיצור, עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען און איך בין אַרויף אויף אַ וועראַנדע פֿון אַ האָטעל. די וועראַנדע איז געווען ליידיק. איך האָב זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט אַזוי, אַז דער רעגן זאָל מיך ניט דערגרייכן און האָב געזיפֿצט...

ס'איז אויסגעפֿאַלן יענער גורלדיקער טאָג, ווען מען האָט געשטימט אינעם מקום הידוע, וואָס מען רופֿט אויפֿן געפֿליגלטן לשון "פּאַלאַץ פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער", אַז ציוניזם איז, רחמנא־לצלן, ראַסיזם, ניט מער און ניט ווייניקער! וואָרן אַזוי האָט באַשלאָסן די הערשנדיקע מערהייט, וואָס אַ גרויסע צאָל אירע איז נאָך נעכטן־אייערנעכטן געווען געצנדינערס און וואַלד־תּושבֿים.

און ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים פֿאַרלאָזן מיין מקום־מקלט, האָט זיך באַוויזן אויפֿן שוועל אַ יונגער־מאַן מיט אַן אומגעוויינטלעכן שיין־סימעטרישן געשטאַלט. זיין הויט איז געווען איידל־צאַרט און ליכטיק־טונקל, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, ווי דער באַגינען, איידער די זון גייט אויף. ס'האָט ניט געקענט זיין קיין ספֿק, אַז ער שטאַמט פֿון די ווייטע אָריענטאַלישע לענדער ווי פֿון —

— איך בין פֿון די פֿידזשי־אינדזלען! — האָט ער געלייענט מיינע

גערדאַנקען. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער שטודירט כּעמיע אין אַ הויכשול אין דער שווייץ, און איז אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די לערעס פון זיגמונד פרויד און פון זיין אָפּאָנענט, פּראָפ. יונג..."וווּנדערט זיך ניט — האָט ער ווייטער געדערט — איך האָב אַרויסגעלייענט פון אייערע אויגן, וואָרן איך פאַרקער אָפט אין אַזוינע קרייזן, וווּ מיין פּערזאָן רופט אַרויס ספּעקולאַציעס וועגן מיין אָפּשטאַם..."

פונעם ווייטערדיקן שמועס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער באַזוכט אָפט מדינת־ישראל און אירע אומפריינדלעכע שכנים. זיין פּרנסה איז אָנגעשטעלט אין אַ רייזע־אַגענטור און זומער האָט ער גענוג פרייע צייט.

— ווי אַ קליין פאָלק — האָט ער זיך פּלוצעם אָפּגערופן — טראָגט איר אויף זיך אַ צו גרויסן עול פון מאָראַלישע פליכטן...

— וואָס מיינט איר? — האָב איך אים באַטראַכט מיט חשד.

— כ׳מיין, ישראל האָט געדאַרפט באַשטיין אויף אירע נצחונות!

— האָט ער געזאָגט אַ ביסל אַן אויפגערעגטער — און ניט נאָכגעבן אירע שונאים...

— אַ גוישער חרותניק אויף אונדזער קאָפּ! — האָב איך געטראַכט. איך האָב אים געפרעגט:

— און ווי וואָלט איר עס דורכגעפירט? מיט מלחמה, אפשר?

— ווי אַ זייטיקער, קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז די ניט־ייִדישע וועלט פאַרשטייט בעסער דעם באַדייט פון כּוח און דעם טייטש פון גבורה!...

— האָט עס ישראל שוין באַוויזן און וואָס איז אַרויסגעקומען דערפון?

— ישראל האָט ניט אויסגענוצט יענע באַקאַנטע עקשנות, וואָס די געטלעכקייט האָט איר צוגעטיילט, און וואָס די ביבל דערמאָנט אַזוי אָפט פון איר...

— און אויב זי וואָלט יאָ אויסגענוצט? — בין איך געווען פול מיט צווייפל און פאַרצווייפלונג.

— וואָלט זיך די וועלט געבויגן — איז דער פרעמדער זיכער געווען.

איך האָב אים דערציילט וועגן די וויכּוחים און מחלוקתן, וועלכע קומען פאָר וועגן דעם ענין אין דער כּנסת. ער האָט מיך אויסגעהערט

מיט אַ מינע, ווי איך וואָלט אים קיין נייעס ניט אַנטפּלעקט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און באַמערקט:

— און נאָך אַ זאַך וועל איך אייך זאָגן — ניט יעדער, וואָס רופט זיך "ייִד" איז ווערט דעם נאָמען! — און ער איז פאַרשווונדן אין דער האָטעלטיר...

בענקשאַפט

ער האָט פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט, אַ וויכטיקע שטעלע, משפחה, פריינד, צוליב — זיין פרוי... אָבער דאָס מיידל אויף יענער זייט טיר — זי...

זי טראָגט זיך דורך דורכן קאָרידאָר מיט די צוויי צעפּלעך אין פאַרביקע סטענגעס שנעל, איילִיק, אָפּט אומבאַמערקט... איז קאַרג אויף אַ וואָרט, אויף אַ בליק. דאָס העכסטע — אַ וויג פון קעפּל, ווי אַ בלום אויף אַ שטענגל, און לאָזט איבער נאָך זיך אַ הויך פון בעז און פון נאָך עפּעס אַזוינס, פאַר וועלכן ס'איז נישטאָ קיין נאָמען...

דורכן גאַנצן טאָג איז ניט אויפצוכאַפּן פון "דאָרטן" אַ שאָרך, אַ פליסטער. בלויז איר שאָטן פאַלט אַ מאָל אויפן גלאַנציקן שטיקל דיל, וואָס די פאַרמאַכטע טיר אַנטפּלעקט פאַר אים, אין דער נידער.

פאַרנאַכט־צו פאַרבלאָנדזשעט אויך אויף דעם קאַרגן שטח אַ ביסל ליכט. ער שמועסט, לייענט, עסט, און האַלט אַ וואַך אויג אויף דער געהיימער שוועל ביז אַ פינצטערניש, ווי אַ פאַרהאַנג, לאָזט זיך אָפּ... ס'איז דעמאָלט אַכט, פונקט אַכט אַזייגער. אַזוי יעדן אָוונט...

אַ שפּראָץ אויף טאָג וועקן אים די שפּאַרעס פון דער שכנישער טיר מיט שאַרפע פאַרפום־ריחות און רופן אַרויס אין דעם פאַרשלאָפענעם דמיון בילדער און קלאַנגען: — רחבותדיקע פעלדער מיט קאָלירטע קווייטן, פאַסטוך־געזאַנג צו דער אויפגייענדיקער זון, ווייטער טענער פון אַ...

איין טאָג איז צוליב עפּעס אַ סיבה איר קאָרידאָר־טיר געבליבן אַ ביסל אָפן. זיין נייגעריקער בליק האָט באַמערקט איבערן שרייבטיש פאָליצעס ביכער, פאָטאָגראַפיעס. איינע אַ גרעסערע, אַן עלטער פאָרפאָלק, משמעות טאַטע־מאַמע.

ווער איז זי, וואָס טוט זי?

איין מאָל אין אַן אָוונט האָט ער זי אָנגעטראָפן, ווען זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון די באַלויכטענע טרעפּ. דער שלאַנקער גוף — שטייף אַרומגענומען פון אַ בלוי קלייד, קליינע פיס אויף הויכע אָפּזאַצן, די צעפּלעך אויפגעהויבן ווי אַ קרוין איבערן שטערן, און אונטער די שיין געשניצטע ברעמען — גרויסע, טונקעלע, פאַרקוקטע אויגן.

זי איז אים שווייגנדיק פאַרביי, ווי ער וואָלט געווען אַ טייל פון דער וואַנט, פון דער פאַרענטש, האָט אַן עפן געטאָן דאָס טירל פון פינקלדיקן אויטאָמאָביל און איז פאַרשווונדן אין דער נאַכט...

ער קערט זיך אום אין הויז מיט אַ שווער געמיט. אַרום אים, איבער אים, הויערן עקזאָטיש־ווונדערלעכע גערוכן פון אַ ניט־דאָיִקער וועלט. ער עפנט ענדלעך די טיר און בלייבט שטיין אַ פאַרווונדערטער. דאָס ווייך ליכט פונעם טישלאָמפּ פאַלט מיט אַ גאָלדיקן אָפּגלאַנץ אויף זיין פרוי. זי איז פאַרטיפט אין לייענען. אַ קוים מערקבאַרער שמייכל באַרירט איר קליין מויל. פון צייט־צו־צייט שאַרט זי אַוועק מיט אירע דינע, לענגלעכע פינגער אַ זשמוט האָר פון איר שיינעם שטערן... עס ווייעט פון איר מיט שטילער רו, מיט ליבלעכקייט. פּלוצעם הייבט זי אויף פון בוך אירע קינדיש־קורצזיכטיקע בליקן און באַטראַכט אים מיט גרויס נייגער און חידוש...

ער בייגט זיך אַראָפּ צו איר אַ שולדיקער און נעמט קושן שטום אירע פינגער...

שאַך־מאַט!

לייב סעלצערן איז ניט געבליבן אויף דער עלטער קיין סך פריידן. אמת, זיין פרוי, מרים, איז געווען מיט אַ יאָר פופצן ייִנגער פאַר אים, און זי האָט נאָך פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל חן, אָבער מער ווי קוקן אויף איר — האָט ער ניט געקענט...

און אויך דאָס איז אים אויסגעפאַלן באָקאָם. וואָרן זי איז ס׳רוב געווען פאַרנומען מיט פאַרשיידענע טואונגען לטובת הכלל. ער האָט ליב געהאַט זי נאָכצופאָלגן בשתיקה, ווי זי טוט זיך אָן, ווי זי פאַסט

צו אַ קלייד, ווי זי פּודערט דאָס קורץ נעזל, ווי זי פאַרבט צו די דינע ליפּעלעך. און ווען זי פלעגט עס באַמערקן, פלעגט זי אויסרופן כּלומרשט אַ פאַרשעמטע:

— האָסט שוין ניט עפּעס בעסערס צו טאָן, לייב סעלצער?...

מאָלט אייך, ער האָט יאָ גראָד געהאַט וואָס צו טאָן, וואָרן אַ הויזווירטשאַפט פירט זיך ניט אַליין — אָט האָט זי אים איבערגעגעבן אַ צעטל וואָס איינצוקויפן אין "סופּערמאַרקעט"; וועלכע זאַכן מען דאַרף אַראָפּטראָגן פאַר דער וואַשמאַשין, און וועלכע מלבושים בעטן זיך ממש צו פאַרריכטן. די לעצטע טואונג, צווישן אונדז גערעדט, דאַרף אים ניט זיין שווער, מחמת ער איז אַלע יאָרן געווען אַ שניידער, און אַ גוטער שניידער דערצו. האָט ער אָפּגעשפּאָרט געגוג פון זיינע פאַרדינסטן און אין איינעם מיט דער מאַטעריעלער הילף, וואָס ער קריגט אַריין יעדן חודש פון "אָנקל סעם" דאַרף ער מער ניט זאָרגן וועגן פּרנסה. אָבער אויך אַרום דעם ענין האָט ער עגמת־נפש — דאָס באַנק־ביכל איז אויף איר נאָמען, און ווען ער נייטיקט זיך אין מזומנים, דאַרף ער אָנקומען צו איר...

בקיצור, לייב סעלצערס לעבן ווערט דאָמינירט פון זיין אישה. ס'איז אַפילו איין מאָל דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט זיך געשטעלט ביים אויוון, האָט אָפּגעקאָכט, לויט איר אָנווייז, אַ געוויס מאכל. נאָר וועגן דעם האָט ער גאָר קיין חשק ניט מאריך צו זיין. ס'איז פאָרט ניט קיין מאַנסבילשע עובדה.

אָבער אויף אַ פּאָר שעה אין טאָג, — נעמלעך צווישן דריי און פינף — איז ער באַלעבאָס! און זיין אשת־חיל האָט דעמאָלט ניט קיין שליטה איבער אים. דאָס איז די צייט, ווען זיין יוגנט־חבר קומט צו אים און זיי שפּילן אין שאָך.

און דעמאָלט, אָ, דעמאָלט איז אים ניט צו דערקענען! ער זיצט איבער דער שאָכברעט, דעם קין אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, דאָס זונמיצל פאַרשאַרצט, און די שמאָלע אייגעלעך — שטענדיק אָנגעפילטע מיט הכנעה און אונטערטעניקייט צום ווייב — פירן איצט אַ סטראַטעגישע מלחמה צו שטעלן דעם חבר אין אַ קלעם, צו געבן זיין קעגנער דעם אמתן "מאַט". און ווי איז צו יענעם, וואָס זוכט אים דעמאָלט צו שטערן, מעג עס זיין אַפילו זיין יונג ווייבל. ער טוט דעמאָלט אַ הייב דעם גרויען קאָפּ מיטן

מיצל, וואָס איז לפּי דעם אויסדרוק אויף זיין פּנים, ניט קיין מיצל נאָר אַ קרוין! און ער גיט אַ פּאַכע מיטן שטעקן, וואָס איז אין יענער רגע ניט קיין שטעקן נייערט אַ סצעפּטער! און ער טוט אַ באַפעל:

— ניט שטערן, זאָג איך, נאָר ניט שטערן!

און ווען ער געווינט די פּאַרטיע און ער גיט טאַקע אַ "מאַט", איז דער מאַט ניט בלויז פאַר זיין אָפּאָנענט, נאָר פאַר אַלע זיינע אמתע און אויסגעדראַכטע שונאים, און דער עיקר — פאַר זיין אשת־חיל!...

צוויי יינגלעך און אַ פרעמדער מאַן

צוויי יינגלעך, צווישן פערצן און פופצן, מיט לאַנגע האָר און צעפּאָרענע פּלודערן, זיינען געשטאַנען אויף אַ ראָג מיט אויפגעהויבענע בעטל־פינגער אין דער ריכטונג פון די אויטאָס, וועלכע האָבן אַצינד געוואַרט אויפן גרינעם ליכטסיגנאַל. און ווען קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן, האָבן די יינגלעך געפּרוווט מזל ביי דער גאַנצער רייע שטייענדיקע מאַשינען. זיי זיינען שוין גרייט געווען אויפצוגעבן זייער אַוואַנטורע, ווי איינער האָט אין אַן אויטאָ צו זיי פּלוצעם אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט. — וווהין פאָרן מיר? — האָט דער מאַן ביים רעדל, מחמת שפּאַס אַוודאי, זיך אויך אַריינגענומען אין קאָן, און נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער צוגעלייגט: — שטייגט אַריין!

— מיר פאָרן וווהין איר פאָרט! — האָט דער עלטערער ענדלעך געזאָגט פאַרביידן, שוין זיצנדיק אינעווייניק.

— אַזוי — אָ, אָן אַ ציל? — האָט זיך דער פרעמדער כּלומרשט געוווּנדערט. — און אַוודאי אויך אָן אַ צוועק — און וועןביידע האָבן געשוויגן, האָט דער מאַן, טרייבנדיק די מאַשין אין פולן האַסט, ווידער געפרעגט:

— היינט איז, דאַכט זיך, אַ געוויינטלעכער שולטאָג, ווי־זשע קומט עס וואָס איר?...

— מיר זיינען שוין גראַדויִרטע! — האָט דער עלטערער אים איבערגעשלאָגן.

— מיר זוכן אַרבעט... יאָ, יאָ, זוכן אַרבעט! — האָט דער יינגערער אומזיכער צוגעגעבן.

דער פּרעמדער, וואָס האָט שוין אַליין געהאַט קינדער אין זייער עלטער, האָט זייטיק באַטראַכט די צוויי אומבאַהאָלפענע פאַרשווינדלער, זייער ניט־געניטקייט אַפילו אין אָפּטאָן אַ ליגן און ער איז גיך געקומען צו דער מסקנא, אַז זיי זיינען זיכער אַוועק פון דער היים אָן דעם וויסן פון די עלטערן, ווי ס'איז היינט דער איינשטעל ביי אַ טייל פונעם קליינוואַרג, און אַז יענע זיינען אַוודאי פול מיט שרעק און יסורים, זאָרגנדיק און טראַכטנדיק ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

— מעג איך וויסן ווו ס'איז אייער לעצטער אָפּשטעל? — האָט דער עלטסטער ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט.

דער פרעמדער האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע. — יאָ, דאָס איז אַן אָרט פון אַ סך געפאַרן, מיינע יונגע פריינד! און מיט ווייניק שאַנסן עס אויסצומיידן!...

— עס דאַרף דאָרטן זיין זייער אינטערעסאַנט און אָנרעגנדיק!

— האָט זיך אָנגעכאַפּט דער ייִנגערער, אַ צעשטראַלטער.

— ווי־זשע קומט עס, וואָס איר האָט אויסגעקליבן גראָד אַזאַ אָרט?

— האָט געוואָלט וויסן דאָס עלטערע ייִנגל.

— ניט איך, נאָר דאָס אָרט האָט מיך אויסגעקליבן! — האָט יענער געענטפערט. און ס'איז שווער געווען פאַר די ייִנגלעך צו דערגיין, צי מיינט ער עס ערנסט, אָדער ער טרייבט קאַטאָוועס.

— דערציילט אונדז, איך בעט אייך, אַ ביסל מער וועגן דעם!

— האָט דער ייִנגערער ניט אָפּגעלאָזן.

— ס'איז אַ קורצע געשיכטע אָבער זייער אַ טרויעריקע! — האָט דער פרעמדער מענטש אָנגעהויבן: — עס איז אַ געשיכטע ווי צוויי רויבערס מיט פּיסטוילן האָבן פאַרנאַרט אַן אויטאָבוס, וואָס איז אַראָפּ, דורך אַ טעות, פונעם גלייכן וועג, און איז פון זיי פאַרשלעפּט געוואָרן אין אַ פאַרוואָרפענעם געגנט. דעם שאָפער איז געלונגען אָבער ניט די פּאַסאַזשירן. די רויבערס האָבן ביי זיי צוגענומען ווו אַ פעני און זיי געלאָזן אויף גאָטס באַראָט. מען האָט ענדלעך געפונען די אומגליקלעכע מענטשן און מ'האָט אויך געכאַפּט די רויבערס.

— ניט שוין־זשע האָבן די פּאַסאַזשירן גלייך ניט דערקענט, אַז יענע זיינען רויבערס? — האָט זיך דער ייִנגערער געוווּנדערט.

דער פרעמדער האָט געלאָזן געענטפערט:

— וואָס איז זיך צו וווּנדערן? איידער זיי האָבן אַרויסגעכאַפּט די פּיסטוילן, האָבן זיי אויסגעקוקט ווי אַלע מענטשן, ווי איך, למשל... — ביי די ווערטער האָבן ביידע ייִנגלעך באַטראַכט מיט חשד דעם דערציילער און אויך עפּעס שטאַרק חרטה געהאַט...

— למאי דאַרפט איר גראָד אַהין? — האָט דער עלטערער אים געפרעגט.

— איך בין דער אַנטלאָפענער שאָפער! — האָט דער מאַן ביים רעדל געזאָגט, האַלב ערנסט, האַלב שמייכלענדיק און מ׳האָט ווידער ניט געקענט וויסן זיין אמתן מיין. — איך פאָר אויפטרעטן ווי אַן עדות, ווי דער הויפּט־עדות קעגן די רויבערס.

— און וואָס וועט איר שפּעטער טאָן, אויב מיר קענען פרעגן? — האָט דער עלטערער ווייטער געפּאָרשט.

— שפּעטער? — האָט דער מאַן אַרויפגעצויגן אויף זיך די פריערדיקע מינע. — וועל איך אייך דערציילן אַן אַנדערש מאָל!... — ער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין — און געעפנט דאָס טירל: — דאָ, מיינע יונגע פריינד, געזעגנען מיר זיך!...

די ייִנגלעך זיינען אַרויס אין גאַס דערשטוינטע! זיי זיינען געשטאַנען אויפן זעלביקן ראָג, ווו דער פרעמדער האָט זיי אויפגענומען. ער האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן:

— גריסט אייערע עלטערן פון מיינעטוועגן...

אַ פּאַרמערל

דענין גייט ערשט דאָס אַכטע יאָר. זיינע פלאַקסענע הערעלעך דערגרייכן אים פּאָרנט ביז די ליכטיק־בלויע אויפגעריסענע אויגן. ער טשאַטעוועט אויף יעדן אויטאָ, וואָס דערנענטערט זיך צו זיין טאַטנס פאַרם, פאַזע דעם הויפּטוועג.

אין גרויסע, שטרויענע קוישן איז צעלייגט זיין סחורה: פּערעשקעס, באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד פאַר די בעסטע, געשמאַקסטע, וואָרן זיי וואַקסן אויף דער פעטער, רויט־געלער דזשאָרזשיער ערד.

אַרום דענין איז פאַרקליבן אַ געזעמל קונים. ניט נאָר פאַרכאַפּן

זיינע פּערעשקעס מיט זייער וווקס און קאָליר, נייערט זיין דין־קינדערשער שמייכל לאָקט און רופט. ער איז, להיפּוך צום רוב קינדער פון זיין עלטער — אַ שווייגער. זיין גאַנץ געשטאַלט איז, דאַכט זיך, דורכגענומען מיט שווייגן. רעדן, רעדן בלויז די אויגן.

בלייבט שטיין אַ מאַשין, רייסט זיך דעני אָפּ פון זיין מסחר און לאָזט זיך אַוועק צום געעפנטן טירל און ווייזט, ווי אַ מוסטער, אַ פּערעשקע, וואָס ער האַלט שטענדיק ביי זיך, גרויס כּמעט ווי אַ מאַראַנץ.

בעת דעניס אָפּזיין, נעמט איבער דעם עסק, אויף אַ פּאָר מינוט, אַ יונגע פרוי, קאָנטיק, זיין מאַמע. ווי דען אַנדערש? זי האָט אַלע אַטריבוטן פון אַ מאַמען: זי איז ליבלעך, צוגעלאָזן און געדולדיק. זי זאָרגט, אַז אַלץ זאָל צוגיין מיט אַ סדר. און בכדי נישט צו מינערן דעם ייִנגלס וויכטיקייט, וואַרפט זי אים אַריין דאָס איינגעלייזטע געלט אין די גרויסע קעשענעס, איינגענייט פּאָרנט אין זיין פאַרטעך.

ווען עס קומט ענדלעך מיין ריי, באַמערק איך ווי די יונגע פרוי, וועלכע האָט ערשט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל זאָרג און טריישאַפט צום קליינעם דעני, זעצט זיך פּלוצעם אַריין אין אַ דערבייַיִקער קאַר און — פאַרשווינדט מיט די אַנדערע פאַרשוינען. איך בין פול מיט חידוש:

— איז עס ניט געווען דיין מאַמע, דעני?

— מיין וואָס?

— דיין מאַמע?

— „נאָו סער״, מיין מאַם העלפט אַצינד מיין פּאָפּ אין פעלד.

— ווער איז געווען די פרוי?

— כ׳ווייס ניט! זי האָט מיר אַרויסגעהאָלפן! „דאַטס אָל!״ — טוט ער אַ פּעטשל מיט די הענטלעך.

— און דו טרויסט פרעמדע?

— אַ מאָל יאָ און אַ מאָל ניט! — וויל זיך דער קליינער אָפּטשעפּען פון מיר.

— ווען טרויסטו יאָ, דעני? — לאָז איך אים ניט אָפּ.

דאָס יאַטל וואַרפט אויף מיר אַן אומגעדולדיקן בליק. ער וואָלט מיר מיט פאַרגעניגן ניט געענטפערט, נאָר די אויסזיכט, אַז כ׳וועל עפּעס קויפן, מאַכט אים ווייכער.

— ווען עס איז אַ "דיים" (גאַסנוואָרט פאַר "דאַמע") — האָט ער אָפּ, ווי אַ גרויסער, קורץ און קאַטעגאָריש.

— וויפל "דיימס" האָבן דיר היינט שוין אַרויסגעהאָלפן, דעני?

— כ׳געדענק ניט! — שטופּט ער מיר אַריין דאָס פּאַפּירן זעקל מיט פּערעשקעס אין די הענט, פאַרנעמט דאָס קליינגעלט און ווערט באַלד פאַרהאַוועט מיט נייע קונים...

אַ מיידל ביים ים

יעדן פאַרנאַכט רייס איך זיך אָפּ פון דער שרייבמאַשין און לאָז זיך אַוועק צום ים־ברעג. ס׳איז דעמאָלט ליידיקלעך אויף די זאַמדן, אַפילו אויפן שטיינערנעם שפּאַצירוועג. ווו ניט ווו טרעפט מען אָן אויף די בענק, צי אין גאַנג, אַ בר־נש פון גאָר אַן אַנדער מין, ס׳רוב אַ פאַרטיפטער אין זיך, אָדער אַ פאַרקוקטער אין די ווייטע ווייטן.

אויך דער ים איז אין אָט דער צייט אַנדערש. אויב ער האָט זיך ביי טאָג געבייזערט, געשטורעמט, איינגעריסן וועלטן, איז ער אַצינד רויִק, געהאָרכיק, פאַרקלערט — אויך פאַרקערט.

איין מאָל, אין אַ בין־השמשות, האָב איך באַמערקט פון דער ווייטנס, ביים סאַמע וואַסער, אַ מגושמדיקע פרויען־פיגור אין אַ באַדקאָסטיום. זי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ פלאַש מיט עפּעס אויסטערלישע ים־געפינסן און געזוכט אַ בעלן זיך צו באַווייזן, און קיין מענטשן זיינען, ווי אויף להכעיס, דעמאָלט ניט געווען, וואָרן דער שטאַרקער ווינט און די מוראדיקע כוואַליעס האָבן זיי פאַרטריבן.

די אומבאַקאַנטע האָט געפּרוווט פאַרהאַלטן דעם "לעבנס־רעטער", נאָר יענער האָט זיך שוין געאיילט אַהיים. זי האָט מיך דערזען און געוואָרפן צו מיר אומדרייסטע בליקן. איך האָב צו איר אַ שמייכל געטאָן, און זי איז צוגעקומען.

— ווו האָט איר געפונען אַזוינע קליינטשיקע פישעלעך? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

— זיי נעסטלען זיך אין ווילדגראָז, וואָס דאָס וואַסער וואַרפט אַרויס — האָט זי אַראָפּגעלאָזן די גרוילעכע אויגן.

ס'איז שווער געווען צו טרעפן איר עלטער. לפי איר פּיזישן אויסזען האָט מען זי געקאָנט אָננעמען פאַר אַ רייפער פרויענצימער, אָבער לויט אירע רייד און האַלטונג — פאַר אַ קינד פון אַ יאָר צוועלף־דרייצן.

— איר וווינט אין דער געגנט!

— יאָ! — האָט זי קורץ אָפּגעשניטן.

— אַליין? — איז מיין נייגער געוואַקסן.

— ניין, מיט מיין מאַם אין אַ צימער ביי יענעם. האָט זיך אַן אומעט צעלייגט אויף איר פול געזיכט.

— און ווו איז דער פאָטער?

— ער איז געבליבן אין קאָרייע. ניין, ניין, ער איז ניט געפאַלן אין קריג — האָט זי דערווידערט מיין מיטגעפיל — ער האָט פּשוט ניט געוואָלט צוריקקומען צו אונדז...

— איר בענקט נאָך אים?

— ווי קאָן איך נאָך אים בענקען, אַז כ'קען אים אַפילו ניט? כ'בין געבוירן, ווען ער איז שוין דאָרטן געווען...

דעם מיידלס פאַר באַמערקונגען וועגן אירע עלטערן, איר אומבאַהאָלפנקייט און עלנט, האָבן מיך צעשרויפט, באַטריבט.

— איר לערנט אין מיטלשול?

— אָ, ניין! — האָט זי כמעט אויסגעשריען — דאָרטן זיינען די קלאַסן ענגע.

כ'האָב זיך משער געווען, אַז ענג מאַכן איר ניט די קלאַסן, נייערט די תּלמידים מיט זייער חוזק און שפּאָט.

—מעג איך וויסן אייער נאָמען?

זי האָט אויפגעהויבן אויף מיר, צום ערשטן מאָל, אירע גרויסע גרויע אויגן פול מיט קינדערשן צער און געזאָגט:

— נאַנסי אָקאָנאָר!

— נאַנסי, וואָס טוט איר דעם גאַנצן טאָג?

— איך קום אַהער צום ים, איך גיי אין פּאַרק. כ'האָב ליב צו לייענען. כ'האָב אויך ליב מוזיק.

— וואָס פאַר אַ ביכער לייענט איר, נאַנסי?

— ביכער מיט פאַנטאַסטישע סוזשעטן, ווי למשל, זשול ווערן.

— איך שטעל איין און פרעג:

— און פריינד האָט איר?

— מיידלעך מיינט איר? זיי געפעלן מיר ניט. זיי פּלאַפּלען בלויז פון קליידלעך און פריזורן.

— און יינגלעך?

זי גיט זיך אַזש אַ צאַפּל:

— זיי האָס איך; זיי רעדן גראָבע רייד און שטופּן די הענט אומעטום.

אויף מאָרגן, ווען איך האָב שפּאַצירט פּאַזע דעם ים־ברעג, האָט מיך נאַנסי דערקענט. זי האָט איבערגעלאָזן אַ פּאָר קינדער פאַר וועלכע זי האָט געריכט אירע נייעסטע געפינסן, און זיך אַ טראָג געטאָן צו מיר.

— זיי זיינען צו קליין און צו נאַריש צו פאַרשטיין די וווּנדער פון דער נאַטור! — האָט נאַנסי באַדויערט די קינדער.

— און איר האָט ליב די נאַטור?

— געוויס! — האָט זי אויפגעלויכטן. — די נאַטור מאַכט ניט קיין חילוק צווישן מענטש און מענטש — האָבן פון איר אַרויסגערעדט די אַנגעקליבענע קריוודעס.

ס'איז געוואָרן אַ געוווינהייט ביי נאַנסי מיך אָפּצוּוואַרטן ביים ים־ברעג. זי האָט געהאַט שטענדיק וועגן וואָס צו שמועסן, וואָס צו קאָמענטירן, און גאַנץ אָפט זייער טרעפלעך. איך בין געוואָרן פאַר איר ניט נאָר אַן עלטערער חבר נאָר, דאַכט זיך, עפּעס מער... זי האָט מיך, בעת־מעשה, געהאַלטן אונטערן אָרעם און אַרויפגעקוקט צו מיר מיט טרוימעריש פאַרקוקטע בליקן... איר הנהגה האָט מיך באַאומרויִקט. און ווען איך האָב איר דערציילט פון מיין פרוי, חנה, וואָס האָט אויך ליב דעם ים און וועגן אונדזער טעכטערל, וועלכע שטודירט נאַטור־וויסנשאַפט אין אַ ווייטער שטאָט און זי האָט ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן אינטערעס צו זיי, האָב איך אויפגעהערט זיך צו טרעפן מיט איר. אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן, און כ'האָב שוין געגומען פאַרגעסן אינעם גראַטעסקן מיידל.

איין מאָל, שפּאַצירנדיק מיט מיין פרוי אין אַ שבת־פאַרנאַכט, איז נאַנסי מיר אַנטקעגן געקומען. איך האָב זיך זייער דערפרייט, און זי געוואָלט פאַרשטעלן פאַר חנהן, נאָר דאָס מיידל האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף מיר. זי איז שנעל פאַרביי מיט אַזוי פיל שנאה און פאַראַכטונג גלייך ווי דאָס עצם ברענגען אַ "פרעמדע" פרוי אַהער וואָלט געווען פאַר איר אַ טיפע באַליידיקונג — אַ פאַרראַט...

דער אַלטער מאַן

אַ גליַיִקער פונק אין בליק. דאָס קול מעטאַל־ריין און קרעפטיק. בלויז דער גאַנג גיט אַרויס די עלטער. ס׳איז באַקוועם און אָנגענעם צו זיצן אַצינד אויף דער וועראַנדע, בפרט ווען דער דרויסן איז געפאַנגען פון דער ווייסער מכשפה דאָרטן אויבן, וואָס וועקט ביי יונגע בלוט אין די אָדערן, און ביי עלטערע — זכרונות...

ער קוקט אין איר פאַרפירעריש געשטאַלט און זעט אַ סך אַזוינע נעכט אין דמיון: ביים ברעג ים, אויף הייכן און ברעג, אין אַ שטיבל אין וואַלד — אומעטום מיט איר...

אַ מאָל איז זי אַ פאַרחלומט מיידל, וואָס זוכט דאָס טעלערל פון הימל, אַ מאָל אַן אשת־איש מיט בענקשאַפט נאָך צערטלעכקייט, ניט זעלטן אַ פשוט דאָרפשיקסל מיט באַמבלדיקע צעפּ אויפן רוקן, אָדער סתם אַזוי אַ פרוי מיט שאַרפע גלוסטונגען...

ער פאַרטראַכט זיך און שמייכלט טרויעריק צו זיך: ניט שוין זשע האָט דאָס אַלץ טאַקע געטראָפן מיט אים?

— ס׳איז שפּעט. ווערסט זיך נאָך פאַרקילן. — ער טוט זיך אַ צאַפּל. דאָס אַלט הייזעריקלעך קול פון אינעווייניק האָט אים אַרויסגעריסן פון זיינע מחשבות. ער דערמאָנט זיך, אַז אין קומענדיקן חודש ווערט אים... נאָר וואָס איז דער אונטערשיד?

אַ טיפער אומעט לאָזט זיך אַראָפּ אויף אים, ווי אַ נעפּל אויף אַן אָוונטיקן פעלד. אַ שפּיצל פון גורל — טראַכט ער — ס׳האַרץ וויל ניט אָניאָגן די יאָרן...

דאָס קינד אין בעטעלע

ס׳קינד איז געלעגן אין בעטעלע אויסגעקושט און איינגעליולעט. פאַרדעקט — וויפל מ׳דאַרף, דאָס פענצטער אָפן — וויפל ס׳איז נייטיק.

ווען די מוטער איז אַרויס אויף די שפּיצפינגער פון שלאָפצימער, האָט די לבנה איבערגענומען די וואַך. אויבן האָבן איר אָבער כסדר געשטערט אָט וויל־מיינענדיקע לעמער, אָט שוואַרץ־דראָענדיקע מאָנסטערס... זי

האָט זיך לאַנג געראַנגלט, די לבנה, און לסוף האָט זי זיך געמאַכט דעם וועג פריי. זי איז געוועזן מיד און שלעפעריק און זי האָט זיך פּאַמעלעך גערוקט אויפן קינדס בעטעלע...

דאָס עופעלע איז געוואָרן אומרויִק: ס׳האָט גענומען וואַרפן די פּיסלעך, רייבן די אייגעלעך, ביז איינס האָט זיך געעפנט און ס׳איז פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ שפע ליכט. האָט זיך פונעם קינדס העלדזל אַרויסגעריסן אַ קנויל פון געשרייען און געוויינען, און דער געמישטער קנויל האָט זיך געמאַכט אַ וועג דורך פאַרמאַכטע טירן און געפונען דער מוטערס אויער.

די יונגע מאַמע וואָס האָט דעמאָלט געשמועסט מיט געסט, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט, און ביז זי האָט דערגרייכט דאָס שלאָפצימער, איז דאָס עופעלע זיך פאַרגאַנגען אין אַ מוראדיקן כליפּן.

זי האָט עס פאָרזיכטיק אַרויסגענומען פון בעטל, פאַרשטאָפּט דאָס צייִנלאָז מויל מיט דער ברוסט און מיט די ליבלעכסטע ווערטער גענומען זוכן די סיבה פונעם קינדס אויסברוך.

אָבער דעם פּיצעלע האָט ניט געאַרט קיין סיבות. ס׳האָט געהאַלטן פעסט דער מוטערס נאָפּל צווישן די ליפּן און ס׳נעזל טיף אין דער ברוסט מיט דער זיכערקייט, אַז קיין שום כּוח אין דער וועלט וועט עס דערפון ניט אָוועקרייסן.

ס׳קינד האָט זיך צו ביסלעך איינגעשטילט און רויִק איינגעשלאָפן.

די מוטער האָט צוריקגעלייגט דאָס קינד אין בעטל, אַראָפּגעקושט די לעצטע טרער פון אויגן־גריבל און פאַרצויגן דעם פאָרהאַנג, בכדי די לבנה זאָל אויך גיין שלאָפן...

וועגן זונגלעזער און נאָך עפּעס

הגם דעם לערער, בן־גפן, איז וווּיל באַקאַנט דער מאמר: ״לב האדם רע מנעוריו״ ווערט ער שטאַרק אויפגעבראַכט ווען ער שטויסט זיך אָן אויף אַן אומרעכט אין און אויסער זיין קרייז, און ער גייט דעמאָלט אום טעג אַ געערגערטער, אַ פאַרצערטער, און קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

טרעפט איין מאָל, אַז עס פאַלט ביי אים אַראָפּ אַ זייטל פון די

זונגלעזער. לפּנים איז עס ניט קיין גרויסער שאָדן. ער איז אַריין צו אַ אָפּטאָמעטריסט. יענער האָט באַטראַכט, נאָך לאַנגע וואַרטענישן, זיין אבדה, און ער ברענגט אַרויס זיין קאַטעגאָרישן ווערדיקט:

— היות ווי די שפּאַקולן געהערן צו אַ פּאַרגאַנגענער תּקופה, וועלכע מען טראָגט שוין היינט ניט מער, ממילא געפינט זיך ניט אין זיין באַזיץ אַ "האַלאַבליע" פּאַסיק פּאַר אַזאַ בריל, גיט אים דער מומחה כּמעט אַ באַלעגאַלישע דערקלערונג.

בן־גפן איז גרייט צו לאָזן אַריינשטעלן די פּאַרביקע ברילן אין שפּאָגל נייע ראָמקעס, וואָרן זיי זיינען ניט קיין געוויינטלעכע ברילן נאָר אַ פּרעסקריפּציע פון אַן אויגן־דאָקטאָר. ערשט אויך דאָס קען ניט געטאָן ווערן, מחמת די גלעזלעך זיינען געשניטן אַזוי, אַז ער האָט ניט פּאַר זיי קיין פּאַסיקע רעמלעך.

פּוילט זיך ניט דער לערער און פּרוווט מזל אין אַנדערע פּלעצער און אומעטום — דער זעלביקער ענטפער... קערט ער זיך שוין אום אַהיים אַ ביסל אַ מידער און היפּשלעך אַנטוישט, וואָרן זומער איז שווערלעך אויסצוקומען אין דער האַלב־טראָפּישער שטאָט אָן זונגלעזער, סיידן באַשטעלן נייע..

און ווי ער גייט אַזוי פּאַזע דער הויפּטגאַס, באַמערקט ער פּלוצעם אין אַ וויטרינע, ער גלייבט ניט זיינע אויגן! רעמלעך! רעמלעך פון פּאַרשיידענע פּאַסאָנען און אַלערליייִקע קאָלירן. אפשר אַ נייע פירמע! טוט ער אַן עפן די טיר און עס אַנטפּלעקט זיך פּאַר אים כּמעט אַ ליידיקע קראָם. אין הינטערגרונט פּאַרקעט זיך אַ יונגע פרוי מיט אַן איינציקער קליענטין. וואַרט ער געדולדיק איבער ביז זי ווערט פּאַרטיק מיט יענער, און ער דערציילט איר וועגן זיין פּראָבלעם. די יונגע פרוי באַטראַכט די ניט־מאָדישע שפּאַקולן פון אַלע זייטן, און קומט צו דער זעלביקער מסקנא וואָס די אַנדערע אָפּטאָמעטריסטין, נאָר מיט איין קליינינקן צוזאָג: היות ווי אינעם ווערקשטאָל ביי איר קאָן זיך אַ מאָל פּאַרוואַלגערן אפשר אַזאַ "מכשירל" וועט זי גיין און אַ קוק טאָן און — כּך הווה. זי קערט זיך גיך אום צוריק, האַלטנדיק אין האַנט אַ מעטאַלן זייטל פון אַן אַנדער פאַרב און גרויס, און ניט פרעגנדיק מער קיין קשיות, נעמט זי זיך צו דער אַרבעט. זוכט אָפּ פּיצלעך שרייפעלעך, דרייט זיי אַריין מיט אַ קליינינקן שרויפן־דרייער און באַפעסטיקט זיי צו די ברילן. און ניט אויסרעדנדיק

ווידער קיין וואָרט, ווישט זי זיי אויס מיט אַ זויבער טיכעלע און טוט זיי אָן דעם לערער אויף דער נאָז.

בעת אַט דער פּראָצעדורע, וואָס האָט, לפי בן־גפנס זייגערל געדויערט אַ פּולע שעה, זענען אים דורכגעלאָפן פאַרשיידענע מחשבות אין קאָפּ, למשל: וויפל אַ שטייגער וועט זיך הייסן באַצאָלן אַט דאָס פּיפּיק און געדולדיק דאַמעלע פאַר איר טרחה? אויב אַ צענערל, וועט ער איר מיט פאַרגעניגן באַצאָלן, אויב אָבער זי וועט מאָנען אַ פינף־און־צוואַנציקער און אפשר טאַקע גאַנצע דרייסיק, וועט ער איר איבערלאָזן די "מציאה" און וועט זיך אָפּטראָגן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט... זיצט ער אויפן שטול און קוקט דורך די קאָלירטע שייבלעך אויף דער יונגער פרוי און — וואַרט — און ווען ער זעט, אַז אויך זי שווייגט, שטעלט ער איין און פרעגט וויפל ס'קומט איר פאַר דער מי און בעת־מעשה קלאַפּט ביי אים ס'האַרץ, ווי ביי אַ געפאַנגענעם פויגל...

— גאָרניט! — זאָגט זי אַרויס איין־און־איינציק וואָרט און קוקט אים אויך גלייך אין די שייבלעך אַריין. מיינט ער, אַז ער האָט עפּעס פאַרהערט און ער פרעגט איבער: — "וויפל"?

— גאָרניט! — חזרט זי איבער דאָס איינציק וואָרט שטיל און תמימותדיק.

— וואָס הייסט? — איז ער פול מיט חידוש און כאַפּט אַרויס זיין בייטל: — נעמט כאָטש אַ פינפערל... — בעט ער זיך כמעט ביי איר.

— איר האָט דאָך אַוועקגעגעבן אַ גוטע שעה אַרבעט — זי באַטראַכט אים מיט ווייכע, איידעלע און מוטערלעכע אויגן און זאָגט. — ביי אונדז אין דער משפּחה איז אַן איינפיר, ווען אַן ערשטלינג דאַרף קומען אויף דער וועלט, דאַרף די קינפּטיקע מוטער אַרויסווייזן צו מענטשן גוטסקייט און שיינע מידות...

דער לערער כאַפּט זיך ערשט אַצינד, אַז די יונגע פרוי איז אין די הויכע מאָנאַטן. ער באַמערקט אויך, אַז זי איז, סיי לויט איר אויסזען, סיי לויט איר אַקצענט פון אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן לאַנד. ער פרעגט מער ניט קיין פראַגן. ער איז טיף גערירט. ער דריקט וואַרעם איר האַנט און זאָגט:

— געבענטשט איז דאָס קינד, וואָס דער גורל האָט אייך אויסגעוויילט פאַר דער מאַמען!...

מאַ, ווען וועט די זון אונדז מיטנעמען אין איר גאָלדענעם לאַנד?

שרהלע, וואָס איז געבליבן איר גאַנץ לעבן אַ קינד און זוכט רק אַ געלעגנהייט אַ לאַך און אַ שטיף צו טאָן, אַפּילו דעמאָלט ווען אַלץ אין איר טרויערט און וויינט, וווינט צוליב קלימאַטישע סיבות, אין דער שטאָט פון זון־און־פּאַלמעס, און קאָן זען איר בת־יחידה, אביגיל, בלויז זומער, בעת ס'איז געשלאָסן די הויכשול, ווו זי, ווי אַן אינסטרוקטאָרין, לערנט ענגליש און די ענגלישע ליטעראַטור.

די טאָכטער האָט ניט קיין גערולד פאַר בריוו. רעדט זי מיט דער מאַמען יעדע וואָך טעלעפאָניש. אַ מאָל געדויערט אַזאַ שמועס אַ שעה און מער. דערפאַר הערט זי איר שטים, דעם קלאַנג און די וויבראַציעס פון איר קול, די פאַרב און דעם שמייכל פון איר וואָרט, און זי דערציילט איר אויס ניט נאָר וועגן אירע קאָלעגן־לערערס און פון אירע פעיקע און אומגעראָטענע תּלמידים, נייערט, וואָס זי האָט געטאָן יעדן טאָג און וואָס זי האָט אַפילו געגעסן...

די ליבע פון מוטער צו טאָכטער און פאַרקערט, ציט זיך פון יענער ווייטער צייט, ווען אביגיל האָט דערשפּירט מיט איר קינדיש הערצל, אַז אָט די גרויסע פרוי מיט די טויזנט חנען, וואָס איז שטענדיק אַרום איר און וועמען זי רופט "מאַ", איז אירס אַ שפּיל־חברטע. זיי הערן זיך צו אַפילו ביינאַנד צו מענדעלסאָנס און בעטהאָווענס מוזיק אויף דער ראַדיאָ, און רעציטירן אָפּט ביידע עדגאַר עלען פּאָוס פּאָעמע, "די ראָב", אָדער פאַרשפּילן זיך אין עפּעס אַ רעטעניש־רעבוס, ווען די מוטער ווערט פאַרטיק מיט איר שטובאַרבעט. צי זיי שפּאַצירן אַוועק אין שנייִקן פּאַרק צו שפּייזן די הונגעריקע וועווריקעס און פייגל. אַזוי אין די ווינטער־חדשים אין שטאָט.

אין די זומערן איז דער סדר־היום אַן אַנדערער — מוטער און טאָכטער לעבן אין אַן אויפגעשטעלט ביידל, ווי אַ צאָל אַנדערע שטאָטלייט אין נאָענטן וואַלד. זיי בראָדזשען אום שעהען־לאַנג צווישן ביימער, קוסטעס און גרינע באַהעלטענישן. קלייבן בלומען און יאַגדעס, און ווען סע סטאַיעט צייט, שווימען זיי אין דער דערבייִיקער אָזערע, און באַגלייטן

שפּעטער די זון צו איר נאַכטיקער רו, אינעם לאַנד פון כישוף און גאָלד. און אביגיל פרעגט צו מאָל דער מאַמען אַ פאַרבענקטע:

— מאַ, ווען וועט די זון אונדז מיטנעמען מיט זיך אין גאָלדענעם לאַנד?...

די באַציִונגען צווישן טאָכטער און פאָטער זיינען אָנגעשטרענגטע, ווי זיי זיינען צווישן מאַן און פרוי, זיינע געשעפטן האַלטן אים ווייט פון הויז און די מחיצה וואַקסט מיט די יאָרן. אַ טאָג אין דער היים, דאַרף, לויטן שכל, זיין פאַר אים אַן אָנגענעמער איבערבייט, אַן אָפּפרישונג, ווערט אַן אָפּקומעניש. דער טאָכטערס אויפפּיר ערגערט און פאַרשעמט אים. ער זעט די שולד אין זיין פרויס הדרכה, און צוליב עפּעס אַ שיגעון שווייגט ער און — ליידט.

ער פאַרטיפט זיך דעמאָלט אין זיינע געשעפט־פּאַפּירן און מערקט ניט, ווי צוויי קינדער, אין יונגן און אין מיטעלן עלטער, קומען און גייען פון שטיבל, קומען און גייען אַזוי, דאַכט זיך, אָן אַ סוף.

שוין באַגינען איז ער ביי דער אויטאָ און מאַכט זיך גרייט פאַר דער נסיעה. איילט אַריין אין שלאָפקאַמער, באַטראַכט מיט אַ געמישטן געפיל פון װוּנדער און צער די אומצעשיידלעכע פּאָר, לאָזט איבער אַ טשעק אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט אויף דער וואָכנטלעכער הוצאה און — פאַרשווינדט.

אַ צייט גייט אַוועק און עס טרעפט מיט שרהלען אַ געשעעניש, וואָס מע האָט געקאָנט דערוואַרטן. דעם מאַנס אָפּגעפרעמדקייט און גלייכגילט, וועלכע זי האָלט לאַנג אונטערדריקט און פאַרהוילן פון דער טאָכטער, קריגט די אויבערהאַנט און גרייפט אָן לסוף איר האַרץ. זי באַזוכט אין דער שטיל דאָקטוירים, נעמט מעדיקאַמענטן און באַקלאָגט זיך ניט.

אין יענער שווערער צייט פון מאַטעריעלער נויט און דחקות פאַרענדיקט אביגיל די מיטל־און־הויכשול און ווערט, ווי דערמאָנט, אַ לערערין. זי מוז זיך אָבער שיידן מיט דער מוטער, וועלכע דאַרף אַ מילדן קלימאַט. שרהלע פאַרברענגט, צום צער פוןביידן, בלויז די זומערן מיט דער טאָכטער. און די באַגעגענישן פון די צוויי זיינען יעדעס מאָל אויפגערעגט־רירנדיקע, אומגעוויינטלעך פריידיקע. זיי נייטיקן זיך

ניט דעמאָלט אין דער וועלט און אין אירע מענטשן, וואָרן זיי זײַנען עס אין תּוך איינע פֿאַר דער אַנדערער.

יונגע־לייט, בײַ וועמען מיידלשע געזעלשאַפֿט איז אַ געוויינטלעכער ענין, דערשפּירן ווי מיט אַ זעקסטן חוש, אַז צווישן זיי און דער חנעוודיקער לערערין פֿון דער ענגלישער ליטעראַטור שטייט אַן אומפֿאַרשטענדלעכער מכשול און דערלאָזט ניט צו קיין נאָענטקייט און זיי מיידן זי אויס.

מיט דער מאַמעס אָפּפֿאָרן אין סעפּטעמבער, לאָזן זיך ווידער אַראָפּ אויף אביגילן עלנט־איינזאַמע טעג און אומרויִק־שלאָפֿלאָזע נעכט. דאָס הויז זעט דעמאָלט אויס פּוסט און פֿאַראָבלט... זי כאַפּט זיך אָפּט, ווי זי רעדט צום ליידיקן שטול, ווי די מוטער זיצט לעבן איר בײַם עסן צי אין די פֿאַרנאַכטן, בעת די זון פֿאַרגייט און זי פֿרעגט:

— מאַ — ווען וועט די זון מיטנעמען אונדז אין איר גאָלדענעם לאַנד?

אַ באַגעגעניש

דער וואָקזאַל איז איבערגעפּאַקט. פּאַסאַזשירן שטראָמען פֿון און צום אַרויסגאַנג. פֿון די זײַטיקע שפּיגל־פֿענצטער זעט מען דזשעט־עראָפּלאַנען אויפֿן באָדן, אין דער לופֿטן. מאָטאָר־וואַגאָנדלעך איילן איבערן רחבותדיקן לופֿטפֿעלד. אין די וואַרטזאַלן בײַ יעדער אָפּפֿלי־סטאַציע זײַנען פֿאַרקליבן מחנות מענטשן. קינדער לויפֿן אום, טומלען, זוכן זייערע אייגענע. הגם די וואַליזן זײַנען אַרײַנגעגעבן אין באַגאַזש, פֿירט מען מיט זיך אַ שלל מיט קלייניקייטן, מיט וועלכע מען וויל זיך ניט שיידן אַפֿילו אויף אַ קורצער צײַט. די בליקן בלאָנדזשען אום און זוכן פֿאַרצווייפֿלט אַן אָרט פֿאַר די מידע פֿיס. פּלוצעם דערהערט ער אין דעם ווירוואַר פֿון מענטשלעכע קולות אויסרופֿן זײַן נאָמען. ער איז פֿול מיט חידוש. פֿאַר אים שטייט אַ הויכער עלטערער מענטש מיט אַן אויסגעפּליקטן שאַרבן און געקנייטשטן פּנים.

— איר קוקט מיר אויס באַקאַנט, — זאָגט ער פֿון איידלקייט.

— מעג איך וויסן ווער איר זײַט? — האָריזאָנט! ענטפֿערט יענער און גיט גלײַך צו. — איך האָב אײַך נאָך דערקאָנט פֿון דער ווײַטן.

ער שטייט אַ פאַרשעמטער. ביידע זיינען געווען לערערס אין "פ", 28 יאָר זיינען פאַרלאָפן זייט ער האָט פאַרלאָזן יענע שטאָט.

— ווי פילט איר? ווי איז אייער געזונט, חבר האָריזאָנט? — נעמט ער ניט אַראָפּ די אויגן פון אים.

— גאָרניט שלעכט, מ'קאָן זאָגן אַפילו גוט, נאָר די זיקנה האָט מיט אַ מאָל געלאָזט וויסן, אַז זי איז דאָ... — זאָגט יענער עפּעס ווי אַ שולדיקער. — אָבער איר...

ער דערמאָנט זיך, אַז האָריזאָנט איז מיט גאַנצע פינף יאָר ייִנגער פאַר אים. די צייט האָט אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: ווען יענער איז אָנגעקומען אין "פ", איז ער געווען דער ייִנגסטער לערער צווישן זיינע קאָלעגן. דער ייִנגסטער און אין וווקס — דער העכסטער. ניין! ער האָט ניט אַראָפּגעקוקט אויף זיי, ערגער! ער האָט זיי אַריבערגעקוקט, ווי ער וואָלט זיי אין גאַנצן ניט באַמערקט. און היות, ווי קיין סך אַנדערע קוואַליפיקאַציעס האָט ער ניט פאַרמאָגט, האָט ער זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט. און ווען ער איז ניט מסוגל געווען צו ענטפערן אויף עמעצנס אַ פראַגע, האָט ער זיך גלייך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און געהויערט איבער יענעם ווי אַ בוים איבער אַ גראָז, און דערמיט, האָט ער געמיינט, האָט ער פאַרענטפערט אַלע קשיות.

— וואָס טוט איר אַצינד, חבר האָריזאָנט?

— כ'ווייס וואָס מען טוט... — האָט ער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — מען קנעלט ייִדיש מיט דערוואַקסענע לאַפּצאַנעס.

— ווי באַלד יענע ווילן קאָנען ייִדיש זיינען זיי אפשר גאָרניט קיין לאָפּצאַנעס.

— ווי־זשע וועט איר זיי רופן, — פרעגט האָריזאָנט, — ווען יעדער פון זיי איז ממש אַ קאָפּ און מער העכער פונעם לערער?

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער זיך אַרויסגעגעבן. ער האָט באַזונדערס ניט מיט וואָס צו אימפּאָנירן זיינע תּלמידים, ווי ער האָט עס, למשל, געטאָן מיט זיינע קינדער אין די ייִדישע שולן און מיט זייערע עלטערן אין די שולקלובן.

האָריזאָנט האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט און אומעטיק געשוויגן די גאַנצע צייט פון דער נסיעה...

אַבראַשאַ

דאָס דאָרף אויפֿן שוועל פֿונעם ברייט רחבותדיקן וואַסער, וועמעס ברעגן ווערן פֿאַרלאָרן אין דער ווייטער ווייט און וואָס ווערט דאָ גערופֿן באַשיידן "אָזערע", איז כמעט אויסגעליידיקט פֿון ייִדן. יאָ, יאָ, מיט יאָרן צוריק האָט זיך דאָ געפֿונען אַ ישוב, לעבן אַ קינדער־קאָלאָניע. דער עלטערער דור איז אַוועק, ווי געוויינלעך, אויפֿן וועג פֿון אַלע מענטשן, און דער ייִנגערער, וואָס האָט שוין היינט אַליין קינדער און אייניקלעך, איז זיך צעפֿאָרן. טייל האַלט נאָך אָן די נחלות פֿון די עלטערן, פֿון ווידע־באָבע, און קומט נאָך אַ מאָל אַהער אויף אַ סוף־וואָך צו שפּילן, לפֿי געוווינהייט, אין באַלעם און זיך צו דערמאָנען אין די היימלעכע טעג פֿון דער יוגנט.

סאָפּי איז פֿון די געציילטע, וואָס האָט לאַנגע יאָרן ניט פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. הגם גרויע זשמוטן האָר האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין איר שוואַרץ־געלאָקטן קאָפּ, און קנייטשן און קאַרבן ווילן מיט געוואַלד אַרויסגעבן איר עלטער, איז אָבער פֿאַרבליבן אין אירע גרויסע, טונקעלע אויגן אַ מיידלש־יוגנטלעכער גלי, וואָס דערלאָזט ניט. ער גלימערט אויף נאָך שטאַרקער, ווען זי רעדט וועגן איר מאַן אַבראַשאַ. פֿאַר איר איז ער נאָך אַזוי יונג. ווי ער זעט אויס אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע, וועלכע הענגט ביי איר אויבן אָן אויף דער וואַנט, מיט זיין נאָמען, אויסגעכתיבעט מיט גרויסע אותיות.

ווען אין קרעמל איז ליידיק — און דאָס טרעפֿט היינט אָפֿט — דערהערט סאָפּי זיין באַריטאָן־שטים זיך טראָגן אין חלל מיט די זעלביקע לידער און אַריעס, וועלכע ער פֿלעגט זינגען פֿאַר איר, אַפֿילו קראַנקערהייט, ווען די ווייען האָבן אים אַ ביסל נאָכגעלאָזן.

אַבראַשאַ האָט אַ סך יאָרן געליטן אויפֿן האַרץ און איז ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון קרעמל. זעלטן ווער ס'האָט אים אַ מאָל געזען, אָבער געקאָנט האָבן אים אַלע, און געקאָנט האָבן זיי אים פֿונעם יוגנטבילד אויף דער וואַנט און פֿון די פֿאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס זיין פֿרוי האָט דערציילט וועגן אים, ווי ער האָט, למשל, זיך אַרומגעשלעפּט אַ לאַנגע צייט מיט אַ כאָפּטע ציגיינער אין די קאַרפּאַטן־בערג, ווי ער האָט זיך פֿון זיי אויסגעלערנט צו רייטן אויף די ווילדסטע פֿערד, צו שפּילן

פידל אָן נאָטן און צו געפעלן ווערן מיידלעך און נאָך אַזוינע מעשיות.

ווען ס'איז אים נמאס געוואָרן דאָס ציגיינער־לעבן, איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. דאָרט האָט ער געשפילט און געזונגען אין אַ רוסישן קאַפע־רעסטאָראַן ביז... ביז ער האָט עס געמוזט אויפגעבן צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַ האַרצפעלער פונעם ציגיינערישן נע־ונד. צווייטנס, האָט ער זיך פאַרקוקט אויף איר, סאָפי, ווען זי פלעגט אַריינקומען אַהין עפעס אָפּעסן. און זי האָט אים דערמאָלט געזאָגט קליפּ און קלאָר, אַז זי האָט פיינט די גרויסע שטאָט און נאָך מער — זיין פרנסה. אין אַ קליינעם אָרט, האָט זי ווייטער גערעדט, וועט ער פאַרבעסערן זיין געזונט, און צום לעבנס־מיטל וועט אויך ניט פעלן. און אויב זינגען און שפּילן איז אים באַשערט — זאָל עס זיין נאָר פאַר איר! האָט ער געגעבן זיין הסכמה.

אין דאָרף האָט ער זיך טאַקע דערפילט שטאַרק און שטאַרקער. נאָר דעם צווייטן צוזאָג האָט ער געהאַלטן שוואַכער. ער האָט, נעמלעך, געטיילט זיין טאַלאַנט אויך מיט דער ניט־ווייטער שיקאַגע, וועלכע האָט אים געלאָקט און געצויגן. איין מאָל האָט מען אים געבראַכט פון דאָרטן אַ שטאַרק קראַנקן אַהיים, און ער איז שוין מער ניט אַראָפּ פון בעט.

סאָפי האָט צוויי מאָל אין טאָג געשלאָסן דאָס קרעמל אויף אַ פּאָר שעה, בכדי צוצוגרייטן די מאָלצייטן און צו פאַרברענגען מיטן מאַן. אַבראַשאַ האָט זי באַגעגנט כּמעט שטענדיק מיט אַ ווייצל און אָפט מיט אַ שפּיצל, אַ שטייגער ווי ניט גלייך צו ענטפערן אויף איר באַגריסונג, און דערמיט זי היפשלעך איבערשרעקן.

איין טאָג, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז ער פּראַוועט שוין ווידער זיינעם אַ קונץ, וואָרן ער האָט געשוויגן ווען זי האָט זיך געווענדט צו אים. זי האָט גיך אויסגעפונען, צו איר צער און ווייטיק, אַז ער איז אויסגעאַנגען אַן עלנטער אין שטיבל, האַלטנדיק דאָס טעלעפאָן־טרייבל אין האַנט.

צו דער לוויה איז זיך צונויפגעקומען דאָס גאַנצע דאָרף. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַן איבערראַשונג, ווי ס'וואָלט ניט אַוועק פון דער וועלט אַ געפערלעך קראַנקער בר־נש, נאָר דער קרעפטיק־אַטלעטישער יונג פונעם בילד, וואָרן אַזוי האָבן זיך די לייט אים תמיד פאָרגעשטעלט. זיי זיינען אָבער געבליבן שטאַרק אַנטוישט, ווען זיי האָבן אים דערזען

אין אָרון, בעת מ׳האָט אָפּגעדעקט זיין צוקאָפּנס, ווי ס׳איז היינט אין דער מאָדע. אין דער טרומנע איז געלעגן אַן אַלטער מאַן מיט אַן אויסגעצערט פּנים און טיפע גראָבנס, און גרויע, שיטערע הערלעך זיינען געווען צעשפּרייט איבער זיין שאַרבן.

"אַלטע פריינד"

מען האָט אים דערקאָנט פון דער ווייטנס. דער הויכער, עלטערער, אַ ביסל איינגעבויגענער בר־נש מיטן גראָבן שטעקן האָט געהאַט אַ נטיה צו העלע פאַרבן. אויב די קורצע הייזלעך זיינען געווען פון געלן קאָליר, האָט שוין דאָס לויזע אויבערהעמד געדאַרפט זיין ביי אים שאַרף רויט. דער ברייטער קאַפּעליוש האָט געהאַלטן אין שאָטן אַ בייזלעך־אומהיימלעך פּנים מיט שמאָלע אייגעלעך...

ביים גיין, צי ביים זיצן אויף אַ באַנק אין פּאַרק אָדער ביים ברעג ים, האָט ער הילכיק צוגעקלאַפּט מיטן שטעקן אין ברוק. דאָס איז ביי אים געווען, קאָנטיק, אַזאַ מאַניע צוצוציען נייגעריקע בליקן, כאָטש ער האָט, בדרך־כּלל אויסגעמיטן מענטשן, שוין אָפּגערעדט פון חברן זיך מיט זיי.און אפשר איז עס געווען ביי אים אַ מין "אַרויסרוף", אדרבא, זאָל עמעצער פּרווון פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, וועט ער ערשט דעמאָלט אָננעמען אַ פול מויל מיט שווייגן. קורץ און שלעבט — דער עולם עלטערע לייט פון דער סביבה האָט שוין לאַנג באַשלאָסן צווישן זיך, אַז ער איז אַ האָפּנונגסלאָזער מיזאַנטראָפּ, אַן אומהיילעוודיקער מענטשן־פיינט.

מיט אַ מאָל האָט מען גענומען מערקן, אַז ער איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אויף דער פּאַטיאָ אויפן ראָג גאַס און זיצט דאָרטן אָפּ גאַנצע שעהען. דאָס איז באמת געווען אַ נייעס. ווער האָט עס געקאָנט פאַרהאַלטן אָט דעם אומפריינדלעכן זקן? ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרטן ווינט פּונקט אַזאַ פּאַרשוין ווי ער איז, דאָס הייסט, אַ מרוק, אַ שווייגער, אַ מרה־שחורהניק, מיט איין וואָרט, פויגלען פּונעם זעלביקן מין דערקאָנען זיך, ווי ס׳ווערטל גייט. מיטן אונטערשייד, וואָס יענער האָט אַ פרוי, דערוואַקסענע קינדער, אַ היים.

און צווישן די צוויי איז אויסגעוואַקסן אַ התקרבות, אַ חברשאַפט.

ווען מען איז דאָרט פאַרבייגעגאַנגען האָט מען געזען די צוויי פאַרטאָן, יעדער פאַר זיך, פאַרשטייט זיך, אין לייענען אַ צייטונג, אָדער אין שווייגן. — און אויב מ׳האָט זיך יאָ איבערגעביטן מיט אַ וואָרט, האָבן זיי זיך דערביי איבערגעקוקט מיט גרויס חידוש. ס׳איז געווען רירנדיק צו זען, ווי דער אַלטער מיטן שטעקן פאַרלאָזט דאָס איינציק וווינצימער, וואָס ער האָט ערשט געבראַכט אין אָרדענונג נאָך אַ מאָלצייט, און לאָזט זיך בריטלעך אַריבערגיין די גאַס צו זיין ידיד, ווו ער האָט געקאָנט ״פאַרברענגען״ אַ טייל פון טאָג, און נאָך וועטשערע, אַ שטיק פונעם אָוונט. און ווען ער זאָל זיך אַפילו באַשליסן אויף אַ לאַנגן שפּאַציר, האָט ער זיך צו ווּעמען אומצוקערן.

אָבער ערגעץ אין די ווייטע הימלען ווערט, משמעות, ניט דערלויבט קיין צו לאַנגע אידיליעס. און אומגעריכט, פּלוצעם איז דער פּאַטיאָ־פריינד שטאַרק קראַנק געוואָרן, און ווייזט זיך מער ניט אויפן באַשטימטן אָרט. און זיין פרוי דערלויבט ניט קיין זייטיקן אים צו באַזוכן. שאַרט זיך אום דער אומגליקלעכער אַלטיטשקער מיט אבל־טריט ביי די פענצטער פון חולה ביז — אויסגעשעפּטקייט און לאָזט זיך ענדלעך אַראָפּ אויף אַ שטול אויף דער פּאַטיאָ און וואַרט, אפשר וועט געשען אַ נס און זיין ידיד וועט זיך יאַווען. און דאָס קלאַפּן פונעם גראָבן שטעקן איז דעמאָלט אין לשער.

אַ קינסטלערין אין איר אייגענעם פעלד

די יונגע פרוי איז געזעסן ביים טיש און געקוקט פאַרטראַכט אויף אַ בינטל בלומען אין אַ וואַזע, וואָס האָט געהאַט דעם זעלביקן קאָליר ווי אירע אויגן. זיי זיינען געווען ווייט צעעפנט און בלוי — די אויגן. מיט יענעם פאַרבענקטן בלוי, וועלכן מען זעט אַ מאָל, ביים זונפאַרגאַנג, דעם הימל. און ווען זי האָט זיי אויפגעהויבן אויף די מענטשן אַרום, האָבן זיי דערשפּירט אַ ניט־דאַיקע פרייד און אַן אומפאַרשטענדלעכן אומעט.

מען איז זיך משער געווען, אַז זי איז אויך, ווי ס׳רוב אין דער מסיבה, אַ קינסטלערין. זי איז, קאָנטיק, געקומען מיט עמעצן פון די שטענדיקע באַזוכערס און, ווי אַ פרעמדע, האָט זי מערסטנס געשוויגן.

די געסט זיינען געווען פאַרטאָן אין אַ שמועס וועגן מאָלעריי. איינער האָט זיך באַזונדערס געהיצט. ער האָט אַרונטערגעריסן אַלע שולן, חוזק געמאַכט פון אירע שעפערס. זיי גערופן אַרכאַער, שילדן־שמירערס און וואָס ניט? ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ סורעאַליסט, פאַר אַ נאָוואַטאָר. ער האָט מיט זיין קליידונג, אויפפיר און לשון אַרויפגערופן אַ מטושטשן איינדרוק. אָט האָט מען, דאַכט זיך, געקאָנט מסכים זיין מיט אים, נאָר באַלד האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג, וואָס האָט אַלעמען אָפּגעשטויסן.

דער יונג האָט געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף דער יונגער פרוי. אים האָט געררייצט איר שוויגן, איר "אידילישע" רויִקייט. "אַזאַ איינע", האָט זיך אים געטראַכט "מאָלט מסתמא פוכינקע מלאכימלעך און סענטימענטאַלע מיידלעך ביים ברעג ים". ווען די באַלעבאָסטע האָט איבערגעריסן דעם וויכוח מיט דערלאַנגען צום טיש כּיבוד, האָט זיך דער סורעאַליסט צוגעזעצט צו דער פאַרטראַכטער דאַמע.

— וואָס־זשע, איר זייט טאַקע מיט אַלץ איינפאַרשטאַנען וואָס דאָ ווערט גערעדט? — האָט ער איר געפרעגט מיט אַ היפשער דאָזע איראָניע.

די יונגע פרוי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווי מען וואָלט זי מיט געוואַלד אַרויסגעריסן פון איר מעדיטאַציע. זי האָט באַטראַכט דעם פרעמדן מיט נייגער און חידוש: — מיין מיינונג — האָט זי געענטפערט אין אַ פאַרלעגנהייט, — קען ניט האָבן קיין גרויס באַדייטונג צווישן פאַכלייט.

— וואָס, איר געהערט ניט צו אונדזער חברה? — איז ער פאַרוווּנדערט. ביי אים האָט זיך שיער ניט אַרויסגעכאַפּט: איז וואָס זשע טוט איר דאָ?

— אויב איר מיינט צום מאָלערישן צעך? זייט איר גערעכט! אָבער איך בין, דוכט זיך מיר, אַ קינסטלערין אין מיין אייגענעם פעלד.

— מעג איך וויסן וואָס פאַראַ פעלד דאָס איז? — האָט ער ניט אָפּגעלאָזן.

די יונגע פרוי האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש: — קומט! וועל איך אייך ווייזן מיינע צוויי קונסטווערק, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. און זי האָט אַריינגעפירט דעם פרעמדן אין שכנותדיקן צימער. דאָרטן איז אויף אַ ברייט בעט געלעגן אַ צווילינג, צוויי מיידלעך אין די בגדים

און — געשלאָפן.ביידע קינדער זיינען געווען שטאַרק ענלעך אויף דער מוטער.

— דאָס איז מיין שאַפונג! — האָט זי שטיל אָנגעוויזן מיטן בליק אויף די מיידלעך: — מיינט איר ניט, אַז אויך איך געהער צום קינסטלערישן מין?

דער יונג האָט זיך איבערגעבויגן איבער די קינדער און אַ געריירטער אָפּגעפּרעסט אַ קוש יעדן אויפן שטערן.

פעליציאַ

די שווער וואָגיקע פעליציאַ פּאַרלאָזט אָפט דעם עסטיש און פּאַרקריכט צו זיך אין צימער מיט אַ געשמאַקן מאכל צו פּראַווען דאָרט ביחידות איר סעודה. זי דערמאָנט דעמאָלט אין אַ טשיטאָ, וועלכע קען אַנדערש ניט פּאַרצערן איר שפּייז, סיידן אין איזאָלאַציע און דאָס אין דער הייך פון אַ בוים.

פעליציאַ האָט נאָך אַן ענלעכקייט אויף יענער וואַלד־חיה. ווען דער הונגער באַהערשט זי, ציט זי אַריין דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און נעמט לויערן אויפן פּאַרגרייטן פרירקאַסטן. זי דרייט זיך שטיל אַרום איבער די צימערן, דער עיקר בעת די בני־בית זיינען פּאַרנומען, ווי להבדיל, אַ ייִד שמחת־תּורה צו הקפות, און פינגערט אַרויס פון דאָרטן אַלץ וואָס די ציין קענען צעקייען...

אָבער דער מוידס אמתע ממשלה הייבט זיך אָן האַלבע נאַכט, ווען דאָס גאַנצע הויז איז פּאַרזונקען אין שלאָף, דעמאָלט, יאָ, דעמאָלט נידערט זי אַראָפּ פון געלעגער און נעמט איבער אין איר רשות דעם גאַנצן שפּייז־אינווענטאַר. אַלע ווייסן דערפון און אַלע שווייגן, ווי מען פּאַרשווייגט, למשל, אַ מיאוסע רגילות ביי אַ משפּחה — פּאַר לייטן.

דער איינציקער וואָס רעדט אָפן, קלאָר און ניט פּאַרשטעלט איז דער הויזדאָקטאָר. ער זאָגט, אַז די מויד גראָבט מיט אירע שיינע ציין אַ פריען קבר פּאַר זיך, סיידן זי וועט באַצייטנס אָפּשטעלן דעם פרעס־ריטואַל!...

טשיקאַווע איז, וואָס סיי פעליציאַ, סיי די משפּחה, פּאַרענטפערן איר איבערוואָג מיט דער סיבה, וואָס זי איז נעבעך פון דער נאַטור געשטראָפט

צו זיין אַזוי געפורעמט, והראיה אָט עסן אַלע אין הויז פיל מער און זיינען אין דער נאָרמאַלער וואָג.

די כיטרע מויד וויל, פון דעסטוועגן, אָפציען דעם פרעמדנס בליק פון איר שווערן גוף, פלעגט זי איר פנים מיט פאַרשיידענע פּאָמאַדעס, שמירעכצן פון פאַרב — אַזוי אירע בעקעלעך, די ליפן, די וויעס און ברעמען פון אירע שאַרפע אויסדרוקספולע אויגן.

ווי פעליציאַ איז להוט נאָך שפּייז, אַזוי וויל האָט זי אויך אַ טיפע ליידנשאַפט פאַר סטאַטיסטיק. זי ווייסט, למשל, גענוי וויפל פּראָצענט גטן עס קומען פאָר אין לאַנד יעדעס יאָר, און וויפל פּראָצענט יחידים, "סינגלס", וווינען דעם רוקן, אַמעריקאַניש גערעדט, דער הייראַטס־אינסטיטוציע, וויפל פּאָרלעך לעבן פריי און וויפל בייטן זייערע פּאַרטענערן אַזוי אָפט, ווי אַ שטייגער, מען בייט וועש און קליידער. אָט די באַוווייזן דאַרפן באַרעכטיקן איר אייגענע "פּאַרזענקייט" און "אַליינקייט".

פעליציאַ פירט אויך אַ חשבון פון געבוירנטעג פון אירע פאַמיליע־לייט, קרובים און באַקאַנטע, און נאָך מיט אַ וואָך פריער שיקט זי זיי אַרויס באַגריס־קאַרטלעך, און אַזוי טוט זי אויך ערב די ייִדישע און אַלגעמיינע יום־טובים. פּונקט ווי איר צוגעפּוצטע געשטאַלט דאַרף קאָמפּענסירן דאָס פרעמד אויג פאַר איר אומבאַלאַנסירטן גוף, אַזוי העלפט דאָס צוגעשיקטע קאַרטל צו פאַרטרעטירן זי אין שענערע פאַרבן.

אַז מען לעבט מיט שכל און מיט ציין, זאָגט אַן אויסגעטראַכט ווערטל, איז אויך זאַט דער וואָרעם אונטערן מצבה־שטיין...

מינעט און נאַנעט

די צווילינג־שוועסטערלעך זיינען געווען געראָטן אינעם פאָטער: — מאָנעוודיק, באַפעלעריש, אַגרעסיוו צו דער מוטער, צו קרובים, צו פריינד. וואָס איינע האָט געטאָן, האָט די צווייטע געזוכט נאָכצוטאָן און איבערשטייגן — אַזוי אין קליידונג, אין לערנען, אין פירן ראָמאַנסן, באַזונדערס — ווען דער רייכער טאַטע האָט געלעבט.

נאָר אין איין פּרט האָט נאַנעט געהאַט אַ צייט די אויבערהאַנט. זי האָט געירשנט דער מאַמעס נאָז, וואָס איז געווען וואויל־געשניצט און

גלייכמאָסיק, און זי האָט דערפאַר פריער חתונה געהאַט. דער שידוך איז געווען גאַר געראָטן. איר מאַן האָט באַזעסן אַלע מעלות, וואָס אַ יונג מיידל קאָן זיך זוינטשן: — הויכער וווקס, אַ שיין געשטאַלט, אינטעלעקטועל באַגאַבט און אַ גרויסער פאַרדינער.

מינעט, וואָס האָט דערזען די וועלט די ערשטע, און איז בכן געווען פאַררעכנט פאַר דער עלטערער, האָט דעמאָלט געהאַט ניט ווינציק עגמת־נפש, אָבער אויך ניט ווינציק פלענער ווי בייצוקומען איר דעפעקט און אָניאָגן איר שוועסטער. זי האָט באַוויזן אירן אַ רייכן פעטער, אַן אַלטן בחור, וועלכער האָט געהאַט צו איר ניט בלויז פעטערישע סענטימענטן, ער זאָל איר העלפן דורכצופירן די נאָז־קאָרעקטור, איידל גערעדט. און ביידע זאַכן זיינען איר געלונגען, אי צו קריגן דעם פעטערס הסכמה, אי שפעטער די אָפּעראַציע. נאָכן בייקומען די ערשטע מניעה איז שוין די צווייטע ניט געווען, וואָרן דער פעטער האָט שנעל איינגעזען, אַז דעם מיידלס אויפגעריכט פנים האָט צונישט געמאַכט זיין מינדסטן שאַנס ביי איר.

גאָר גיך האָט זיך באַוויזן מינעט מיט איר זיווג ביי דער שוועסטער. ער האָט זיך, אויסערלעך, קנאַפּ אונטערשיידט פונעם שוואָגער: כּמעט די זעלביקע הויך, פאָרנעמיק און אַן אייגנטימער פון אַ גרויסן צירונגס־געשעפט, אמת, אין שמועס מיטן שוואָגער האָט מען גלייך באַמערקט זיין גייסטיקע הינטערשטעליקייט. אָבער מען האָט נאָך אַ זאַך באַמערקט — בעת נאַנעט איז אומגעגאַנגען אַרום מאַן אויף די שפּיצפינגער און האָט אים געקוקט אונטערטעניק אין מויל אַריין, האָט די שוועסטער פריי געשאַלטעוועט איבער איר באַשערטן, ווי איר אַלטע געוווינהייט איז געווען...

ד״ר האָפמאַנס לעצטע ליבע

פון אַלע ליבעס, וואָס ד״ר האָפמאַן האָט אין זיין לאַנגן לעבן געפירט, האָט זיך אים אָפּגעשטעלט צו לענגסטן די ליבע צו — ספינאָזאַן. ער באַטראַכט זיך פאַר זיין חסיד, פאַר זיין תּלמיד. שוין זיין אויסזען דערמאָנט שטאַרק אינעם אַמסטערדאַמער פילאָסאָף: — דין, איינגעשרומפּן, מיט

אַן אַסקעטיש־ערנסטן פּנים און שטילע תּמימותדיקע אויגן. אויך ער איז אַ וועגעטאַריער און וווינט אין אַ בוידעם־שטיבל, כאָטש ער וואָלט זיך געקאָנט פאַרגינען אַ לוקסוס־דירה, מחמת פאַר די פופציק יאָר, וואָס ער לעבט אין דער עיר־הבירה, האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַ גרויס פאַרמעגן אין לאַנד און אין הייזער.

אָבער וואָס מער ער האָט זיך פאַרטיפט אין יענעמס כתבים, אַלץ ווייניקער האָבן אים געגומען לאָקן די ערדישע תּאוות, און ער האָט איבערגעגעבן זיינע געשעפטן אין די הענט פון אַ פאַרוואַלטער, וועלכער שטייט שוין היינט אונטער דער אויפזיכט פונעם "יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד", מיט אַנדערע ווערטער, ער האָט אָפּגעשריבן זיין גאַנץ אייגנטום אויפן נאָמען פון אָט דער אינסטיטוציע. און ער אַליין באַנוגנט זיך מיט אַ מינימום, ווי זאָגט מען עס, צו דערהאַלטן דעם גוף. (ווער עס זאָל אים ירשענען פון די אייגענע, איז קיינער ניט געבליבן. ער האָט זיי אַלעמען איבערגעלעבט. ד"ר האָפמאַן ווערט היינטיקן חודש הונדערט יאָר!)

צו דערהאַלטן זיין גייסט האָט ער ניט קיין דאגות. ער איז כּמעט שטענדיק פאַרהאַוועט מיט זיין "ספּינאָזאַ־פאָרום", וואָס ער האָט איינגעשטעלט מיט נאָך יאָרן צוריק, און צו וועלכן עס קומט אַ גרויסער עולם. און פאַר די מענטשן שילדערט ער דאָס לעבן פון זיין באַליבטן דענקער, און ער דערציילט זיי, לפי זיינע כּוחות, יענעמס פילאָסאָפישע שיטה, און נאָך דעם שטעלט אָן דער זקן פּלאַטעס פון קלאַסישער מוזיק און עס הילכן אָפּ אינעם גרויסן זאַל, וואָס ער קריגט, אגב, יעדע וואָך אומזיסט, די גרויסע קינסטלערס פון דער קאָנצערט־און אָפּערע־וועלט. און עס הערן זיך צו די עלטערע לייט און זיפצן שטיל נאָסטאַלגיש, ווייל דאָס געזאַנג און דאָס שפּילן דערמאָנט זיי אין זייער יוגנט, ווען אַ סך פון זיי פלעגן אָפּשטיין אין די גרויסע קעלטן, אין די רייען, אַריינצוקומען אין דער אָפּעראַ אויף דער גאַליאָריקע, ווייל אויף אַ בעסערן פּלאַץ האָט שוין ניט געסטייעט קיין געלט.

ווען פריינד פרעגן ביים גוטן ד"ר האָפמאַן, אויף וואָס דאַרף דער עולם יעדע וואָך אַ "פאָרום" ס'איז דאָך אַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג פאַר אַ מענטשן אין זיינע יאָרן דאָס דורכצופירן, ענטפערט ער בנעימותדיק:

— נאָך מער ווי דער עולם, דאַרף ער עס האָבן! דאָס איז אַ מיטל צו

אריכת־ימים. היות ווי ער איז אַ מעדיקער ווייסט ער מסתמא וואָס ער רעדט!

די אייביקע פראַגע

אין די וואָכנטעג איז דאָס שטעטל אויסגעליידיקט פון דערוואַקסענע. די טאַטעס זיינען, ווי געוויינטלעך, ביי דער אַרבעט, די מאַמעס ביי די טואונגען אין שטוב און די אונטערגעוואַקסענע קינדער — אין די שולן.

זען זעט מען בלויז ביימער, פאַרבייאיילנדיקע אויטאָס און מינדיאָריק קליינוואַרג אין די הויפן, ביי די איינשטאָקיקע הייזלעך אויפן גאַס.

גייט אַ מאָל פאַרביי אַ פרעמדער, באַגעגענען אים די קליינע מענטשעלעך מיט נייגער, מיט חידוש און אַפילו מיט אַ ביסעלע שרעק. זיי קוקן אים נאָך ביז ער פאַרשווינדט פון אויג.

ווען דער זעלביקער טוט זיך אָבער ווייזן יעדן טאָג, פאַרלירט דער קליינער עולם דעם אינטערעס אין אים. מען הערט אים אויף צו באַמערקן, און אויף זיין באַגריסונג רופן זיך אָפּ בלויז אַ פּאָר מער צוליב יוצא וועגן.

דעם פרעמדנס באַגריסונג צו די קונדייסים איז — אַ בייג מיט אַ פינגער, האָט מען אים, אין די ערשטע טעג, נאָכגעטאָן אויפן זעלביקן שטיינער. אָבער איין פאַרשווינדל מיט אַ פאַרשאַרצט נעזל און בלויע קוקערס האָט ניט אויסגעהאַלטן און איין מאָל אַ פרעג געטאָן:

— למאי גריסט איר אונדז עפּעס בלויז מיט איין פינגער? — און ער האָט אַריינגעכאַפּט בעת־מעשה דעם פינגער, פון געוווינהייט, אין מויל אַריין. אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט דער פרעמדער געפרעגט:

— ווי אַלט ביסטו, זונעלע? — זעקס! — האָט דער קליינער שנעל געזאָגט.

— ווען דו וועסט ווערן זיבן, — האָט יענער געשמייכלט, — וועל איך צוגעבן נאָך אַ פינגער, צו צען — וועל איך דיך גריסן מיט דער גאַנצער האַנט!...

דעם קינדס בלויע אייגעלעך שטראַלן פון פרייד און פון וווּנדער. אויף אַזאַ מסקנא האָט ער זיך ניט געריכט...

אויף די לעצטע רייד קומט אָן זיין מוטער. זי איז יונג, שיין און באַזאָרגט:

—אַנטשולדיקט, האָט ער אייך שטאַרק באַלעסטיקט?

— אָ, ניין! וואָס פאַלט אייך איין? ער איז אַ וווּנדערלעך יינגעלע!

— איך האָב אויך אַ מיידעלע, נאָך גאָר אַ פּיצל — זאָגט די יונגע מוטער נאָך אַלץ אַ באַזאָרגטע:

— באַלד וועלן זיי אַוועק אין קינדער־גאָרטן, דערנאָך אין פאָלקשול, שפּעטער אין...

— ווי ס׳פּירט זיך אומעטום! — זאָגט דער פרעמדער געלאַסן.

— וואָס, ביי אייך אויך אַזוי? — קוקן אויף אים אירע תּמימותדיקע אויגן. — אָט זייט איר געקומען אַהער — זאָגט זי פאַרטראַכט. — אין אַ קליין, פאַרוואָרפן שטעטל, און מיך ציט דווקא צו אייך אין דער גרויסער שטאָט.

— דער מענטש דאַרף האָבן אַן איבערברייט. — לערנט ער מיט איר פּרק לעבנס־חכמה. — ווען איר וועט אָפּזיין ביי אונדז אַ געוויסע צייט, וועט זיך אייך נעמען בענקען צוריק אַהער.

— אָבער זאָגט מיר, אפשר ווייסט איר אין דער גרויסער שטאָט דעם באַשייד, כ׳מיין, וואָס איז דער תּכלית פון דעם אַלעמען? — פרעגט זי פּלוצעם די אַלטע שאלה. — איך פרעג ביי מיין מאַן, ביי די שכנים, קוקן זיי אויף מיר ווי איך וואָלט גערעדט פון וועג...

מיט אַ מאָל האָט זיך איר מיידעלע צעוויינט אין שטוב. די יונגע מוטער איילט אַוועק איינצושטילן דאָס קינד. און די אייביקע קשיא בלייבט ווייטער ניט פאַרענטפערט.

די דריי שול־חברטעס

ס׳איז געווען ביי זיי אַ שטאַרקער באַגער און אַ נייגער זיך צו טרעפן. צוואַנציק יאָר זיינען אַריבער זייט זיי האָבן פאַרענדיקט די מיטלשול אין ניו־יאָרק. און זיי זיינען זיך צעפאָרן איבער שטעט און שטאָטן פונעם גרויסן לאַנד, און אָט פירט זיי צונויף דער גורל, צוליב באַזונדערע סיבות, אין דער ייִדישער עיר־הבירה, מיאַמי ביטש.

נאָרמאַ איז געקומען מיט איר מאַמען, אַן אַלמנה, צו אַ קרובה. דאָס מיידל האָט שוואַך געדענקט דעם פאָטער. ער האָט פאַרלאָרן זיין לעבן בעת דער נאַצי־בהלה. אין אירע גרויסע אויגן האָט זי אומגעטראָגן דעם טרויער און די אבלות, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן אין שטוב און אַן עקשנות צו העלפן דער מאַמען שלעפּן ווייטער דעם פּרנסה־יאָך.

די יונגע פרוי האָט בשעתּה געאַרבעט לאַנגע שעהען אין אַ שפּייז־קראָם און האָט אַהיים געבראַכט די מידקייט פונעם טאָג און דעם עלנט פון אַ מענטשן, וואָס האָט צוגעזען דעם אומקום פון איר מאַן און שוין געשפּירט דעם חלף אויף איר איינציקן קינד און אויף איר אייגענעם נפש.

גוטע לייט האָבן זיך דעמאָלט פאַראינטערעסירט מיט זייער לאַגע און געפּועלט מ׳זאָל אויפנעמען נאָרמאַן אויף אַ סטיפּענדיע אין אַ הויכשול, אָבער דאָס מיידל האָט צוריקגעוויזן דעם אָנבאָט און איז אַוועק אויף שוואַרץ־אַרבעט אין אַ שפּיטאָל, שטודירנדיק אין איר פרייער צייט אויף אַ קראַנקן־שוועסטער. יאָ, דאָס זיינען געווען שווערע יאָרן פאַר איר, ביז זי האָט ענדלעך געענדיקט דעם קורס און איז אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ באַקאַנטן היילאַנשטאַלט. און דאָרטן געשעט מיט איר דאָס זעלביקע, וואָס עס געשעט גאַנץ אָפט מיט יונגע פרויען פון זייער פאַך. אַן אינטערניסט פאַרקוקט זיך אויף איר, און אין די ״געצעלטן״ פון צער און יסורים, צעבליט זיך ״פּלוצעם״ אַ טיפע פריינדשאַפט און ליבשאַפט צווישן די צוויי יונגע מענטשן און זיי האָבן חתונה... ביידע ראַנגלען זיך נאָך לאַנג מיט זייער עקאָנאָמישן מעמד, וואָרן פאַר דער צייט זיינען צוגעקומען צוויי נייע גלידער אין דער משפּחה...

צישאַ, איר חברטע, האָט ניט פאַרענדיקט די מיטלשול מיט גרויסע סכאָלאַסטישע קענטענישן. דאָרט, ווו ס׳האָט איר געפעלט התמדה, האָט זי געזוכט צו דערגרייכן מיט מיידלשע חנדלעך און פלירט. ניין, זי איז ניט געווען קיין שיינע! צו פרי האָט זי גענומען קלייבן אויף זיך איבעריקע וואָג און צו יונג האָבן זיך אויפגעוועקט אין איר פאַרלאַנגען און באַגערן צום מאַנסבילישן מין. איר פאָטער האָט זי לסוף פאַרשלייערט, צו זיין אייגענעם חידוש, פאַר אַ שטילן און פרומען יונגן־מאַן און געהאָפט, אַז דער איידעם וועט מיט דער צייט, איבערנעמען די פירונג פון זיין געשעפט אָבער ס׳איז צו דעם ניט געקומען, מחמת צישאַ האָט

געפּאָדערט צו פיל פון איר מאַן, ניט קיין מאַטעריעלע באַפרידיקונג, דערפון האָט זי געהאַט לרוב, נאָר... און ווען דער בר־נש האָט עס ניט געקענט באַווייזן, האָט זי זיך געשיידט מיט אים, און צום צווייטן מאָל פונעם פּאָטער, זיך פאַרבונדן מיט אַ ניט־ייִדן. דער פּאָטער האָט זיך עס גענומען שטאַרק צום האַרצן. ער האָט זיך געערגערט צווייפאַכיק, אי וואָס די טאָכטער איז אַראָפּ פון ייִדישן וועג, אי וואָס זיין לאַנגיאָריקע האָרעוואַניע וועט אַריינפאַלן אין גוייִשע הענט...

האָט ער פאַרקויפט זיין האָב־און־גוטס און האָט זיך אַריבערגעקליבן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אין דער שטאָט פון זון־און־פּאַלמעס, וואָס זי איז אַזוי עכט ייִדיש, אַז מ'הערט דאָרטן ניט, אַפילו זונטיק, דאָס קלינגען פון קלויסטער־גלאָקן, מיט דער האָפנונג, אַז דער גוי וועט ווערן נעענטער צו ייִדן און זיין טאָכטער — צו ייִדישקייט.

קייטי, די דריטע חברטע, איז אויך געווען אַ בת־יחידה. זי איז געווען דין און שלאַנק, קאַפּריזנע און עגאָצענטריש. בחורים האָבן זיך געצויגן צו איר, ניט ווי ס'ווערטל גייט, ווי בינען צו האָניק, נייערט ווי פליגן צו קלעפּפּאַפּיר, וויסנדיק אין פאָרויס דעם גורלדיקן ענטפער. אָבער איינער האָט פאָרט געהאַט הצלחה און האָט געפונען חן אין אירע אויגן. נאָך דער חתונה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יונגע פרוי איז ניט מסוגל צו האָבן קיין קינדער. היות ווי דאָס יונג באַלעבעסל האָט דווקא געלעכצט נאָך אַ יורש, האָט זיך קייטי איינגעבעטן ביי אים, מ'זאָל אַדאָפּטירן אַ ייִנגעלע. ער איז ענדלעך איינגעגאַנגען, דער מאַן, נאָר ער איז געבליבן קאַלט צום קליינעם נפשל, נאָך מער! ער האָט גענומען דערווידערן אויך קעגן זיין פרוי, גלייך זי וואָלט שולדיק געווען אין זיינע צרות, קורץ און שלעבט, ס'איז געקומען צו אַ גט! ס'איז אויך געווען אַ געפאַר אַז דאָס קינד זאָל איבערגיין אין אַן אינסטיטוציע, נאָר קייטיס עלטערן האָבן ניט דערלאָזט דערצו ווייל דאָס ייִנגעלע האָט געהאַט אַ שטאַרקע ענלעכקייט, ווי אומגלייבלעך ס'זאָל ניט קלינגען, אויף זייער טאָכטער, און ס'האָט פונעם ערשטן בליק געוווּנען זייערע הערצער.

היות ווי בלייבן אין שטאָט האָבן די בני־בית ניט געקענט צוליב די אָפטע סקאַנדאַלן פונעם פאָרפאַלק, איז די פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין מיאַמי, בכדי די טאָכטער זאָל געפינען אין דער ווייטער שטאָט איר אמתן זיווג, און איר עלטערן — אַ ביסל מנוחה אויף די עלטערע יאָרן...

ווען די אַמאָליקע חברטעס האָבן זיך דערוווּסט צופעליק איינער פון דער אַנדערער, האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו טרעפן. די באַגעגעניש איז צו ערשט געווען אַ שטילע, מ׳האָט זיך פשוט אָנגעקוקט און לאַנג באַטראַכט איינס ס׳אַנדערע און פלוצעם זיך צעלאַכט מיט יענעם זאָרגלאָז־פריידיקן געלעכטער פון די שוליאָרן. אויף אַ רגע איז פאַרשוווּנדן די צעשיידצייט. ס׳האָט זיך גערעדט, די דריי וועלן זיך באַלד אַריינלאָזן אין אַ שמועס וועגן זייערע קלאַס־חברים, וועגן זייערע לערערס און וועגן די סטודענטן־פאַרערערס.

נאָר צערעדט האָבן זיי זיך גאָר וועגן די אויבן דערמאָנטע פאַמיליע־ענינים און אַלע דריי זיינען געקומען צו דער מסקנא, נעמלעך — אַז דאָס לעבן איז צו פיל מיט שוועריקייטן און אַנטוישונגען און מ׳קען דערפון קיין סך גוטס ניט דערוואַרטן.

נאָרמאַ, וואָס איז געווען מער ראַציאָנעל, האָט אויפגעהויבן אירע צוויי גרויסע אומעטיקע אויגן און געזאָגט:

— אויך מיר זיינען מיטשולדיק אין אונדזערע ליידן. נעמט מיך, למשל, וואָלט איך געהאַט אַ ביסל מער גערדולד און אויסדויער, וואָלט איך געוואַרט ביז מיין מאַן עפנט אַן אייגענעם קאַבינעט און אָרדנט זיך איין און ערשט דעמאָלט געטראַכט וועגן פאַרגרעסערן די משפחה.

— זאָג מיר, נאָרמאַ, וואָס האָב איך געדאַרפט טאָן? — האָט זיך אָפּגערופן צישאַ. — דו ביסט דאָך אַלע מאָל געווען די קלוגע, די פּראַקטישע.

— דו, צישאַ, ווילסט טאַקע וויסן מיין מיינונג, וועל איך דיר זאָגן: ס׳איז אמת, אַז מען קען ניט צווינגען צו לעבן מיט אַ מענטשן, ווען מ׳האָט ניט ליב, אָבער...

— אָבער וואָס? — איז די חברטע געווען נייגעריק.

— דו האָסט ניט געדאַרפט פאַרשאַפן דיינע עלטערן אַזוי פיל עגמת־נפש און הייראַטן מיט אַ... האָט זי ניט געענדיקט.

— זאָג, זאָג, נאָרמאַ, אַ גוי! אַ גוי! איז דאָס אַזאַ שרעקלעכע זאַך? ווערסט געפינען היינט אין אַ סך יידישע פאַמיליעס אַזוינע געשעענישן!...

— איז עס טאַקע אַן עוולה און אפשר מער ווי אַן עוולה! — איז נאָרמאַ געוואָרן אויפגערעגט. — דו האָסט געקאָנט אָפּזוכן אונדזערן אַ מענטשן... ס׳האָט דיר ניט געפעלט אויף דיין אויסקומעניש!...

— און ווי אַזוי וועסטו אויפקלערן מיין פּראָבלעם, נאַרמאַ? וואָס האָב איך געקאָנט טאָן מער, ווי איך האָב געטאָן?
די חברטע האָט געענטפערט, נאָכטראַכטנדיק:

— עס ליגט ניט די גאַנצע חכמה ביי מיר, נאָר מיר דאַכט זיך, ווען דו ווייזט אַרויס דיין מאַן מער צערטלעכקייט און פאַרשטענדעניש, וואָלסטו אפשר געוואָרן פאַר אים דאָס קינד, וואָס ער האָט אַזוי באַגערט. ס'איז אויך מעגלעך, אַז ער וואָלט זיך שפּעטער צוגעוווינט, מיט דיין הילף, צום ייִנגעלע און וואָלט עס ליב געקראָגן — זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און צוגעגעבן: — אָבער דו ביסט דעמאָלט געווען צו יונג און אומגעניט דאָס צו פאַשטיין...
די חברטעס זיינען געבליבן פאַרקלערט, ווי נאַרמאַס לעצטע ווערטער וואָלטן געווען דער אמתער באַשייד אויף זייערע דילעמעס.

אונטער דער האַלבער לבנה

1. צדקה. אין משך פון חודש ראַמאַדאַן פאַסטן די מאַכמעדאַנער פון זונאויפגאַנג ביז זונפאַרגאַנג. יונג־און־אַלט זוכן צו פאַרטיילן די רו־און־שלאָף־צייט אַזוי עס זאָל זיין גרינג צו פאַרטראָגן דעם תענית. אין די אָוונט־שעהען איז דער גוף שוין אַ זאַטער, אַ באַרוטער און אַ באַרוישטער פון שוואַרצער קאַווע, נאַרגילע־רויך און פון די סענטימענטאַל־שרייעוודיקע ניגונים, וועלכע רייסן זיך פון די ראַדיאָס אין די אָפענע קאַפעען...
אָט דער שווערער מאָנאַט פאַרענדיקט זיך פאַר די בני־ישמעאל מיט אַ דריי־טאָגיקן קאַרנאַוואַל, וואָס שליסט איין ניט נאָר די פריידיקייט פון עולם־הזה, דאָס הייסט, פון זיך נאָכגעבן אַלע קערפּערלעכע תענוגים, נאָר מען דערמאָנט זיך אויך דעמאָלט אין דעם אָרעמאַן. ס'איז אַ מצווה, לפי די קאָראַנישע פאַרשריפטן, צו פאַרטיילן צדקה צו די נויטבאַדערפטיקע.
ווייסן דערפון, פאַרשטייט זיך, די פון אַללאַ־געשטראָפטע אביונים, שלעפערס, וואַנדערערס, בלינדע, קרומע און אַנדערע בעלי־מום, וועלכע פּרוכפּערן און ווידמענען זיך לרוב אין יענע מקומות, און זיי קלייבן זיך צונויף מחנות־ווייז פאַר די רייכע הייזער און פּאַלאַצן, מחמת אַצינד איז

עס דערלויבט, און וואַרטן מיט אַ האָפענונג אויף דער גוטהאַרציקייט פון די גבירים, פון די פּאַשאַס, פון די עפענדיס...

די זון רוקט זיך פּאַמעלעך איבער דעם אָנגעגליטן מצרישן הימל, און ווען זי טוט ענדלעך אַראָפּנידערן צו איר רו, און פונעם ים־הגדול קומען אָן ווינטיקע שליחים מיט פולע פּאַליעס קילקייט, באַווייזן זיך ערשט דעמאָלט די פּני־העיר אויף די באַלקאָנען און טעראַסעס, זיי באַזעצן זיך אויף ווייכע, באַקוועמע ווייגשטולן און נעמען ציען דורך לאַנגע גומענע רערן דעם פילטרירטן רויך פון די פלעשער. באַדינערס אין אָריענטאַלישן טראַכט שאַרן אַריין פעסלעך אָנגעפילטע מיט מעשענע און קופּערנע מטבעות, און זיינען גרייט אויף ווייטערדיקע באַפעלן.

אין דער נידער זידט און ברויזט ווי אין אַ פאַרהוילענעם ווולקאַן. מען שאַרפט שוין באַצייטנס גיפטיקע, ניט פאַרגינערישע בליקן און צונגען, מען איז שוין מוכן־ומזומן אַריינצוקריכן איינער דעם אַנדערן אין די סאַמע גרגרות אַריין, און אַלץ צוליב די „אוצרות״, וועלכע זיינען דערווייל נאָך אויבן...

מיט אַ מאָל ווערן די פעסלעך אַ הייב געטאָן איבער די פאַרענטשעס, און אַ האָגל פון קופּער און מעש לאָזט זיך אַראָפּ איבער קעפּ און רוקנס. פון אונטן צעשרויפּט זיך אַ מהומדיקער און ליאַרעמדיקער געשריי, און ס'איז לאַנג שווער צו דערגיין, צי דאָס איז אַ קאָלעקטיווער דאַנקאויסדרוק צו די הערשערס און געביטערס אָדער די שרעקלעכע יללה איז אַ פועל־יוצא פון די קלעפּ און ווונדן, וואָס די אומגליקלעכע האָבן געקראָגן.

* * *

2. מיטלייד. דער גרויסער האָטעל איז פול מיט אייראָפּעישע געסט. פאַר אַכמעדס אויגן טראָגן זיך אַרום כּמעט דעם גאַנצן טאָג די סאַמע אויסטערלישסטע געסט. זייער קליידונג רופט אַרויס ביי אים באַוואונדערונג און נייגער, הגם זייער פירונג איז אים אָפט לחלוטין אומפאַרשטענדלעך, ער קען זיך נאָך ביז היינט ניט צוגעווינען צו דעם ווי מענער נייגן און בוקן זיך פאַרן ווייבלעכן מין, ווי זיי עפענען פאַר דער פרוי די טיר, ווי זיי רוקן איר אונטער דעם שטול ביים טיש, ווי זיי קושן איר האַנט ביים טרעפן זיך. ער ווייס שוין אַצינד, אַז זיי זיינען גאָרניט אַזעלכע

צדיקים — די מענער! זיי הייבן אָן מיט דער האַנט און ענדיקן שפּעטער פיל ווייטער.

פון אַלע פרויען אין האָטעל טראַכט אַכמעד צום אָפטסטן פון דער מיס שירער. זי איז אַליין. קיינער חברט זיך ניט מיט איר און קיינעם אינטערעסירט זי ניט, אמת, זי איז ניט קיין שיינע, ניט קיין יונגע און, קאָנטיק, אויך ניט פון די גאָר רייכע. ער וואָלט וועלן איר זאָגן אַ מאָל אַ גוט וואָרט, רעדט זי אָבער בלויז ענגליש, אַ שפּראַך, וואָס איז אים אין גאַנצן פרעמד, און כאָטש פאַר אים איז יעדער פרוי מיט אַן אָפּגעדעקטן פּנים ניט קיין צנועה, פּילט ער, פון דעסטוועגן, צו איר אַ מיטלייד.

אַכמעד שטאַמט פון אַ דאָרף. ער איז פרום און אָפּגעהיט אין זיינע מעשים. ער פאַרפעלט זעלטן אַ תּפילה צו אַללאַן און צו זיין נביא, מאַכמעד. פאַר אַט די מעלות איז ער אָנגעשטעלט די לעצטע פינף חדשים אין דעם האָטעל, ער דינט געטריי זיינע באַלעבאַטים. ער פּוצט יעדן טאָג די דילן און די שיך פאַר די געסט, און ער טויג זיך אויס צו הונדערט־און־איין אַנדערע אַרבעטן...

מיט אַ מאָל האָט מיטן שטילן, באַשיידענעם און פרומען אַכמעדן געטראָפן אַ מאָדנע טרעפעניש: מען האָט אים נעמלעך, געכאַפּט אין מיטן נאַכט, אין מיס שירערס צימער. ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ מהומה. די אַלטע מויד האָט געשריען מיט באַנומענע קולות און בעת־מעשה דערלאַנגט קלעפּ דעם אויף־טויט־דערשראָקענעם אַריינדרינגער. מ'האָט אים אַרעסטירט און אים געבראַכט אויף מאָרגן פאַרן ריכטער.

דער ריכטער האָט צוערשט געמיינט, אַז דער סוביעקט ווערט באַשולדיקט אין גנבה. אָבער די מיס שירער האָט פאַרזיכערט מיט אַ מאָדנער עקשנות, אַז הגם איר האַנטבייטל האָט זיך געפונען אויבנאָן אויפן טיש, אָנגעפילט מיט באַנקנאָטן, פעלט דאָרטן קיין פּעני ניט, און אַז דער יונג איז געווען אויסן עפּעס אַנדערש.

דער שופט האָט באַטראַכט די אויסגעטריקנטע, לאַנגפּיסיקע ענגלענדערין און האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט אויפן ניט־איבערקלייבערישן דאָן־זשואַן, וועמענס אויסוואַל האָט געקאָנט באַליידיקן יעדן אַראַבער. ער האָט געפרעגט מיט פאַראַכטונג: — דו האָסט טאַקע געמיינט צו זיין מיט איר?... — איך האָב עס געוואָלט טאָן פון מיטלייד צו איר... — האָט

אַכמער זיך געבויגן אין דרייען פאַרן ריכטער. — איך האָב אַ יונג ווייב אין דער היים.

— דרייסיק טעג תּפיסה! — האָט דער ריכטער אַרויסגעגעבן זיין פּסק־דין, און עס איז געווען שווער אויף דער רגע צו וויסן, צי ער האָט צוגעטיילט יענעם די שטראָף פאַר אָנגריף, אָדער פאַר זיין שלעכטן געשמאַק.

צוויי לאהס און אַ מאַן

די צוויי פריינדינס מיטן זעלביקן נאָמען זיינען געווען אַלמנות און ביידע אויסנעמלעך שיין — יעדע אויף אַן אַנדער אופן.

בעת איין לאה האָט אויסגענומען מיט איר שלאַנקער פיגור, טונקל־אָליוון פנים און שוואַרץ־שוואַרצע אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך גענעסט אַן אומפאַרשטענדלעכער טרויער. האָט די צווייטע לאה פאַרמאָגט אַ בלאָנד קעפּל מיט אַן איידל־צאַרטער הויט. און ווען זי האָט אַראָפּגענומען אירע זונגלעזער, האָט אַ פּליץ געטאָן אויף איר מיטשמועסער אַ בלויע זוניקייט, וואָס האָט דערפריישט דאָס האַרץ...

און אין נאָך אַ וויכטיקן פּרט האָבן זיך די לאהס אונטערשיידט: די ערשטע האָט ס'רוב געשוויגן, און ווען זי האָט עפּעס געזאָגט, האָט זי די ווערטער באַגלייט מיט אירע דינע, לאַנגע פינגער, ווי למשל, אַ דיריגענט מיט זיין שטעקעלע דעם אַרקעסטער.

איר פריינדין איז דווקא געווען אַ באַרעדעוודיקע. אָבער איר יעדעס וואָרט האָט געהאַט טעם און יעדער געדאַנק — אינהאַלט און שאַרפזין...

און אָט האָט זיך באַוויזן אין יענעם רעזאָרט אַ דריטער פאַרשוין — אַ מאַנסביל! ער איז ניט געווען, פאַרשטייט זיך, דער איינציקער דאָרטן, פונקט ווי חוץ די צוויי פרויען האָבן דאָרטן ניט געפעלט קיין אַנדערע פון זייער מין. און די דריי האָבן זיך ווסקאָמפּאַניעוועט און זיינען שוין געבליבן גוטע פריינד.

און ווי ס'איז דער שטייגער ביי מענטשן, האָט זיך יעדער געפלייסט געפעלן צו ווערן דעם אַנדערן, באַזונדערס האָבן זיך עס געמיט די פרויען נושא־חן צו זיין ביים מאַן, און ער, אַוודאי ביי זיי...

דער מולדיקער מאַנסביל האָט אָפּט שפּאַצירט געאָרעמט מיטביידע שיינהייטן אין פעלד און אין וואַלד. און ווערליק די נאַנטקייט, וואָס יעדע פון זיי האָט אים אַרויסגעוויזן, איז ער געווען זיכער אַז ביידע זיינען היפשלעך פאַרקאָכט אין אים...

און פאַר אים איז אויסגעוואַקסן אַ פּראָבלעם: וועמען פון זיי קומט די בכורה? מיט אַנדערע ווערטער, מיט וועמען פון זיי זאָל ער זיך פאַרבינדן כדת־וכדין, וואָרן די מיטליאַריקייט איז שוין געהאָנגען אויף אים, ווי שפּינוועבס אין אַ פאַרלאָזענעם שייער.

ער האָט געהאַלטן אין איין וועגן, מעסטן און פאַרגלייכן זייערע מעלות, און זיך ניט געקענט באַשליסן. ער איז אָפּט געווען אין דער בחינה פון יענעם אייזל, להבדיל, וואָס איז געשטאַנען צווישן צוויי בינטלעך היי און ניט געוווסט פון וועלכן צו קייען און איז דערווייל אוינסגעגאַנגען, לויט דער מעשה, פון הונגער...

מען קען ניט זאָגן, אַז די צוויי לאהס זיינען געווען צופרידן פון זיין האַלטונג, והא־ראיה — ווען עס זיינען אָנגעקומען נייע מענער־געסט אין רעזאָרט, האָט זיך די גרויסע וואַרעמקייט צווישן די צוויי פריינדינס און דעם ערשטן מאַנסביל שטאַרק אָפּגעקילט. מ׳האָט זיי איצט אָפּט געזען זיך ווײַלן מיט די נייע אורחים, נאָך מער — אַפילו שפּאַצירן מיט יענע אין די זעלביקע מקומות...

זעט איר, דאָס איז שוין געווען צו פיל פאַר זייער ערשטן פריינד. ער האָט זיך, איין טאָג, אויפגעהויבן, און איז אָן אַ "זיי געזונט" פאַרשוווּנדן פונעם רעזאָרט...

די יונגע קינסטלערין

אַפילו געטאָ און לאַגער האָבן ניט געקענט אָפּטויטן אין בתיהן איר בענקעניש נאָך דער בינע. אָפּט אַ פאַרהונגערטע, באַליידיקטע, אַ דערנידעריקטע, האָט זי זיך געראַטעוועט אין דער וועלט פון אילוזיעס, ווי אַ פאַרשמאַכטע רויז אינעם לאַשטשענדיקן, אָפּפרישנדיקן שפּריי פון אַ פרילינג־רעגן.

דאָס יונגע מיידל האָט געשפּירט אין זיך אָן אַ שיעור קוואַלן פון

שאַפונגספרייד, וועלכע רייסן זיך צו אַ תּיקון. אין שלאָפלאָזע נעכט האָט זי דער כּוח־הדמיון געטראָגן איבער פרייע ייִדישע ישובים, און זי האָט, דורך וואָרט און מימיק, אַרויסגעבראַכט פאַר זיי געשטאַלטן, אימאַזשן, טיפּן, וואָס האָבן אין איר געשלומערט און ניט געגעבן קיין רו...

די יונגע קינסטלערין האָט געטראַכט: — ווען די נאַציס וועלן קריגן זייער פאַרדינטע שטראָף, וועט די שטראָף האָבן ערשט דעמאָלט אַ ווערט, אויב די לאַגער־ ייִדן, און זי בתוכם, וועלן זי דערלעבן. און איר אייגן לעבן, האָט זי ווייטער פאַנטאַזירט, וועט ערשט דעמאָלט באַקומען אַ זין, אויב זי וועט פאַרווירקלעכן איר חלום.

און אָט איז דער לאַנג־געגאַרטער נס געשען. זי איז אַצינד אַ פרייער מענטש און געפינט זיך, נאָך אַ סך פּיין און וואָגלענישן, אינעם גרעסטן ייִדישן ציבור, אין ניו־יאָרק. זי האָט אָבער דערגרייכט זיין ברעג אַ ביסעלע צו־שפּעט. די איינגעשרומפּענע ייִדישע בינע האָט פאַר איר קיין אָרט ניט, און ס׳רוב עלטערע אַרטיסטן קוקן אויף איר אומפרייַנדלעך און אַפילו מיט חשד...

איר שאַרפער אייפער טרייבט זי זוכן מזל אויף בראָדוויי. זי האָט שוין דערלערנט די לאַנדשפּראַך און זי באַזיצט, דאַכט זיך, אַלע נייטיקע קוואַליפיקאַציעס: — איר פיגור איז דין און בויגיק, ווי אַ יונגע פאַלמע, און די גרויסע, אויסדרוקספולע אויגן רעדן אַ סך מער און וואַרעמער, ווי דאָס צינגל ביי עראָסן. און דאָך שטייען איר מניעות אין וועג צום היכל פון שוישפּיל. איר ווייזט זיך אָפּט אויס, אַז דער גרעסטער שטער איז טאַקע דער טעאַטער־אַגענט אַליין, מר. מילסטאָן. הגם ער זאָגט צו גליקן, האָט זי דעם איינדרוק, אַז עפּעס דערזאָגט ער ניט. זיינע גרויס־מוטנע אייגעלעך באַטראַכטן זי, בעת־מעשה, מיט אַ מיאוס קוקעלע. ניט זעלטן האָט זי חשק אים צו געבן דערפאַר אַ גאָב, נאָר זי איז פון אים אַזוי אָנגעצויגן אויפן האָפענונגס־שטריקל, אַז זי פאַרשווייגט די עוולה.

איין מאָל האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און אים אַ פרעג געטאָן:

— מר. מילסטאָן, ביז ווי לאַנג וועל איך פאָרט דאַרפן וואַרטן אויף אַן ״אָודישן״? (אַ הערונג).

— אַך, מיס ״בי״ — רופט ער זי אַמעריקאַניש־פאַמיליאַר ביים ערשטן אות פון איר נאָמען. — ס׳איז ניט אַזוי איינפאַך, ווי איר מיינט.

טאַלאַנט און אויסזען זיינען נאָך ניט גענוג אין אַט דער פּראָפעסיע, איבערהויפּט די ערשטע צייט...

— איז וואָס־זשע אַזוינס דאַרף מען טאָן, מר. מילסטאָן? — פרעגט זי איר בעל־טובה מיט נייגער.

דער אַגענט גלעט זיך פּאַמעלעך דעם הוילן שאַרבן און מאַכט אגב־אורחאדיק:

— מ׳דאַרף, מיס ״בי״, זיין גרייט אויף אַלץ.

— וואָס הייסט ביי אייך ״אַלץ״? — פאַרשטייט ניט דאָס מיידל וווהין ער צילעוועט.

— אַך, מיס ״בי״ — זוכט מילסטאָן דאָס פּאַסיקע וואָרט. — דער אימפּרעסאַריאָ דערוואַרט פון אייך, נו, ווי זאָל איך עס אייך דערקלערן? — פאַרקנייטשט ער זאָרגעוודיק דעם שטערן — אַ ביסעלע מער פריינדלעכקייט... צוגעלאָזנקייט... — און דער דורכגעטריבענער יונג האָפט, אַז אין יענעמס זכות וועט ער אויך עפּעס געניסן...

אויף בתיהס איידעלן פּנים איז אויסגעגאָסן איין גרויסער פרעגצייכן.

— מאַכט זיך ניט אַזוי נאַיִוו, מיס ״בי״! — פאַרלירט שוין דער אַגענט זיין געלאַסנקייט. — ווי מיינט איר האָבן אַנדערע אַקטריסעס אָנגעהויבן זייערע קאַריערעס? — און ער רעכנט אויס אַ צאָל באַקאַנטע נעמען. — ווי מיינט איר האָבן זיי זיך אויפגעפירט, ווי נאָנעס?

— ווי וואַגט איר אַזוי צו רעדן צו מיר? — צינדט זי זיך אָן מיט אַ העליש פייער. און הגם זי האָט שוין געהערט, אין אירע יונגע טעג, ערגערע רייד און רמזים, פילט זי מיט אַלע רמ״ח־אברים, אַז ניט צוליב אַזאַ צוועק איז זי דורכגעגאַנגען דעם נאַצישן גיהנום, אַז איר אָפּגעראַטעוועט לעבן איז זי מחייב צו עפּעס העכערס און שענערס, ווי צו ווערן, חלילה, דעם דירעקטאָרס אַ...

און ניט אומקוקנדיק זיך אויפן סוביעקט, לאָזט זי זיך האַסטיק צו דער טיר...

פון אַ בריוו

...דו ביסט געווען ביי מיין געבורט אָבער דו וועסט ניט זיין ביי מיין פאַרגיין. עס איז געקומען אַזוי אומגעריכט! טייל דאָקטוירים האַלטן,

כידוע אַז דער "אמת" איז דער בעסטער ליגן, און אפשר האָט זיך עס ביי אים אַרויסגעבאַפּט אומוויליק. איין איינציק וואָרט, און ס'האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג! ס'איז אַריינגעדרונגען אין געמיט, אין דער פסיכיק, אין דעם גאַנצן געביין מיט אַ כּוח, וואָס האָט ראַפּטום פאַרטריבן אַלע אַנדערע געדאַנקען, האָט אויסגעלאָשן אַלע האָפענונגען, הבטחות און אַמביציעס.

הגם איך בין שוין אַליין אַ טאַטע, פירט מיך דער געדאַנק צוריק צום אָנהייב און איך זע זיך אַלס קינד — דער בן־זקונים אין דער משפחה: נאָכגעגעבן, אַ ביסל צעבאַלעוועט און קאַפּריזנע. אַ סך הענט, היימישע און פרעמדע, האָבן ליב געהאַט צו אַריינלאָזן זייערע פינגער אין מיין בלאָנד, געלאָקט קעפּל, און מער פון אַלעמען האָסטו עס געטאָן! איך קען ניט פאַרגעסן מיט וואָס פאַר אַ נאָסטאַלגיע דו האָסט מיך פאַרוויגט אין די אָוונטן צום שלאָף. איך האָב זיך לאַנג ניט געלאָזט איינשלעפערן, ווייל כ'האָב געוואָלט זאָלסט לענגער בלייבן מיט מיר...

און איין מאָל, געדענק איך, האָב איך אומוויליק דיר פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש. איך בין, נעמלעך, אין אַ טאָג, אַראָפּ פון די טרעפּ פונעם פערטן שטאָק פון אונדזער וווינונג — מיר איז דעמאָלט געווען ניט מער ווי אַ יאָר פינף, און איך האָב "אַוועקשפּאַצירט" ערגעץ אין די "מרחקים". מ'האָט זיך אַוודאי גיך געכאַפּט און מ'האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיך זוכן. עס האָט מיך געזוכט די גאַנצע פאַמיליע, אָבער געפונען האָסטו מיך אַ פאַרוויינטן, אַ פאַרשטויבטן, אַן אומגליקלעכן.

האָסטו מיר אויסגעווישט די טרערן, אויסגעגלעטט אויף מיר די מלבושים, מיך געטרייסט און באַרויִקט. און פאַרן שטרענגן טאַטן צוגעשטעלט אַ באַריכט, אַז כ'האָב זיך פאַרשפּילט מיטן קליינוואַרג אָט דאָ טאַקע, ניט ווייט פון אונדזער גאַס.

ביי מיין חתונה ביסטו שוין ניט געווען! ביסט גאָר יונג אַוועק אינעם ווייטן לאַנד. דיינע ערשטע בריוו זיינען געווען אויסגעפּילט מיט בענקשאַפט און היימווי. דו האָסט זיך געקלאָגט, אַז דו הערסט מיך וויינען אין די נעכט און דו זעסט אין דער פינצטער די קליינע הענטעלעך זיך ציִען צו דיר.

אָט די פּאָר מאָגערע זכרונות האָבן גראָד איצט אויפגעטויכט אין מיר. איך קוק אינעם שפּיגל און זע פאַר זיך אַן אַלטן מאַן, אַ זקן

פון פופציק יאָר! מיט געצייילטע גרויע האָר אויף די שלייפן, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, און איך דערקען זיך ניט! איך ווייס ניט דעם צוועק פון מיין לעבן און דעם זין פון מיין פאַרשווינדן. די צייט איז גרייט מיך אָפּצושוימען פונעם לעבנסטאָג און פאַרווישן מיין געדרעבעניש.

צו גאַסט ביי פריינד

1.

״וואָס גרויסע שפּייען טוען קליינע קייען״. מעג עס זיך זיין אַן אומעסטעטיש גלייכווערטל, אָבער אַ גלייכווערטל בלייבט עס!...

דער זעקס יאָריקער דעני גאָלדין האָט זיך ליב צו שפּילן אין ״דאָקטאָריע״. ער הערט אָפּט ווי זיין פאָטער, אַ האַרץ־ספּעציאַליסט, שמועסט מיט סטודענטן־געסט ביי אים אין הויז, וועלכע שטודירן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט, וועגן דעם קאָמפּליצירטן געבוי פונעם מענטשלעכן האַרץ, און ער פאַרענדיקט כּמעט שטענדיק מיט אַ הלצהלע און אַ גראַם: ״ביי טהי וויי־האַו איז יור האַרט טודעי?״ (אגב, ווי איז אייער האַרץ, היינט?).

דער קליינער דעני האָט צווישן זיין שפּילצייג אַ כּלומרשן סטעטאָסקאָפּ, וואָס ער טראָגט אַריינגעשטעקט אין זיינע אויערלעך בעת ער ״עקזאַמינירט״ זיינע חברימלעך דאָס האַרץ, און ווען זיי לאָזן זיך ניט, טוט ער עס צו זיין שוועסטערל לאָטיס ליאַלקעס.

לאָטיס געבוירן־טאָג איז אויסגעפאַלן אַ זונטיק. ס׳איז געקומען באַגריסן און זיך פרייען מיט איר אַ היפּש ביסל קליינוואַרג, דאָס רוב מיידעלעך, אייניקע אַפילו מיט זייערע מאַמעס.

יעדער פון די קינדער האָט געבראַכט, ווי ס׳פּירט זיך, אַ מתּנה פאַר דער ״העלדין פון טאָג״.

דעני איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרריסן קעפּל צווישן דעם קינדערישן עולם און האָט באַטראַכט ״זיינע פּאַציענטן״. ער איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ער קאָן זיי פרעגן זיין טאַטנס באַקאַנטע פראַגע. טייל האָבן עפּעס געענטפערט און אַנדערע האָבן בלויז געלאַכט.

איין מיידל האָט זיך בשום־אופן ניט געלאָזן אַריינציען אין שפּיל. זי

האָט זיך קוים צוגערירט צו די נאַשערייען אויפן טיש. זי איז געווען פון עפּעס פאַרקלערט און אויפגערעגט. דעני איז שטיין געבליבן לעבן איר, אַ ווייל געקוקט אויף איר און האָט עפנטלעך אַרויסגעגעבן זיין דיאַגנאָזע: „עמילי איז היינט קראַנק אויפן האַרץ״!

דאָס קינד האָט זיך באַליידיקט און איז אַוועק אין אויפנעמזאַל זיך צו באַקלאָגן פאַר איר מוטער, וועלכע האָט דעמאָלט גראָד גערעדט מיטן דאָקטאָרס פרוי. ד״ר גאָלדין, וואָס איז דערביי געווען, האָט אַריינגערופן זיין ייִנגל צו האָבן מיט אים אַ „פאָטער־און זון״־שמועס:

— ווייסטו, מיין זון, אַז דו האָסט איבערגעשראָקן אונדזער גאַסט, עמילי?

— איך האָב זי ניט געוואָלט איבערשרעקן, דעדי, אָבער אַז אַלע קינדער עסן פון די אַלע גוטע זאַכן, און אַלע זיינען פריילעך און זי ניט, וואָס וואָלסטו געזאָגט, דעדי, אַז זי איז געזונט?

ד״ר גאָלדין האָט דין געשמייכלט און האָט געענטפערט מיט אַ געמאַכטן געבייזער:

— ווער מיר נאָר ניט קיין דאָקטער פאַר דער צייט, האָסטו מיך געהערט? גיי שפּילן זיך מיט אַנדערע שפּילן און לאָז די „דאָקטאָריע״ צו רו!

ער האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דאָס צימער, ווען זיין בליק איז צופעליק געפאַלן אויף עמילי און ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט איר. ער האָט זי אַריינגערופן צו זיך אין זיין קאַבינעט. זי איז געוואָרן אַ ביסל צעטראָגן, אויב טאַקע ניט דערשראָקן, ער האָט איר געוויזן פאַרשיידענע טשיקאַווע זאַכעלעך, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זיין צימער, און בעת־מעשה זיך צוגעהערט צו איר פּולס און ענדלעך געזאָגט צו איר:

— עמילי, די קינדער וועלן ניט וויסן ווו דו ביסט אַהינגעקומען! גיי צו זיי און פאַרברענג גוט.

דאָס מיידעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אירע חברטעס און שנעל פאַרגעסן אירע זאָרגן.

ד״ר גאָלדין איז צוגעגאַנגען צו זיין פרוי און געזאָגט: „דו קענסט זיך לאַכן וויפל דו ווילסט... ס׳איז אַוודאי אַ צופאַל... נאָר דער קליינער איז גערעכט! מיט עמילי איז עפּעס ניט אין אָרדענונג. וועסט דאַרפן געפינען

אַ וועג, ווי־עס־איז צו דערקלערן איר מוטער, אַז כ׳וואָלט געוואָלט זען איר טעבטערל אויף אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג״.

און מער האָט ער ניט געזאָגט קיין איינציק וואָרט.

* * *

.2

אינעם קליינעם רעזאָרט האָט זיך די פרוי ״עקס״ שטאַרק אָנגעזען. (צווישן אונדז גערעדט וואָלט זי אומעטום אַרויסגערופן נייגעריקע בליקן). אירע האָר, געפאַרבטע אויף פלאַטין־בלאָנד, האָבן דערגרייכט צו דער טיפער דעקאָלטע פון איר קאָלירפול קלייד. אויך איר גאַנג איז געווען אויף אַ שטייגער, וואָס איז ווייט פון צניעות.

מענער און נאָך מער פרויען האָבן אי געזוכט איר קאָנטשאַפט, אי זיך אַ ביסל געשראָקן פאַר איר. זי האָט דווקא געשמייכלט צו אַלעמען, אָבער מיט אַ שמייכל , וואָס האָט, דאַכט זיך, געזאָגט: ״איך בין איך, און איר ווייסט פון דעסטוועגן אייער אָרט!״

האָט זיך, איין מאָל, באַוויזן אַ נייער גאַסט אינעם רעזאָרט פון איר שניט און פאַרנעם, נאָר מיט אַ שמץ מער העזה און נייגער און ביידע האָבן זיך גענומען, צו אַלעמענס איבערראַשונג, שטאַרק חברן.

ווען די פרוי ״עקס״ איז, איין מאָל, אַרויס אויף דער וועראַנדע אין אַ שפּאָגל־נייעם פוטערל, (אמת, ס׳איז דעמאָלט געווען סוף אויגוסט און טאַקע אַ ביסל קיל) האָט איר נייע פריינדין פאַרפירט מיט איר אַ שמועס בזה הלשון:

— ווי איך זע, האָט איר זיך באַצייטנס באַזאָרגט קעגן דעם בייזן ווינטער.

— יאָ, אויב מען וויל קאָן מען עס אַזוי זאָגן. — האָט יענע געענטפערט פול באַדייטנדיק.

— און אויב מען וויל, קאָן מען עס אויך אַנדערש זאָגן — האָט די צווייטע זי געצויגן פאַר דער צונג — אַז ס׳איז אַ מתנה צו אייער געבוירן־טאָג פון אייערס אַ קינד, אַ משפחה־גליד צי גאָר אפשר פון אַ... — האָט זי ניט פאַרענדיקט — יאָ, יאָ, אַוודאי געוויס! — האָט די פרוי ״עקס״ אַזש אַ פליעסק געטאָן באַרימעריש מיט די הענט.

— איר זייט שוין באַלד אויף אַ וועג.

— גייט שוין, גייט! ווו איז דאָ פאַראַן אַזעלכער (האָט זי זיך

אומגעקוקט אין אַלע זייטן) וואָס זאָל וועלן אויסברענגען אַזוי פיל?

— געווען און ניטאָ מער. — איז די פרוי "עקס" געווען איין גרויסער סוד.

— ווי אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן? — האָט די נייע פריינדין געוואָלט וויסן. — אַ יעדע זאַך מוז דאָך האָבן אַן אָנהייב, ניט אמת?

אָנשטאָט זיך צו באַליידיקן אויף יענערס צודרינגלעכקייט, האָט זיך די מרס. "עקס" געגרויסט מיט איר דערפאָלג: — ער האָט געזאָגט צו מיר

— איר ווילט זיך אפשר דורכפאָרן אין מיין נייעם אויטאָ?

— נו וואָס האָט איר געענטפערט? — איז יענע געווען פול מיט דערוואַרטונג.

— אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט עפּעס אַנדערש צו טאָן, בין איך איינגעגאַנגען דערויף.

— נו, — האָט די פריינדין ניט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון איר

— וווהין זייט איר געפאָרן? דאָ הי קאָן מען אויסגיין פון לאַנגווייל!

— איז זי איר געקומען צו הילף.

— אין אַ קאַפע אַזאַ...

— ווו דען אַנדערש, מיין גאָט? און ער האָט אייך דאָרטן טראַקטירט מיט אַ פּאָר "קאָקטיילס"!

— אַ פּאָר "קאָקטיילס"! איך האָב בלויז געהאַט איינעם! האָט די פריינדין ניט אָפּגעלאָזן — מסתּמא האָט ער אייך צוגערעדט צו מער!

— יאָ, איר האָט ווידער געטראָפן — איז די פרוי "עקס" געווען אַנטציקט פון יענערס טרעפלעכקייט — און פון דאָרטן האָט איר זיך אַוודאי געלאָזט אין שטאָט אַריין.

— אַזוי ווי מיר זיינען געווען ניט ווייט פון שטאָט, האָט ער עס טאַקע אַזוי געטאָן.

— ער האָט אייך אַוודאי פאַרבעטן אין זיין אַפּאַרטמענט?

— אַזוי ווי עס איז ניט געווען קיין אַנדער זאַך צו טאָן, בין איך געגאַנגען.

— ער ווינט זיכער זייער באַקוועם, מען קאָן זאָגן אַפילו לוקסוסדיק?

— יאָ, מען קאָן אַזוי זאָגן.

— איז וואָס האָט איר דאָרטן געטאָן? — האָט זיך ביי דער פריינדין צעפלאַמט דאָס פּנים.

— גאָרניט!

— וואָס הייסט גאָרניט? ווי קאָן זיין גאָרניט? — איז זי אַזש ברוגז געוואָרן.

— ער האָט געעפנט אַ שאַפע מיט פוטערנע מאַנטלען און האָט געזאָגט...

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט זי יענע איבערגעשלאָגן מיט אומגעדולד.

— אָט אַזוי־אָ פשוט? און דאָס האָט איר דערנאָך געטאָן? — האָט זיך ביי דער פריינדין באַוויזן פון אויפרעגונג אַ שוים אויף די ליפּן.

— דערנאָך? אַזוי — ווי די אַרבל פון פוטער זיינען געווען צו לאַנג — האָט די פרוי "עקס" געענטפערט, גראָד זייער געלאַסן — האָב איך זיי געלאָזן קירצן.

אין אַ ווינטערדיקן טאָג

ס'איז אָנגעגאַנגען אַ כּסדרדיקער געפּעכט צווישן די גאַסן־ראָמערס מיט זייער ביטערן שונא — דעם שניי. ס'האָט זיך געדאַכט, אָט לייטערט זיך אויס דער כּמורנער אויסשפּרייט איבער די הויך־שטאָקיקע מויערן און די זון וועט זיך ענדלעך באַווייזן. נאָר באַלד האָט זיך דער שניי אויף ס'ניי צעשאָטן מיט פאַרשטאַרקטער רוגזה איבער דער גרויסער שטאָט און אַלע היימלעכע אילוזיעס זיינען צערונען...

אָפּגעזען פון די נאָכאַנאַנדיקע שוועריקייטן האָט דער גאַסן־פאַרקער ניט פאַרמינערט זיין אימפּעט. בלויז דאָס רויטע ליכט פונעם הענגענדיקן סיגנאַל־לאַמטערן איז בכּוח געווען אים צו צוימען. און אַפילו דעמאָלט האָט זיך דער פוסגייער געלאָזט אויף גאַטס באַראַט, האַלטנדיק די אויגן מיט פאַרזיכט אין אַלע זייטן, ער זאָל זיך, חלילה, ניט אויסגליטשן אויפן אייזיקן מיטנוועג, אָדער די פיר־רעדלדיקע מחבלים זאָלן זיך פּלוצעם ניט אַראָפּרייסן אויף אים, בעת דאָס ליכט בייט זיך...

אויף אַ ראָג איז געשטאַנען אַ יונגער־מאַן אין אַן אָרעמלעכן איבערציער און זיך אַפּאַטיש געריבן די הענט. זיין מאָגער געשטאַלט האָט ניט סוגערירט קיין פריילעכע מחשבות. ער האָט געקאָנט זיין אַ

נויטבאַדערפטיקער סטודענט, צי סתּם איינער פון דער מחנה אַרבעטלאָזע. דאָס הונגעריק־אויסגעצויגן פּנים, די אומעטיק־פאַרנעפּלטע בליקן האָבן געשטאַרקט אָט די השערה.

מיט אַ מאָל האָט דער יונג דערפילט אַ צי ביים מאַנטל ביי דער סאַמע קעשענע. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און דערזען פאַר זיך אַ זיבן־אַכט יאָריק יאַטל, איינגעוויקלט פון קאָפּ ביז די פיסלעך אין איין שטיק פאַרביק־וואָלענעם שנייקאָסטיום, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעליכטיקט צוויי העל־בלויע שטיפערישע קוקערס. זיי האָבן באַטראַכט דעם פרעמדן מיט אַזוי פיל צוטרוי, אַז ס'איז יענעם אַזש וואַרעם געוואָרן אין אַלע גלידער.

"פּליז, מיסטער, טייק מי אַקראָס טהי סטריט!" (ביטע, נעמט מיך אַריבער די גאַס!) — און ער האָט אים אַריינגערוקט אַ בינטל קילע פינגערלעך אין זיין גרויסער האַנט.

דער יונגער־מאַן האָט פאָטערלעך־זאָרגעוודיק אַריבערגעפירט דאָס קינד אויף דער צווייטער זייט גאַס, און האָט אַוועקגעשפאַנט מיט נייער ענערגיע, מיט פרישן מוט און גלויבן אין זיך. .

פאַן קאָלסקי און דער ייִד

פאַן קאָלסקי איז אַראָפּגעקומען אויף זיין גוט אין פריען פרילינג. דער שנייִ האָט ערשט געגומען לאָזן. שטיקער קריעס האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבערן גרוי־שוימיקן טייך און די לופט איז געווען טערפּקע, שאַרף, ווי די שווערד, וואָס ער האָט אָפּט ליב געהאַט צו טראָגן אויפן צעכוואַליענדיקן בויך...

ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. אין רחבותדיקן זאַל מיט די שפּיגל־פענצטער זיינען געווען צונויפגעקליבן געסט — פּריצים פון די אַרומיקע און ווייטע דערפער, הויכע רעגירונג־באַאַמטע מיט זייערע פרויען און צווישן זיי — די פּאַננאַ זאָפיאַ, אַ פּוכקע, קיילעכדיקע, אַ געוויקסיקע, מיט גראָזיק־גרינע, לאַכנדיקע אויגן.

די געסט זיינען ערשט פאַרטיק געוואָרן מיט אַן אומגעוויינלעכן מאָלצייט פון פּישן, פליישן און סאַלאַטן, וואָס דער דערפינדערישער

הויפּטקוכער האָט ספּעציעל צוגעגרייט, פּאַרטרונקען די געשמאַקע מאכלים מיט טשיקאַווע אויסלענדישע ווײַנען און ליקערן, און זיינען גרייט געווען אויפצונעמען דעם לעצטן אײנפאַל פון זייער ליבנסווירדיקן באַלעבאָס.

פאַר די דריי טעג, וואָס זיינע געסט פאַרברענגען אין זיין פּיל־צימערדיקער לוקסוריעזער היים, האָט ער זיי פאַרווײַלט מיט די געקליבנסטע שפּילערס, טענצערס און קונצן־מאַכערס, וועלכע האָבן אַרויסגערופן באַגײַסטערונג און אַפילו התפּעלות, און היינט, אין טאָג פון שיידונג, האָט זיך איב געוואָלט ווײַזן פאַר די פּאַנאָוויע אַזוינס, אַז זיי זאָלן אים האָבן לאַנג צו געדענקען.

פאַננאַ זאָפיאַ איז צוגעקומען נאָענט צום פּריץ און אים עפּעס אַרײַנגעפּליסטערט אין אויער. ער האָט אויפגעלויכטן! ער האָט געשיקט רופן דעם קרעטשמער און צו אים אַראָפּגעשריען פון איינעם פון די געעפנטע שפּיגל־פענצטער:

— הער צו, ייִד, שווים אַריבער דעם טייך אַהין און צוריק אָן אָפּשטעל, און דו קריגסט די קרעטשמע מיט אַלץ מיט אַן אַנדער פאַר אַ געשאַנק — האָט ער גרויסמוטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. און געטראַכט האָט ער, אַז דער ייִד וועט אומקומען אין אייז־קאַלטע וואַסערן שווימענדיק אַהין, אָדער ער וועט אַראָפּזינקען אין די טיפענישן אויף זיין צוריקקער. וועט ער האָבן דערפון אַ טאָפּלטן געווינס — אי זיינע געסט וועלן געניסן פון אַ שאַרפער איבערלעבונג, אי ס׳וועט אים גאָרניט קאָסטן...

דער עולם איז געווען דאַנקבאַר דעם ווירט פאַר אַזאַ אומגעוויינלעכן ספּעקטאַקל. ער האָט שוין באַצייטנס דערפילט אַן אָנגענעם פרעסטל איבערן רוקן, און די פּאַניענקעס האָבן אַזש פון תענוג און אימאַגינענער קעלט זיך געטוליעט צו זייערע מענער און אומגעדולדיק געוואַרט...

דער קרעטשמער האָט זיי לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן. געוווינט צו פּריצישע קאַפּריזן און שמד־שטיקלעך, האָט ער געוווּסט, אַז פון אָפּזאָגן דעם פּאַן קאָלסקי, בפרט אין די אויגן פון זיינע געסט, קען קיין רייד ניט זיין, און די מעגלעכקייט פּטור צו ווערן פונעם דלות האָט אים אַוודאי געלאָקט. האָט ער, ניט טראַכטנדיק לאַנג, זיך אַ וואָרף געטאָן אין די בגדים אין די מוטנע אייזיקע וואַסערן פון טייך אויף גאָטס באַראָט, און גענומען לייגן קלאַפּטער מיט זיינע שווערע אָרעמס. די פּאַנאָוויע זיינען

געשטאַנען ביי די פאַרמאַכטע פענצטער באַרוישטע פון די אויסטערלישע משקאות און נאָך מער פון ייִדנס בריהשקייט. זיי האָבן געזען ווי ער מיידט אויס שטיקער קריעס, ווי פלוצעם ווערט זיין שווימען אָפּהענטיק, גלייך זיינע גלידער וואָלטן שטייף געוואָרן און אָט־אָט וועט ער זינקען. נאָר באַלד רייסט זיך שוין ווידער זיין קאָפּ אַרויף אין דער הויך, ווי ער וואָלט געזוכט אַ וועג פאַר זיך. ער דערגרייכט ענדלעך דעם קעגנאיבערדיקן ברעג און לויט דעם פריצס ווונטש לאָזט ער זיך גלייך אויף צוריק. טייל געסט טראָגן די בינאָקלען צו די אויגן און פאַרגייען זיך אין אַ געלעכטער. די כוואַליעס האָבן אַראָפּגעשווענקט דעם קרעטשמערס היטל און צוגעקלעפּט די טונקעלע האָר צום שטערן ביז אַריבער די וויעס און ער דערמאָנט זיי איצט אין אַ גלאַנציקן ים־לייב, נאָר מיט מער באָרד און וואָנצעס.

דער ייִד ראַנגלט זיך נאָך לאַנג מיט די צעבוואַליעטע וואַסערן, און ווען ער איז שוין אַ קורצע שטרעקע פון זיין ציל, ווערט ער נעלם מיט אַ מאָל אויף גוטע עטלעכע רעגס. אויפגערעגטע בליקן קוקן זיך איבער און ביי דער פּאַננאַ זאָפּיאַ גיט זיך אַפילו עפּעס אַ ריר, ״אפשר פאָרט ניט געדאַרפט אָפּטאָן אַזאַ שפּאַס״ — נאָר ביים אַלטן קאָלסקי טויכט אויף אַ געהיימנישפולער שמייכל אין די ווינקלען פון מויל. ער פאַרשווינדט אָבער ווייער גיך, מחמת דער ייִד באַווייזט זיך אויפסניי אויף דער אויבערפלאַך, און מיט אַ פּאָר צענדליק פיר פון די אָפּגעשוואַכטע הענט גרייכט ער לסוף דעם ברעג און בלייבט ליגן אַן אויסג/נשעפּטער ווי אַן אַמפיבישע באַשעפעניש האַלב אויף דער טריקעניש, האַלב אין וואַסער...

די געסט טרעטן אָפּ פון פענצטער, זיי האָבן זייערס געזען און ווייטער אינטערעסירט זיי ניט. זיי פאַרציען איצט אַ גערייד וועגן שווימען, געיעגן און אַנדערע ספּאָרטן. בלויז דער פּאַן קאָלסקי נעמט ניט קיין אָנטייל. ער קוקט אויפן אומבאַוועגלעכן ייִדן אונטן און עס טליעט אין אים אַ שוואַכע האָפענונג, נאָר זי לעשט זיך גיך אויס. דער קרעטשמער הויבט זיך פּאַמעלעך אויף און שוועטר־אָטעמדיק לאָזט ער זיך אַהיים. ער טרייסלט זיך פון קעלט, עס קלאַפּן אים אַ צאָן אין אַ צאָן, פון די בגדים לויפן שנירלעך וואַסער און פאַרהאַלטן אים די טריט. ווען ער באַווייזט זיך אויף דער שוועל, לויפן אים דאָס ווייב און די קינדערלעך אַנטקעגן. אין איין אויגנבליק ווערט פאַר זיי קלאָר וואָס עס איז געשען. זיי נעמען

אים אויסטאָן די דורכגעווייקטע מלבושים, לייגן אים אַריין אין וואַרעם בעט, פּאָיען אים מיט טיי פונעם קאָכעדיקן סאַמאָוואַר און טרעטן ניט אָפּ פון אים.

אין עטלעכע טעג אַרום טרעפט דער פּריץ דעם קרעטשמער טאַקע ביים ברעג טייך, און ער קען זיך ניט אָפּוווּנדערן ווי געזונט און קרעפטיק ער קוקט אויס.

— ווו האָסטו, זשידעק, גענומען כּוח פאַר אַזאַ קאַלטער באָד?

— פונעם אַלמעכטיקן, וויעלמאָזשני פּאַן, פונעם אַלמעכטיקן, און פון דיין גרויסמוטיקן צוואָג — גיט גלייך צו דער ייִד מיט אַ קלוגן פינקל אין די שוואַרצע אויגן.

— אַזוי־אָ? — האַקט אָפּ פּאַן קאָלסקי און שפּאַנט אַוועק מיט פאַרטראַכטע טריט.

דאָס פאַרשעמטע בוך

די געסט האָבן שנעל איבערגענומען די העגעמאָניע איבערן הויז. פונעם אָפּט־געשטעלטן כּיבוד זיינען גיך געבליבן קרישקעלעך געבעקס, טרויבן־קערלעך, שאָלן פון ניס. אין די ניט־דערטרונקענע גלעזער טיי האָבן זיך אָפּגעזעצט, אין איינעם מיט די שטיקלעך צעווייקטער לימענע, אַש און אָפּשניצלעך פון סיגאַרעטן, סיגאַרן. די לופט איז פול געווען מיט רויך און — רייד. מ׳האָט זיך איינער דעם צווייטן אויסדערציילט פון אונטערן נאָגל — פון זייערע פּרנסות און טואונגען, פון זייערע זין און טעכטער, פון די חכמות פון זייערע אייניקלעך.

ס׳איז געווען איינע פון יענע מסיבות לטובת־הכּלל, ווען מען קאָן ניט זיין איבערגעקלייבעריש מיט מענטשן. דער מכניס־אורח האָט זיך אומגעדרייט, ווי אַ פּאַרלאָרענער, גלייך ער וואָלט דאָ געווען דער גאַסט. ער האָט זיך שטום איבערגעקוקט מיט זיין פאַרהאַוועטער פרוי און האָט געטשאַטעוועט אויף אַ גינסטיקער מינוט איבערצורייסן דעם ביזן האַלדז דערעסענעם שמועס.

— רבותי, אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, מ׳זאָל זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש? — האָט ער ניט אויסגעהאַלטן. — איך האָב באַקומען אַ נײַ בוך, איר הערט, רבותי...

איייניקע האָבן ממש אויפגעלויכטן. זיי האָבן גלייך צוגעשטימט.

— טאַקע, טאַקע! — האָט זיך אָפּגערופן איינער, ווי ער וואָלט געווען דער שליח־ציבור. — ווי לאַנג דאַרף מען עס באַלאַקען? ס'איז שוין צייט מען זאָל עפּעס טאָן!

דער באַלעבאָס האָט אַ דערפּרייטער אָוועקגעאיילט צום ספרים־שאַנק. ער האָט אַרויסגענומען מיט גרויס פּיעטעט דאָס נייע בוך, וואָס ער האָט שוין געהאַט איבערגעלייענט און געוואָלט אַצינד מהנה זיין זיינע געסט, נאָר ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, איז די מסיבה געווען פֿאַרטאָן אין קאָרטנשפּיל, און קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. אומזיסט האָט ער געהויבן דאָס בוך, כּדי צו כאַפּן עמעצנס בליק. און ווען אַ בר־נש האָט יאָ אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו אים, האָט ער אים באַטראַכט מיט גרויס חידוש און זיך ווידער פֿאַרטיפֿט אינעם שפּיל.

יענער איז אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ ווײַלע־צווייַ און האָט זיך אומגעקערט מיט אבל־טריט אין ביבליאָטעק־צימער און קריקגעשטעלט דאָס פֿאַרשעמטע בוך...

אין אַ נאַכטקלוב

דער נאַכטקלוב איז אָנגעפּראָפּט מיט געסט. דאָס שוואַכע ליכט אויף די טישלעך מאַכט שאַרפער די אַרומיקע פינצטערניש, אין חלל שפּירט זיך אַ הויך פון דערוואַרטונג, פון איבערראַשונג. צו יעדער רגע קאָן אויפטרעטן די טרופּע, וואָס האָט אַ שם אין שטאָט מיט איר עקזאָטישקייט.

דערווייל האָלט דער עולם ביים פאַרענדיקן דעם מאָלצייט, סערווירט בצמצום און שטאַרק פּאַמעלעך, אַזוי, אַז די אָפּגעקילטע מאכלים זיינען ניט באַזונדערס אַפּעטיטלעך, הגם די פּרייזן זיינען הויכע...

דער טוריסט פון דרום־אַמעריקע, וואָס האָט אין יענע מקומות אַ גרויסע טעקסטיל־פֿאַבריק, האָט שטאַרק געלויבט פאַר זיין מיטגעבראַכטן פריינד "אָנקל סעמס" מדינה. נאָר מיט יעדן ווייטערדיקן ביסן האָט זיך זיין שטימונג געביטן צום ערגערן. ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי ער זאָל מבטל מאַכן דעם היגן קלימאַט, וואָס צוליב אים איז ער אַהער געקומען,

ווי אויך מינימיזירן די היגע קונסט און די לערן־אַנשטאַלטן און אַפילו באַשולדיקן די שטאַטאַטעס אין ייִדן־פּיינטשאַפּט...

זיין יונגע פרוי איז, קאַנטיק, געווען אומצופרידן מיט זיינע אויספירן און געפּרוווט אַ פּאָר מאָל פּאַרקערעווען דעם שמועס אויף אַנדערע רעלסן, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט און האָט זי איבערגעהאַקט אין מיטן: "זיי נאָר ניט קיין מליץ־יושר פאַר זיי, מיין שיינער מלאך!"

פּלוצעם האָבן זיך אַרום דער סטעליע אַ צינד געטאָן פילפאַרביקע ליכטער און אויף דער בינע האָבן זיך באַוויזן זינגערס און טענצערס פון ביידע געשלעכטער, זיי האָבן זיך מיט אַ רעש און געפילדער אַוועקגעטאָגן איבער שמאָלע פּלאַטפאָרמעס, וואָס האָבן, ווי אַ גאַרטל, אַרומגענומען דעם זאַל.

ביים טוריסט האָט זיך גענומען לייטערן דאָס געמיט.

ער האָט ניט געוווסט ווהין פריער צו ווענדן זיינע בליקן. זיין פרוי האָט באַמערקט דעם איבערבייט, און זי האָט מיט אַן עוקץ אייפערזוכט, געמישט מיט לייכטן סאַרקאַזם, אַ פרעג געטאָן: — נו, זאָג מיר, מיין מאַן, האָסטו זיך גערדאַרפט אויפרעגן?

— דו ביסט אויך ניט שטענדיק קיין מלאך! — האָט דער מאַן שוין געענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. זי האָט אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און אים ליבלעך אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין:

— צוערשט האָסטו מיר אונטער די פליגל, און דערנאָך ווילסטו איך זאָל זיין אַ מלאך!

דער צלם

אַלבערט פעלדן האָבן די עלטערן געבראַכט פון אַ קליין אוקראַאינער שטעטל, ווען ער איז קוים אַ יאָר געווען. עס האָט זיך גערדאַכט, אַז די היגע פאָלקשול און סביבה האָבן אויסגעמעקט אין אים יעדן זכר פון זיין פריער קינדהייט. ער האָט אויסגעזען, גערעדט און זיך געפירט ווי אַ הי־געבוירענער.

בלויז אין זעלטענע פאַלן האָט אויפגעוואַכט אין אים אומבאַוווסטזיניק דער ייִד. אַזאַ יוצא מן־הכלל איז געווען, בעת ער

איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קלויסטער מיטן צלם אויף דער טיר צי אין דער הייך. ער האָט דעמאָלט אַפילו איבערגעלאָזן זיינע מיטגייערס און האָט אַריבערגעאיילט אויף דער צווייטער זייט גאַס. אָדער ווען אים איז אויסגעקומען צו רעדן מיט איינעם, ביי וועמען ער האָט באַמערקט אויפן האַלדז אַ צלמל. מען האָט געקאָנט באַשיימפּערלעך זען ווי דער מענטש ליידט, ווי יסורימדיק עס קנייטש און פאַלדעוועט זיך זיין פּנים, ווי שטאַר זיינע אויגן בלאָנקען אום...

זיינע פריינד האָבן זיך געוווּנדערט און געוואָלט דערגיין די סיבה. אין מוח ביי אים האָט זיך פאַרשטעקט אַ געשעעניש, מיט וועלכער ער איז ניט זיכער געווען, צי ער האָט עס טאַקע אַליין אַ מאָל איבערגעלעבט, אָדער דערהערט אַלס קינד פיל מאָל דערציילן אין שטוב, דהיינו:

בעת אַ פּאָגראָם אין זיין געבוירן־שטעטל, האָט זיך אַן אונדזעריקער פאַרשטעלט פאַר אַ גוי און זיך געזעצט פאַר דער טיר מיטן אָפּבילד פון "אותו־איש" אין איין האַנט און מיט אַ צלם אין דער אַנדערער, האָפנדיק, אַז ער וועט אויף אַזאַ אופן אָפּראַטעווען אַ פולע שטוב מיט ייִדן...

מען האָט אָבער לסוף אויפגעדעקט דעם "שווינדל", און דער פאַרשטעלטער ייִד איז געווען דער ערשטער קרבן, מ'האָט אים אומגעבראַכט און אַ צאָל אַנדערע מיט גרויס רציחה. און די געציילטע, וועלכע מ'האָט געלאָזט לעבן, האָבן אויף די קני געמוזט קושן פיל מאָל דעם צלם...

ביי דער מצבה

אַכט זיינען זיי געשטאַנען ביי דער אויפשריפט, וואָס איז געווען אויסגעקריצט, לויטן לעצטן איינפיר אויפן בית עלמין — אין דער נידער, אויף אַ פלאַכן שטיין, האַרט ביי דער ערד. מ'האָט זי באַערדיקט ביי דער זייט פון איר מאַן, וואָס איז נפטר געוואָרן מיט יאָרן פריער. דאָס איז געווען זיין און איר פאַרלאַנג...

איין טאָכטער האָט געפועלט ביי אירע אַראָפּטירטע זין, צוויי "סאַמאָראָדנע" שקצימלעך, צו קומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דער באָבען, וועלכע האָט זיך מיט זיי לאַנג געניאַנטשעט, ווען מען האָט זיי געבראַכט אַלס עופעלעך אין שטוב אַריין.

די צווייטע טאָכטער, פון דערבייזיקן שטעטל, האָט ניט געקענט מטריח זיין אירע בני־בית. זיי האָבן גראָד געהאַט יענעם טאָג עפּעס אַ שמחה ביים שכנס יינגל, אַ שילער פון דער זעלביקער מיטלשול, ווו זיי לערנען. דערפאַר האָט זייער פאָטער, דאָס הייסט, דער פאַרשטאָרבענערס איידעם, צוגעגרייט געדרוקטע בלעטלעך אויף ענגליש מיט אַ תוכן, וואָס עס ווערט געוויינלעך גענוצט ביי אַזאַ געלעגנהייט. ער האָט אומקלאָר און וואָכעדיק אָפּגעאיילט די "תּפילות", מחמת ער האָט נאָך היינט גערדאַרפט באַזאָרגן אַנדערע טואונגען אויך, און ער איז שנעל ניט געוואָרן.

און פּלוצעם איז געשען אַן אומגעהערטע געשעעניש. ס'האָט זיך ראַפּטום "אויפגעכאַפּט" פון זיין קבר דער שוין באַלד פאַרגעסענער מאַן און טאַטע אין זיין גאַנצער זעקס־פוסיקער הייך און גרייס און צענומען ביידע אָרעמס פול מיט טענות און רוגזה: "אַזוי־אַ צאָלט איר אָפּ אייער מאַמען פאַר איר לאַניאָריקער טריישאַפט און ליבע צו אייך?..."

איינער פון די אבלים האָט אים גלייך און אויפן אָרט געדאַנקלעך געענטפערט: "ס'טייטש ר' תּדרוס, — פאַרדאַן, כ'מיין טעאָדאָר! פון וואַנען זאָל זיך נעמען אין מיטן דערינען ביי אייערע טעכטער און זייער גלייכן איינזעעניש פאַר דער אַלטער מוטער און פאַר איר אָפּשטאַם? איר האָט דאָך אַלע יאָרן, ווי איך געדענק, געלאַכט פון דער יידישער הדרכה, ווי אַן אומפאַסיקער און אומנייטיקער איינפיר אין דער היגער סביבה..."

די טאָכטער פונעם שטעטל האָט צוגעגרייט אַ קאַדאַק און זי האָט אָפּפאָטאָגראַפירט די געבליבענע פון דער משפחה. היות ווי ס'איז שוין געווען מיטאָגצייט, זיינען די אבלים אַריין אין די אויטאָס און פאַרפאָרן אין אַ רעסטאָראַן זיך אונטערצולענען דאָס האַרץ...

דער אָפּרוף איז ניט געקומען

די צוויי פרויען זיינען אומגעגאַנגען פאַרטראַכט איבער די אויסגעטראָטענע סטעזשקעס און וועגעלעך פון וועלדל און — געשוויגן. דער טאָג איז געווען אַ זוניק־לויטערער, אַ דורכזיכטיק־קילער — ווי עס גיט זיך אַ מאָל איין אין סעפּטעמבער אין מיטל־מערב. ביי אַ צאָל ביימער האָבן זיך די בלעטער גענומען פּריצייטיק געלן, רויטלען, קנייטשן.

ביי אַנדערע — לחלוטין פאַרלאָזן די צעשפרייט־צעשראָקענע צווייגן...

איבערן וועלדל האָט געהויערט אַן אומבאַגרייפלעכע מנוחה, ווי אויף אַ... שיעור געזאָגט, בית־עלמין. סטייעס פייגל האָבן זיך פון ערגעץ אָנגעטראָגן און דורכגעשניטן די ברייט פון הימל מיט הילכיקע רופן און געשרייען, און ווידער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַן אומבאַוועגלעכע שטילקייט וואָס האָט געוועקט אומעט, בענקשאַפט און זכרונות...

די צוויי פרויען האָבן אָפּט צוגעטראָגן טיכלעך צו די אויגן. זייער צערודערט געמיט האָט געזוכט אויפצוכאַפּן עפּעס אַ קאָנטאַקט מיטן פאַרשטאָרבענעם, וועמעס אַש זיי האָבן צעזייט, מיט אַ שטיקל צייט צוריק, טאַקע אויף דעם אָרט און — ניט געקענט... זיי האָבן אויף דאָס ניי איבערגעלעבט יענע פאַטאַלע מינוטן, ווען דער באַליבטער מאַן און ברודער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. הגם ער האָט געגלייבט אין השארת־הנפש, האָט ער געהייסן קרעמירן זיין גוף, וואָרן די ערד — האָט ער געטענהט, — איז געגעבן געוואָרן פאַרן מענטשן, ניט פאַר די ווערים... און נאָך אין אַ זאַך איז ער געווען שטאַרק פאַרגלייבט, נעמלעך — אַז מיט דער געהעריקער כוונה און ווילן קאָן מען קומען אין באַריר מיטן נפטרס גייסט...

די פרויען האָבן זיך ווייטער געמיט. יעדע האָט פאַר זיך אויסגעפליסטערט זיין נאָמען ווי אַ כישוף־שפּרוך, אפשר וועט ער זיך אָפּרופן און וועט זיי געבן אַ סימן, אַ רמז. און ווען זייער טרחה איז געווען אומזיסט, האָט די יונגע פרוי געזאָגט:

— לאָמיר זיך דאָ צושפּאַרן אויף דער באַנק, איך בין מיד און אויסגעשעפּט! — די שוועסטער האָט גלייך איינגעשטימט. זי האָט גערעדט צו דער שווגערין און נאָך אפשר מער צו דער שטילקייט אַרום:

— מיינסטו ניט, אַז דיין צווייטע הייראַט האָט עפּעס צו טאָן דערמיט?...

— האָסט דאָך ניט דערוואַרט כ׳זאָל בלייבן אַן אַלמנה דאָס גאַנצע לעבן!

— ניין! — האָט יענע פאַרזיכטיק געענטפערט. — דו האָסט אָבער ניט געדאַרפט צוזאָגן און נאָך געבן אַ שבועה, אַז דו וועסט מער ניט...

— ווען האָב איך עס געטאָן? — האָט די יונגע פרוי זי איבערגעשלאָגן. זי האָט זיך עס בשום־אופן ניט געקענט דערמאָנען.

— ווען? איכ'ל דיר זאָגן פּינקטלעך ווען. בעת ער איז געלעגן אַ טויט־קראַנקער אין שפּיטאָל! — יענע האָט געהאַלטן געבויגן דעם קאָפּ אין טרויער. זי האָט נאָך אַלץ ליב געהאַט איר מאַן און געבענקט נאָך אים. ווען זי וואָלט בעסער אַנגעטראָפן מיטן צווייטן זיווג, וואָלט אפשר אַנדערש געווען... מיט אַ מאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זאָג נאָר, למאי קענסטו ניט אָנבינדן אַ נאָנטקייט מיט אים?

— איך ווייס ניט! איך הייב ניט אָן צו וויסן!...

— איך וועל דיר זאָגן! — האָט די יונגע פרוי אויסגערופן מיט נצחון, וואָס איז געווען געמישט מיט פריידן: — ווייל אויך דו האָסט ניט געהאַלטן קיין וואָרט! איך געדענק ווי ביי זיין לוויה האָסטו עפּנטלעך אויסגעדריקט אַ ווונטש, אַז מען זאָל אויך דיך קרעמירן, ווען דיין צייט וועט קומען. דו האָסט עס צוגעזאָגט פון זיין כבוד וועגן... אָבער אין דיין צוואה האָסטו אַריינגעשריבן...

— האָב איך אַזוי געטאָן? — האָט די שוועסטער זיך געוווּנדערט.

— יאָ, מיין טייערע, דערמאָן זיך!...

דער בין־השמשות האָט זיך אומבאַמערקט אַראָפּגעלאָזן, שאַרפער געמאַכט די שטילקייט, און האָט איינגעהילט מיט דינע, זיידענע פליגל, דאָס וועלדל און די צוויי איינזאַמע פרויען אויף דער באַנק...

דער כוח פון אַ נאָמען

דער קליינינקער סעם פינטשיק האָט זיך געפילט געהויבן, וואָס ער טראָגט דעם זעלביקן נאָמען וואָס דער באַרימטער חזן. און ווען מ'האָט אים געפרעגט, צי ער איז יענעמס אַ קרוב, האָט ער געזאָגט דעם אמת, אַז ניט. נאָר די עצם פראַגע האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. און ער האָט מיט התלהבות דערציילט, ווי ער האָט אַ סך מאָל געהערט דעם עמוד־קינסטלער, און אַז ער האָט אַפילו זיינע פּלאַטן אין הויז.

היות ווי זיין אַפּאַרטמענט האָט זיך געפונען אין סאַמע פּאַרנט פונעם גרויסן בנין, האָט זיך זיין נאָמען אויף דער טיר געוואָרפן אין

די אויגן. און מענטשן, פֿאַרבײַגײענדיק האָבן אָפּט אַ שמייכל געטאָן מיט הנאה, ווי אַ שמץ פֿון יענעמס נגינה וואָלט אויפֿגעוואַכט אין זייער זכרון. פינטשיק פֿלעגט שבת און בעת אַ ייִדישן יום־טוב אָנשטעלן די פּלאַטן פֿון זײַן באַליבטן חזן, און די ניגונים פֿלעגן זיך אָװעקטראָגן איבער אַלע פֿיר שטאָק, אַרײַנדרינגענדיק אין שטיבער און דערמאָנען אַפֿילו דערװײַטערטע און אָפּגעפֿרעמדטע ייִדן, אַז ניט געװײנטלעכע טעג דערנענטערן זיך אָדער זײַנען שוין טאַקע געקומען.

פּסח האָט פּינטשיק געהאַט בײַם סדר די גאַנצע משפּחה: — די דרײַ זין, שוין הױ־געבױרענע, די שניר און די אײניקלעך, אָנגעפֿלױגענע פֿון אַלע עקן לאַנד. ער פֿלעגט בײַ אַ געלעגנהײט פֿאָרשטעלן זײַנע בני־בית פֿאַר די שכנים מיט גרױס רחבות און שטאָלץ און טאַקע מיט די פֿולע טיטלען:

— דאָקטאָר סעמועל פּינטשיק, אינזשיניער דײװױד פּינטשיק, אַרכיטעקט דזשאָזעף פּינטשיק. און הגם ער איז געװען שטאַרק שטאָלץ אױף דעם, װאָס ער און זײַן פֿרױ, ציענדיק זײער חיונה אַ לעבן־לאַנג פֿון אַ בידנער שפּײַזקראָם, האָבן דאָך באַװיזן צו געבן די קינדער אַ העכערע בילדונג און זײ שטעלן אױף אַ זיכערן מעמד, האָט אים נאָך מער געפֿרײט, װאָס זײַנע גרעסטענע זין טראָגן זײַן נאָמען!...

מען קען אָבער ניט זאָגן, אַז די זין האָבן געטײלט דעם פֿאָטערס געפֿילן. זײ האָבן, בעת דער באַקאַנטשאַפֿט, געקוקט אױף די עלטערע לײַט מיט אַ מטושטשן בליק, װאָס דער טײַטש דערפֿון האָט געקאָנט זײַן:

— דער נאָמען איז זיך טאַקע דעם טאַטנס, אָבער נתפּעל װערן פֿון אים איז ניטאָ װאָס...

ערב לעצטן פּסח האָט זיך דער קלײנינקער פּינטשיק דערשפּירט פּלוצעם זײער אָפּגעשװאַכט. מען האָט אים אַװעקגענומען אין אײלעניש אין שפּיטאָל. די ערשטע באַריכטן פֿון דאָרטן זײַנען גראָד געװען האָפֿנונגספֿולע, אָבער אױף מאָרגן האָט זיך זײַן לאַגע פֿאַרערגערט. די מוטער האָט טעלעפֿאָניש אַרױסגערופֿן די זין, און ביז זײ זײַנען אָנגעקומען

— איז שוין געװען אױס מיט פּינטשיקן...

נאָך קבורה זײַנען די קינדער געבליבן מיט דער מאַמען אַ פּאָר טעג און שפּעטער צוריקגעפֿלױגן צו זײערע הײמען. די אַלמנה איז אָפּגעזעסן שבעה און זיך גענומען צו ביסלעך צופּאַסן צו די נײַע אומשטענדן. מ׳האָט זי אָפּט געזען זיך װיגן אין איר מאַנס שטול אױפֿן באַלקאָן

פאַרטאָן אין מחשבות. זי האָט ניט געהאַט קיין טענות צום אויבערשטן. זי האָט זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז זי האָט אָפּגעלעבט מיט איר מאַן אַ שווער אָבער האַרמאָניש און פרידלעך לעבן, דערצויגן גוטע קינדער און דערלעבט נחת פון אייניקלעך...

אָבער איין זאַך האָט איר שטאַרק געקרענקט און אַפילו באַליידיקט — דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז זייי האָבן געביטן דעם פאַמיליע־נאָמען אויף אַ מער אַמעריקאַניש־קלינגענדיקן, נעמלעך — פּיקאַרד. זיי האָבן עס שוין פון לאַנג געטראַכט צו טאָן, האָבן זיי איר געשריבן, נאָר כּל־זמן דער פאָטער האָט געלעבט און זיי האָבן געזען ווי ער יחוסט זיך מיטן נאָמען, האָבן זיי אים ניט געוואָלט מצער־זיין...

מיט פינטשיקס פטירה — איז אויך געשטאָרבן זיין נאָמען...

דער אַרענדאַר

אלקנה, דער אַרענדאַר, האָט געפירט, אַ דאַנק השי״ת, אַ ברייטע באַלעבאַטישקייט: געהאַט עטלעכע מעלקנדיקע קי, קעלבלעך, סוסים. אין גרויסן הויף האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געטראָגן אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער פון כּלערליי עופות: הינער, גענדז, קאַטשקעס. אין דער הויך האָבן אומגעקרייזט טויבן אין די צענדליגער, אין די הונדערטער.

חנהלע, די אַרענדאַרשע, אַ זשוואַווע ווייבעלע, מיט פלינקע באַוועגונגען, האָט זיך ניט געקענט ספּראַווען מיטן טאָג אַרבעט. געשמייעט פון קיך אין הויף, פון שטאַל אין שייער. אומעטום האָט געוואַרט אויף איר עפּעס אַ טואונג און אין דער האַוועניש האָט חנהלע געוואָלט פאַרגעסן דעם צער, וואָס האָט איר ניט אויפגעהערט צו נאָגן, אַז די גאַנצע האָרעוואַניע, דער גאַנצער דאָברע־מזל וועט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט, אין בעסטן פאַל — צו ווייטע קרובים, מחמת דער אַלמעכטיקער האָט אין איר פאַרגעסן און האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט.

אויך אלקנהן זיינען באַפאַלן פון צייט־צו־צייט אַזוינע און ענלעכע מחשבות. ער פלעגט ניט איין מאָל בלייבן שטיין אין רחבותדיקן הויף, אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ פעך־שוואַרצער באָרד און אויגן,

און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אויפכאַפּן אַ פאַרטראָגענעם ניגון־התורה, וואָס אַ זון אָדער אַן איידעם פון אַ ישובניק האָט געלאָזן פון זיך הערן. ער וואָלט דעמאָלט צעטיילט העלפט פון זיין פאַרמעגן, ער וואָלט אַ שטיק פון זיין לעבן, דאַכט זיך, אַוועקגעגעבן, ווען זיין חנהלע וואָלט אים מזכּה געווען מיט אַ בן־זכר. פון דעסטוועגן האָט זיך דער אַרענדאַר ניט אונטערגעגעבן דער עצבות און ניט אויפגעהערט האָפן, אַז עפּעס אַ נס וועט געשען...

ביי אלקנהן איז געווען אַן איינפיר, אַז יעדן ערב שבת אָדער ערב יום־טוב, האָבן זיך צו אים אין הויף צונויפגעקלעבן ייִדן אָרעמע־לייט, ייִדן מדינה־גייערס פון דער סביבה, פון מרחקים, און ווען ער האָט דערשנאַפּט צווישן עולם אַ מער איידעלן, אַ מער פאַרשטענדיקן, האָט ער אים פאַרבעטן צו זיך און אים שטאַרק מקרב געווען.

איין מאָל איז ער זיך מיט אַזאַ ייִדן פאַרזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. חנהלע זוגתו איז שוין פון לאַנג אַוועק שלאָפן, האָט ער דעם פרעמדן אַנטפּלעקט זיין געדריקט געמיט, און ווען זיי האָבן זיך צעשיידט, האָט מען געקאָנט מערקן ביי אלקנהן אויפגיין אַ סודותדיקן שמייכל צווישן די גדיכטע וואָנצעס און דער פעך־שוואַרצער באָרד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער אַרענדאַר צוגעפאָרן צו דעם נאָענטן שטעטל, ווו ס'האָט זיך געפונען אַ באַקאַנטע ישיבה, און צווישן אים און דעם ראש־ישיבה, ר' צדוקן, איז פאָרגעקומען אָט דער שמועס:

— רבי, זייט מיר מוחל, וואָס איך בין אייך מטריח, — האָט ער אָנגעהויבן ניט דרייסט, — איך בין אַ פּראָסטער ייִד, אַן אַרענדאַר. אויף חיונה, ברוך השם, פעלט מיר ניט. אדרבא, איך האָב אַלץ בהרחבה, נאָר...

— האָסט אַוודאי אַ טאָכטער אויסצוגעבן — איז ר' צדוקן גוט באַקאַנט דאָס לשון פון ישובניקס, ווען זיי קומען זוכן אַן איידעם צווישן זיינע בחורים.

— ניין, רבי, איך האָב ניט קיין טאָכטער, מיין ווייב איז אַן עקרה.

— נו, קיין בעל מופת בין איך ניט.

— ניין, רבי, ניט דאָס בין איך אויסן. איך וואָלט געוואָלט איינעם פון אייערע בחורים צו מיר אויפן ישוב, — שטאַמלט דער אַרענדאַר, — ס'וועט אים, חלילה, גאָרניט פעלן. מיין אשה וועט אים אָפּהיטן ווי

דאָס אויג פון קאָפּ; אַ פריש גלעזל מילך פון אונטער דער קו, אַ טעלער געקעכץ, אַ גאַנצער בגד, אַבי —

— אַבי וואָס ? — קוקט אויף אים דער ראש־ישיבה מיט נייגעריקייט.

— אַבי ער זאָל זיצן ביי מיר, ווי מ׳זאָגט, על התורה ועל העבודה,

— און ווען ער זעט אַ נאָכגעביקן שמייכל ביי רב צדוקן, גיט ער צו — עס איז ביי מיר אַ גרויס הויז, רבי, כ׳וועל אים אָפּגעבן אַ חדר־מיוחד און לאָם איך אויך זוכה זיין צום קול־התורה...

— מהיכא־תיתי, — מאַכט דער ראש־ישיבה און שטעלט זיך אויף, אַ סימן — דער עסק איז געשלאָסן.

דער אַרענדאַר האָט זיך אומגעקערט אַהיים ניט אַליין. ביי זיין זייט, אויף דער בריטשקע, האָט זיך געשאָקלט אַ דאַר, אויסגעצערט, האַלב־דערשראָקן בחורל, מיטן ערשטן שפּראָץ אויפן בלייכן פּנים, און פאַרחידושט געקוקט אויף גאָטס גרויסער וועלט.

איין מאָל ווען אַ נייגעריקער שכן האָט אָפּגעשטעלט דעם פאַרהאַוועטן אלקנהן און זיך גענומען נאָכפרעגן און וווּנדערן אויפן בחורל, וועלבער איז דעמאָלט גראָד אומגעגאַנגען אַ פאַרמוחטער איבערן גרויסן הויף, האָט דער אַרענדאַר, ניט וועלנדיק זיך אַריינלאָזן אין ווייטע דרכים מיט אַ פרעמדן, זיך אָנגענומען פאַר דער באָרד און מיט אַ שעלמישן פינקל אין די שוואַרצע אויגן, געענטפערט:

— אָט, ס׳דרייען זיך ביי מיר אַרום אין הויף עופות, קי, קעלבלעך, זאָל ער זיך אויך אַרומדרייען... ס׳איז דאָ ב״ה, פאַר אַלעמען...

חסידישע מיניאַטורן

1. ליובאַוויטש

ליובאַוויטש נעמט שנעל איבער די מעטאָדן אַפילו פון קעגנער. די מעטאָדן — אָבער ניט חלילה דעם תוכן. אַ ״פאַרברענגען״ אין דער עיר־הבירה טראָגט אַן אַנדער כאַראַקטער, ווען אומעטום ברענט די עלעקטריע, צינדט מען ניט, כּידוע, קיין קעראָסין־לאָמפּ... און אויב אויסערלעכע עפעקטן פאַנגען דעם בליק, פאַרשטייען זיך אויף זיי די חסידים ניט ערגער ווי אַנדערע.

דער זאַל איז גרויס, רחבותדיק און שיין דעקאָרירט. איבער די טישן פאַר אַכט הייבן זיך וואָזעס מיט פאַרביקע קווייטן. בעת דער גומען געניסט פון די געשמאַקע מאכלים און פאָטראַוועס, האָט דאָס אויג הנאה פונעם של כריזאַנטעמעס, מאַרגאַריטקעס און רויזן. די קאַפּעליע האָט אַלע שפּיל־כּלים, ווי ביי לייטן, נאָר שפּילן שפּילט זי ניגונים, וועלכע זיינען ליב דעם ייִדישן אויער און נאָענט צום ייִדישן געמיט. דער סדר אין זאַל איז אויך, ווי ביי לייטן, אָבער מיט אַ שמץ מער דרך־ארץ פאַרן הויפּטטיש, ווו תּורה און חכמה הויזן ביינאַנד בשלווה. די גדולי־הדור ענטפערן ניט, ווי עס טרעפט ערגעץ אַנדערש, מיט גאווה און פאַרריסנקייט, נאָר אַדרבא, מיט אַ פאָלקסטימלעכער פריינדלעכקייט. והא ראיה: ווען עס צעפלאַקערט זיך, למשל, אַ ריקודל, רייסט זיך אַריין די שורה נכבדים אין דעם ראָד מיט אַזאַ ברען און התלהבות, אַז עס פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם. און מער ווי אַלע טוט עס דער יושב ראש, דער סאַמע רוח־החיים פון דער גאַנצער מסיבה.

אויך די דרשות האַלטן די חסידים תּוכיקע און קערנדיקע, מיט אַ וואָרט־אוצר, וואָס קאָן ביישטיין אין דער העכסטער געזעלשאַפט. נאָר אין איין וויכטיקן פּרט גלייכן זיי זיך אויס מיט זייערע אומפריינד דהיינו — מיט אויסמיידן בפרהסיא דאָס ייִדישע לשון. זיי רעדן צו עמך, ווי יענע וואָלטן ערשט־אָט אַראָפּגעשטיגן פון דער "מעי פלאַוער", דאָס הייסט אויף ענגליש, אָן אַן אַריינמיש, חלילה, פון אַ ייִדישן וואָרט...

2. דער טאַנץ פון די נשים

ביי באַזונדערע טישן זיינען אויסגעזעצט די פרויען. ס'רוב יונגע, איידל־צאַרטע און איינגעהאַלטן־שטילע. לפי דער הלבשה, זעט מען, אַז זיי ראַנגלען זיך מיטן היינט, אייניקע דערלויבן זיך קירצערע אַרבל, אַ שמץ דעקאָלטע, הויכלעכע אָפּזאַצן. איבעריקנס, קומט די צייט אַליין צו הילף דער פרומער וועלט: בערד און פאות באַצירן היינט מאַנצבילישע פּנימער און פרויענקעפּ טראָגן היינט סיי ווי סיי די מאָדערנסטע שייטלען...

נאָכן מענער־ריקוד טוען זיך אַ שטעל אויף, ווי אָפּגערעדט, די נשים. זיי גייען צו שטיל, אומדרייסט און אַ קאַפּעלע פאַרשעמט צו דער מיט פון זאַל און פאָרמירן אַ קרייז מיט געשלאָסענע הענט און

נעמען זיך באַוועגן צום טאַקט פון די פּייקלער און פלייטן. צו ערשט פּאַמעלעך, געצווימט און צניעותדיק, און וואָס ווייטער אין טאַנץ אַלץ האַסטיקער, רירעוודיקער, דאָך פאָרט מיט אַ מאָס און מיט אַ גרענעץ... דער איינדרוק איז אָפּט, ווען מען פאַרמאַכט די אויגן, אַז דאָס טאַנצן אונדזערע חומשדיקע אמהות ביים פּיטערן די שאָף, צי ביי אַן אָפּרו אין פעלד בעתן שניידן די תבואה.

3. ״יעדער ייִד אַ שליח־ציבור״

ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ חסיד און דווקא פון אָט דעם גזע? איז די מעשה אַזוי: ער אַליין וווינט אין אַ שטעטל אין אילינאָי. איז איין מאָל אַראָפּגעקומען אַהין אַ מגיד פון שיקאַגאָ. האָט דער מגיד געדרשנט דאָרטן אין שול, לאמר, אַזוי צו זאָגן: יעדער ייִד דאַרף זיך באַטראַכטן פאַר אַ שליח־ציבור, דאָס הייסט, אַז ער טראָגט אַן אחריות פאַרן יחיד און פאַרן כלל. ווען ער טרעפט אָן אַ ייִדן אַן אָפּגעפרעמדטן פון ייִדישקייט, דאַרף ער אים מקרב זיין צו יהדות; און יהדות מיינט ביי אים : אהבת־ישראל און אהבת־הבריות. האָט דער פאַרטייטש גאָר שטאַרק נושא־חן געווען ביי אים און ער האָט מגדל געווען זיינע קינדער אין אָט דער הדרכה...

אויף דער עלטער — ער איז שוין אַ ייִד אַ בן־שבעים — איז אים אָפּגעשטאָרבן זיין אשת־חיל. איז ער געבליבן אַליין, וואָרן די אויסגעגעבענע זין און טעכטער לעבן בכל התפוצות פון ״אָנקל סעם״ נאָר ניט אין זיין שטעטל. איז אין שטוב ביי אים, לא עליכם, אומעטיק און מראַטשנע, ווי זיין פאָטער ע״ה פלעגט זאָגן. האָט ער אַדאָפּטירט פון אַ יתומים־הויז אַ ייִנגעלע. איז אים אָנגעקומען מיט קריעת ים־סוף דאָס ייִנגעלע, מחמת די לייט דאָרטן האָבן געוואָלט וויסן; ווי באַלד ער איז אַן אַלמן, ווער זשע וועט זיך אָפּגעבן מיטן קינד? — בקיצור, ס׳האָט גענומען אַ יאָר צייט מיט אַ מיטוואָך און דאָס ״גוט זאָגן״ פון אַ צאָל נכבדים, וועלכע קאָנען אים, אַז ער קאָן באַשטיין פאַר צווייען, דאָס הייסט, זיין אי אַ טאַטע אי אַ מאַמע. דאָס ייִנגעלע איז אים טייער געוואָרן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. עס דאַרף ווערן היי־יאָר בר־מצווה, האָט ער אים געבראַכט אַהער, זאָל ער זיך איינזאַפּן דאָ מיטן גייסט פון

חסידות. ער איילט זיך אַצינד אַוועקצוגיין, וואָרן ער איז אַ נאַכט־שומר אין אַ האָטעל, ניט מחמת נויט, חלילה, נאָר מחמת אַ מענטש, כּל זמן די פיס טראָגן אים נאָך, דאַרף ער עפּעס טאָן...

4. דאָס קליינע חסידל

ווי לאַנג דער "טאַטע" איז געווען אין זאַל, איז מנחם מענדעלע געזעסן לעבן אים, געקוקט מיט גרויס אָפּשיי אויף אים, אויף די חסידים אַרום. און ווען יענער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ריקוד, איז ער אויך ניט אָפּגעשטאַנען. ס'איז געווען אַ ביסל מאָדנע און משונהדיק צו זען ווי צווישן באַיאָרנטע ייִדן פּלאָנטערט זיך אום אַן איינציק ייִנגלע, הייבט די מידע פּיסלעך און פּליעסקעט מיט די הענט.

ווען דער "טאַטע" איז אָבער אַוועק צו דער אַרבעט, האָט ער זיך דערפילט פאַרלוירן, עלנט. ער האָט געפּרוווט זיך צוטוליען צו עמעצן, האָבן לייט אים באַטראַכט מיט מיטלייד און חידוש: "וואָס טוט דאָ אַ קליין ייִנגעלע אַזוי שפּעט?" ער האָט געוואָלט געבן צו פאַרשטיין וועגן זיין ספּעציעלער לאַגע, האָבן אים אָבער געפּעלט ווערטער. האָט ער זיך אומגעשליאָנדערט צווישן די טישן ביז... ביז זיין קינדערישער בליק איז געפאַלן אויף מיר, און מיר האָבן זיך צעשמועסט. אויף מיין פראַגע למאי ער גייט ניט אַהיים האָט ער מיר געוויזן דעם שליסל פון הויז, ווי אַ סימן, אַז די ברירה איז ביי אים, ער וועט גיין, ווען אַלע וועלן גיין.

— ווען קומט דער טאַטע פון דער אַרבעט?

— אַרום זעקס — ענטפערט דער קליינער. ווען דאָס ייִנגל קומט פון לערנען אַהיים, איז דער טאַטע אויסגערוט און דאָס געקעכץ איז אויפן טיש. אויף דער צווייטער פראַגע: "צי האָסטו חברים און ווען שפּילסטו זיך מיט זיי?" ענטפערט ער, ווי אַן אַלט ייִדעלע: ראשית, זיינען אַלע תּלמידים פון דער כּיתּה זיינע חברים, והשנית — איז שפּילן ניט קיין ענין פאַר אַ ישיבה־בחור. שפּילן איז אפשר גוט פאַר מיידלעך, צי להבדיל פאַר גוייִשקע קינדער. וואָס ער טוט און דער טאַטע אין אָוונט? דער אַלטער לייענט אַ בלאַט צייטונג און ער איז מעין אין דעם מאָרגנדיקן שיעור.

אין מיטן שמועס קומט אונטער איינער פון זיינע רביים, אַ יונגער־

מאַן מיט אַ בערדל און מיט אַ קאַפּעליוש: — "וואָס מאַכסטו מנחם־מענדעלע?" — פרעגט ער מיט אַ שמייכל. און דאָס ייִנגעלע ענטפערט ווידער ווי אַ גרויסער: "דאַנקען השם יתברך, רבי!" און ער לאָזט זיך צו דער טיר. מחמת דער עולם פאַרלאָזט שוין דעם זאַל...

ספרים אין אַלמער

אַז ספרים אין אַלמער רעדן זיך אָפּט דורך צווישן זיך איז אַוודאי ניט קיין חידוש. ס'איז אויך באַקאַנט, אַז אַ סך פון זיי האָבן אַ היפּש ביסל עגמת־נפש און אַ מאָל איז דער גורם אַ קלוג ווערטל, וואָס מען מיינט אַז ס'איז אַן אייגנס און מען געפינט עס ביים שכן. און ניט זעלטן פאַרביטערט דאָס געמיט אַ מחשבה, וועלכע אַ מחבר האָט אויסגעדריקט ערגעץ ווו אַ ביסל פריער און בעסער...

עס טרעפט זיך, אַז חיבורים נעמען זיך איבער מיט זייערע שיין באַצירטע טאָוועלעך קעגן די אָרעמלעך־איינפאַכע איינבונדן. אַנדערע רימען און גרויסן זיך מיט זייערע טרעפלעך צוגעפּאַסטע נעמען און טיטלען. און עס זיינען ווידער פאַראַן אַזוינע, וועלכע דערציילן פאַרן, צי נאָכן שערבלאַט, זייער גאַנצן יחוס, למשל, וויפל אַנשי־רוח האָבן זיי געלויבט און געאַכפּערט.

פונעם אַלמער דערגייען אויך שמועות, אַז פראָזעווערק הויזן ניט באַזונדערס וויל מיט קרובים פונעם זעלביקן זשאַנער, זיי איז גיכער ניחא די דיכטערישע קונסט, און די לעצטע זיינען ס'רוב מסכּים מיטן פּסק־דין. און ווען אַ בוך איז געבענטשט מיט ביידע מעלות פעלן אַוודאי ניט קיין צרות. איין צד שכנים מינימיזירט די קורץ געמאָסטענע שורהלעך און דער אַנדערער צד פאַרקערט איז פול מיט התלהבות דווקא פון די פּאָעטישע שאַפונגען און מאַכט צו קליינגעלט די בעלעטריסטישע אויפטוען.

פאַר וויסנשאַפטלעכע בענד האָט דער גאַנצער ספרים־שאַנק גרויס אָפּשיי, אָבער זיי, די בענד אַליין, זיינען צעטיילט צווישן זיך אויף כּיתות און שולן. ווען אַ חיבור טרעפט אָן זיינעם אַ רעיון, צי אַן ענלעכן צו אים ביי זיינעם אַ שכן, איז די באַגעגעניש ווי מיט אַ געמיינשאַפטלעכן

ידיד ביי אַ פריינדלעכער מסיבה. עס גייט דעמאָלט אַוועק אַ לאַנגער און פאַרטיפטער שמועס אויף וויפל זייערע רעיונות האָבן נאָענטע באַריר־פונקטן און ווו זיי צעגייען זיך און ניט אַלע מאָל ענדיקט זיך אַזאַ וויכּוח בכּי־טוב...

אונטערן דאַך פון לעקסיקאָן אָבער זאַמלט זיך איין די גאַנצע ספרים־משפּחה און ס׳קאָן זיך דעמאָלט דאַכטן אַז עס איז סוף־סוף געקומען די צייט פאַר רו און שלווה. נאָר ס׳איז ניט אַזוי: די קנאת־סופרים וואָס דאַרף לויטן פּסוק מערן חכמה, מערט גאָר דאָס רוב רשעות! מחמת דאָס אָרט, וואָס מען טיילט צו "ספרים־באַוווינער" אין יענער פאַרנעמיקער שריפט, איז ניט אַלעמען צום האַרצן, עס איז ניט לפי זייער כּבוד און ניט לפי זייער סטאַטוס. אויב אָבער די געליטענע זיינען שוין שוכני־עפר, איז דאָ אַ שוואַכע האָפענונג, אַז עמעצער זאָל זיך אָננעמען זייער קריוודע...

דער אומענדלעכער וויכּוח

אויפן ספרים־שאַנק האָבן זיך פאַרקליבן, אין אַ האָלצשניץ, צוויי לערנערס און פירן אַן אומענדלעכן וויכּוח. דער עלטערער, מיושבדיקער ישיבה־מאַן באַמיט זיך צו איבערצייגן דעם יינגערן, אַז ס׳איז אומזיסט די טירחה, דאָס זוכן, נישטערן, אַז אַלץ איז ווערטלאָז, ווי אַ צעבראָכן שערבל. ער דערמאָנט אים אין אַ תּלמודישער מימרא און אַז ס׳איז בכלל ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון און ווען אַפילו יאָ — בלייבט עס פאַרבאָרגן און פאַרהוילן פאַרן בן־אָדם, ווייל די מענטשלעכע השגה איז באַגרענעצט.

זיין צוהערער האַלט דעם קאָפּ אַ ביסל אַראָפּגעבויגן, די אויגן אָנגעשטעלט ערגעץ אויף אַ פּינטל — ס׳איז אים שווער צו באַנעמען אַזאַ מסקנא, ס׳איז אים קשה משיג צו זיין אַזאַ איינשטעל. זיין יונג געמיט איז פול מיט נייגער, מיט אייפער, מיט אימפּעט. ער קען ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אָט דאָ, אין די אייגענע ד׳ אמות, איז אַלץ געלייזט, אָפּגעשלאָסן, פאַרענדיקט. ער האַלט די שפּיצפינגער אויף די ליפּן, עס זאָל זיך ביי אים חס־וחלילה, ניט אַרויסכאַפּן אַן אומדרך־ארצדיקע באַמערקונג קעגן זיין עלטערן חבר.

דער ישיבה־מאַן לאָזט ניט אָפּ. ער פּאַכעט מיט דער יד ממש יענעם אין פּנים, און דאָס וואָס די צונג דערזאָגט ניט — פּרוּווט עס טאָן די האַנט: ער וויל אים נעמלעך פּאַרהיטן פון אומזיסטע יסורים. ער וויל אים פאַרשפּאָרן אומנייטיקע קאָפּ־דרייעניש און זאָרג. איז דען ניט געדעכט די תּורה ווען זי וואָרנט: — ״יוסיף דעת, יוסיף מכאוב?״

— אַ מענטש איז געבוירן זיך צו פּלאָגן — ענטפערט שטיל און באַשיידן דער יינגערער אויך מיט אַ תּורה־וואָרט.

דער עלטערער איז איבערגעבויגן העכער העלפט איבערן שטענדער. זיין עלנבויגן איז אַזש אָנגעשפּאַרט אויף דער גמרא, ער איז להוט צו דערוויזן דעם יינגערן ווי אמתדיק זיין רעיון איז. אויף זיינע ליפּן שוועבט אַרום אַ נצחון־שמייכעלע, וואָרן ״אני הגבר ראה עוני!״ עס גייט אים שוין ניט אַזוי אין העלפן יענעם, ווי אין דער אַמביציע צו בלייבן גערעכט...

דער יונגער לערנער שטרעקט זיינע פרייע פינגער פון דער צווייטער האַנט אויף צו דער גמרא. עס קאָן זיין אַז זיין עלטערער חבר איז אפשר גערעכט, אָבער ער וויל עס אַליין אויסגעפינען, אויף זיין אייגענעם שטייגער וואָרן: ״אין חכם כבעל הנסיון״.

דער ישיבה־מאַן איז איינגעשפּאַרט, יענער מוז פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען זאַכן ״וואָס שטייען אין די הויכן, אין די סאַמע שפּיצן פון דער וועלט״. צוריקגעשמועסט, זאָגט ער, איז ניט דאָס גריבלען זיך דער עיקר — נייערט דאָס טאָן די מענטשלעכע מעשים...

דער צוהערער האָט שטאַרק עגמת־נפש. ער פרעגט ממש מיט אַלע זיינע אברים: — למאי דאַרף איינס קליינשטעלן דאָס צווייטע?

ער נעמט אַוועק די פינגער פון די ליפּן און זאָגט: ״חכמים הזהרו בדבריכם!״... און דער וויכּוח האָט זיך נאָך דאָרטן ניט פאַרענדיקט!

״דער פידלער אויפן דאַך״

אַ שטענדיקער עדות פונעם ערשט דערמאָנטן וויכּוח איז אויפן ספרים־שאַנק ״דער פידלער אויפן דאַך״. דער איינפאַל פון צונויפפירן

שאַגאַלס אַ המצאה מיט שלום־ עליכמס טביה, אַפילו בלויז אין פּראָלאָג פון זיינע מעשיות, איז אַ גרויסער.

זיינען דען ניט זיינע געשיכטעס, איבערהויפּט זייער סוף, טראַגיש־גראָטעסקע? כאַפּט דען ניט דער אַלטיטשקער פידלער מיטן קאַרטוז איבערן שטערן און מיט די שוואַרצע שטיוועלעטן דעם אַנבליק פון טביהן דעם דאָרפס־יידן, כאָטש ער האָט קיין מאָל ניט געהאַלטן אַזאַ כלי אין דער האַנט? און ועל כולם צירט ניט טביה זיין צער אין חומשדיקע פּסוקים, וועלכע ער פאַרגרייזט אָפּט, און אַנדערע זאָגן בכיוון?...

דאָס לעצטע איז כדאי צו געדענקען, ווייל טביה האָט גרויס אָפּשיי פאַרן למדן. ער אַליין, איז אויך אַ בעלן צו הערן דברי־תורה, און צווישן איין זמר, דאָס הייסט, איין מאָנאָלאָג און אַ צווייטן, וואָס ער פירט, אויב ניט מיט זיין חבר, איז מיט זיך אַליין האַלט ער אָנגעשפּיצט דעם אויער צום וויכוח פון זיינע שכנים.

פרייטיק, ווען די הויזווירטין רוימט צו דאָס הויז, שטויבט אָפּ דעם ספרים־אַלמער און ווישט אַרום דעם האָלצשניץ מיטן פאַרצעלייענעם "פידלער אויפן דאַך", פאַרטשעפּעט זי ביודעים צי בלא יודעים זיין מעכאַניזם און ער צעשפּילט זיך מיט יידישלעך־האַרציקע ניגונים און דער וויכוח ביי די שכנים באַקומט, דאַכט זיך, אַ נייעם אימפּעט...

קהת

קיינער האָט ניט געוווסט פון וואַנען דער בר־נש האָט זיך גענומען. ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן שטעטל מיט אַ מינע, ווי ס'וואָלט געווען זיינע אַ נחלה, צי כאָטש אַ חלק אירער וואָלט געהערט צו אים. מען האָט אים אָפּט געזען טראָגן פּעק, וואַשן טרעפּ און דילן, אָבער קיין מאָל ניט בעטלען. דער חידוש איז געווען, וואָס ער האָט אַלץ געטאָן מיט אַ שמייכל און ניט אַרויסגעוויזן קיין מידקייט, ווי ער וואָלט געשעפּט כוחות פון אַן אינערלעכן קוואַל, וואָרן אויסערלעך איז ער געווען ווייט פון אַ גיבור. בלויז פון די גרויסע אויגן האָט אַרויסגעגלאַנצט אַן עקשנות, וואָס לאָזט זיך ניט בייגן...

ווען דער הונגער האָט אים אַ מאָל צו שטאַרק אַ דריק געטאָן,

האָט ער אָנגעקלאַפּט אין אַ ייִדישער טיר און זיך נאָכגעפרעגט אויף עפּעס אַ טועבץ. די פֿאַרהאַוועטע נשים פּלעגן אים וועלן אָפּפּטרן מיט שויע־טויע, אַ פּאָר פענעצלעך ברויט, אַ קאַרטאָפל. אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזן. זיין שמייכל האָט זיך דעמאָלט צעגאָסן אויף זיין ברייטן פּרצוף, און די שוואַרצאַפּלען האָבן באַטראַכט די געבערין מיט חוזק...

אַנדערש איז געווען ווען אין אַ שטוב האָבן זיך געפונען קינדער. ס׳קליינוואַרג האָט אים געקאָנט פון גאַס, געוווסט פון זיינע מעשׂהלעך, גלייכווערטלעך און לצנות, וועלכע ער האָט שטענדיק דערציילט מיט אַ גראַם. יאָ, די ווייסע־חברהניקעס האָבן אים שטאַרק גערן געהאַט, שייך זאָגן גערן. זיי האָבן אים אַרויסגעוויזן אַן אמתע אהבת־נפש, טאַקע ווי נאָר קינדער קאָנען עס טאָן...

האָט איין מאָל געטראָפן, אַז קהת האָט, על־פּי טעות, צי להכעיס, אַ קלונג געטאָן אין טיר ביי איינעם פון די שטעטלשע גבירים מיטן נאָמען ר׳ אלחנן וואַרגער, אַ ייִד ניט אַזוי אַ קאַרגער ווי אַ שטיקל כעסן, בעת ער האָט געהאַלטן ביים עסן אָנבייסן. דער משרת האָט אַן עפן געטאָן די טיר און, דערזעענדיק קהתן, האָט ער זי געוואָלט גלייך פֿאַרהאַקן, אָבער יענער איז געווען פלינקער, האָט ער זיך קונציק אַריינגעגליטשט און איז געבליבן שטיין אין אָפענעם אַריינגאַנג פון עסצימער.

רב אלחנן האָט אַ װענד געטאָן זיין שטרענגן בליק צוערש אויפן משרת און גלייך אויפן אומגעבעטענעם גאַסט, און ווען ניט דער אורח און די משפּחה־לייט וועלכע זיינען דאַן געזעסן ביים טיש, וואָלט ער ביידן אַרויסגעוואָרפן אויף צוויי שפּענדלעך... האָט ער באַהערשט זיין גרימצאָרן און האָט אַרויסגעקראָגן פון קעשענע אַ מטבע און זי אַריינגעשטופּט קהתן, ווייזנדיק אים די טיר.

— איך נעם ניט קיין נדבות! — האָט קהת געזאָגט מיט שטאָלץ.

— גיב אים עפּעס דאָרטן אין קיך! — האָט דער באַלעבאָס באַפוילן דעם משרת. פּלוצעם רופט זיך אָפּ דעם גבירס ייִנגסטע קינד, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זיבן מיטן לשון פון אַ דערוואַקסענעם: — קומט צום טיש, קהת!

— און ווערט רויט פֿאַר שרעק, ווי אַ בוראַק.

ר׳ אלחנן האָט דורכגענומען מיטן בליק זיין זונדל, אַ רמז, אַז מיט אים וועט ער זיך אָפּרעכענען שפּעטער און נאָך אַ מאָל באַטראַכט זיין אורח, ווי יענער אָבסערווירט גוטמוטיק דעם ״אַריינדרינגער״, משמעות,

אַז אויך אים איז באַקאַנט דער לץ. האָט זיך זיין אויפרעגונג גענומען שטילן, און ער האָט אַפילו אַ פרעג געטאָן, אמת, נאָך אַלץ מיט רוגזה:
— וואָס נעמסטו יאָ, קהת?
— גוט וואָרט, באַלעבאָס! — האָט ער געענטפערט צום גראָם. און האָט ווייטער ממשיך געווען: — וואָלט איך געווען אַ גביר, וואָלט געווען אָפן פאַר מיר יעדע טיר. און אַזוי ווי איך בין איך — שיקט מען מיך אין קיך!

ר׳ אלחננס בליק האָט זיך ווידער אַ גליטש געטאָן אין זייט פון אורח, און זעענדיק אים נאָך אַלץ אין גוטן מוט, האָט אַ ער טראַכט געטאָן: ״זאָל מיינס איבערגיין... דערווייל וועט מען זיך צוליבן לץ פאַרוויילן...״

און די אַטמאָספערע האָט זיך געביטן. ס׳האָט אַצינד ניט נאָר גערעדט דער באַלעבאָס אַליין, נייערט די בני־בית, דער אורח און אַוודאי קהת, און וואָס ס׳איז אַרויס פון זיין מויל — קלוג צי נאַריש — האָט געהאַט דעם זיבעטן חן. די געסט האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, געווען דאַנקפול די באַלעבאַטים פאַר אַזאַ פריילעכן צונויפקום, בקיצור, די צייט איז געפלויגן ווי ביים עופעלע דאָס זויגן, און ווען די מאַנסלייט האָבן געהאַלטן ביים פינפטן גלעזל, האָט שוין קהת גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און טאַקע אויף די שטעטלשע גבירים און אויף גבירים בכלל, למשל: ״קוים ווייזט זיך נאָר דער גביר אין שולטיר — רופט מען אים שוין צו מפטיר״, ״עס שטומען אַלע צינגער — ווען דער גביר האָט אין קעשענע די קלינגער״, ״און ווען קהת האָט זיך דעררעדט, אַז ״אָרעם, צי רייך זיינען פאַרן מלאך־המוות גלייך״. האָט אלחנן אויסגערופן: — ״גענוג!״ און האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואַנטזייגער, ס׳איז שוין געווען מנחה־צייט. די געסט האָבן זיך גענומען זעגענען, און קהת איז געווען דער ערשטער צו פאַרשווינדן.

אַ יינגעלע פון ישראל

דער פלאַץ פון ״הייליקן מאַרקאָ״ אין ווענעציע איז פאַרפלייצט מיט טויבן. די קליינע באַשעפענישן זיינען צוגעווינט צו מענטשן. זיי

גייען אום, וויגן זיך, ווי קליינע סיניאָריטאַס פּאַזע און ממש צווישן די טריט. זיי טראָגן זיך מיט אַ הילכיקן געפּלאַטער איבערן קאָפּ און וואָרקען מיט דער זיכערקייט, אַז קיינער וועט זיי קיין שלעכטס ניט טאָן. זיי זיינען די ליבלינגען, ווי אומעטום איבער דער וועלט, פונעם איינזאַמען, פונעם עלנטן, באַזונדערס אָבער פונעם קליינוואַרג...

טוריסטן מיט איינגעהאַנדלטע ניס און פיסטאַשקעס וואַרפן די יאָדרעס צו די קליינע פרעסערס, באַטראַכטן זיי אַ ווײַלע און ווערן איינציקע און גרופּנווייז פאַרשווונדן אין דעם אָפענעם טויער פון דער דערבייזיקער קאַטעדראַלע.

אַ יונגע פרוי פון ישראל מיט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס ביי דער האַנט ווייזט ניט אַרויס דעם מינדסטן נייגער צום אַרכיטעקטאָנישן וווּנדער קעגנאיבער און בלייבט אין דרויסן. דאָס קינד, וועמען זי רופט יאַקי, איז אין גאַנצן פאַרשלונגען פון די וואָרקענדיקע ברואימלעך. ער וואַרפט זיי די קערנער, לאַכט און חידושט זיך. און אָט טוט זיך פלוצעם אַ שטעל אויף זיין קאָפּ אַ טויב, אַ צווייטע אויף זיין אַקסל. דאָס ייִנגעלע ווערט דערשראָקן. ער טוט זיך ניט אַ ריר פון אָרט. איין ווינקל אויג איז ביי אים געווענדט אין אַ זייט, און באַלד רייסן זיך ביידע בליקן אַרויף צום היטעלע. זיין מויל איז האַלב אָפן און פאַרגאַפט... אַזאַ זאַך האָט מיט אים נאָך קיין מאָל ניט געטראָפן...

ווען די מוטער מיטן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט איילט אַראָפּ די אויסטערלישע סצענקע און רוקט זיך אויף אַ רגע אַוועק פון אים, גיט זיך יאַקי מיט אַ מאָל אַ כאַפּ, אַז זי פעלט אים, און ער טוט אַ פיר מיט שטאַרק אומרויִק-בלאָנדזשענדיקע אייגעלעך איבער דער פרעמדער וועלט, און ווען ער דערזעט זי ענדלעך, צעשמייכלט ער זיך אַ גליקלעכער: „אָט ווו דו ביסט געווען, אמא!"

וואָס וואָלסטו טאַקע געטאָן, יאַקי, ווען דו פאַרבלאָנדזשעסט?

— קוקט זי אויף אים מיט צערטלעכקייט און זאָרג — דו קענסט דאָך ניט רעדן איטאַליעניש, און די מענטשן דאָ, אַפילו די ייִדן, פאַרשטייען ניט קיין עברית?

דאָס ייִנגעלע פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע, און ווי ס'וואָלט עפּעס אומגעריכט אויפגעבליצט אין זיין קעפּל, טוט ער אַ זאָג:

— אָבער דער רב, אמא, דער רב קאָן דאָך אַוודאי רעדן עברית!

פּאַלמעס ביים ברעג ים

זייער זעלטן וועט מען געפינען אַן איינצלעם פּאַלמע־בוים שטיין אָפּגעזונדערט אין אַ זייט. ס׳רוב קומען זיי דאָ אין גרופּעס, ריכטיקער, אין משפּחות. נעמט, למשל, אָט די דריי אַנטקעגן. דער העכערער, דיקלעכער און אַ ביסעלע איינגעבויגענער איז, אָן ספק, דער פּאָטער. עטלעכע שפּאַן אַוועק פון אים האָט זיך איינגעוואָרצלט די מוטער. זי איז אַ סך נידעריקער, דינער און איידעלער. און צווישןביידן — הייבט זיך גלייך, ווי אַ סטרונע, מיידליש־חנעוודיק דאָס טעכטערל. איר גרינער קאָפּ איז צעשויבערט, אָבער זי מערקט עס אַפילו ניט. זי ציט זיך מיט אַלע כּוחות צום הימל. זי איז פאַרליבט אין זיין גאָלדיקער בלויקייט, אין זיינע מאָלערישע וואָלקנדלעך, אינעם גרויס־גרויסן געטלעכן אויג — די זון...!

רעכטס פון די דריי האָט זיך באַזעצט אַן אַנדער דריילינג. אויך דאָ האָבן טאַטע־מאַמע נחת. זייער בן־יחיד, אַ קרעפטיקער חברהניק, האָט זיך פאַרלאָזן אַ געדיכטע טשופּרינע, ער זאָל אויסזען אַ ביסל העכער. ווילן וואָלט זיך אים געוואָלט זיין אַזוי הויך כאָטש ווי דער טאַטע ביי זיין זייט, און אַפילו אַ קאָפּעלע העכער, וואָרעם דאָס פּאַלמע־מיידל דאָרט, אין מיטן, האָט שוין לאַנג געפּאַנגען זיין האַרץ. ער זעט זי זייטיק, אָבער ניט קלאָר און ניט אין פול...

צו מאָל קומט דער ווינט אים צוהילף און צעוויגט די פּאַלמעס אַזוי, אַז די יונגע בתולה אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אין איר גאַנצער גרינער שיינקייט. פון גרויס התלהבות ווערן ביים פּאַלמע־יונג די קודלעס העכער און שטייפער און לייגן זיך אויס ביי אים אין אַ האַלבן קרייז. ער דערמאָנט דעמאָלט אין אַ שטאָלצן אינדיאַנער־הויפּטלינג מיט זיין באַפעדערטן קאָפּפוץ...

די צוויי פּאַלמע־מאַמעס קוקן זיך איבער און שמייכלען: — ס׳וועט שוין, מיט מזל, זיין אַ שידוך! לינקס פון זיי — טוליען זיך איינס צום אַנדערן אַ יונג פּאָרפּאָלק. זיי שטייען אַזוי נאָענט, אַז זייערע צווייגן שעפּטשען זיך כּסדר די סאַמע ליבלעכסטע ווערטער. אָבער צום אָפּטסטן זיינען זיי פאַרטאָן אין איין רעיון, נעמלעך — וועגן דער צוקונפט! און די צוקונפט ליגט טיף ביי די וואָרצעלן, און אין די ווייטע געהיימנישפולע הויכן, וווהין זייערע קעפּ זיינען געווענדט...

פונקט קעגנאיבער האָבן זיך פאַרנאַדזשעט צוויי זקנימלעך, ביי וועמען די בערד זיינען זיך צעוואַקסן נידעריק אַזש אונטער דער גאָמבע. פון זייערע שיטערע קעפּ הענגען אומבאַהאָלפן אַראָפּ אויסגעטריקנטע, געלבלעכע פּאַסמעס. זיי באַטראַכטן שפּאָטיש דאָס יונגוואַרג און וואָרטשען: ״אַ שאָד די טרחה! איר מעגט זיך ציען, רייסן, הייבן וויפל איר ווילט, איר וועט צום הימל אַלץ איינס ניט דערגרייכן...״

היימישע בעלי־חי

ווען דאָס אויג ווערט זאַט פון די גרויסע וווּנדער, איז צוגעגרייט פאַרן גאַסט אַן אַטראַקציע פון אַן אַנדער כאַראַקטער, נעמלעך: קליינע און היימישערע בעלי־חי. דער טוריסט איז מער ניט געצוווּנגען צו זיצן פאַרשפּאַרט אין זיין אויטאָ. ער גייט אום איבער אַ גרין־גראָזיק פעלד, לעבן אַ ברייט־בלויען וואַסער, ווו ס׳ווידמענען זיך כּלערליי ים־ברואימלעך, און שעפּט נחת פונעם שלל ציגעלעך, לעמעלעך, הירשעלעך און, להבדיל, חזירימלעך. צוליב וואָס מען דאַרף האָבן די לעצטע דאָ — איז שוין מער אַ יידישע שאלה...

אויף אַ געשטעל פאַרקויפט מען קליינע פלעשעלעך מילך פאַרצויגן מיט גומענע נאָפּלען. די קינדער, וועלכע זיינען דאָ לרוב, האָדעווען מיט זיי די שטענדיק הונגעריקע קליין־פּי. זיי האַלטן זיך אָבער ניט צו לאַנג ביי איין ליבלינג, נייערט שטופּן די גומענע נאָפּלען אין די אָפענע מיילער אָט איינעם, אָט אַ צווייטן, און עס טרעפט אויך, אַז דעם חזירלס שנוק זאָל זיך אָפּרייסן פונעם באַליבט בלאָטקעלע און אַריינכאַפּן מיט גרויס אייפער דאָס פלעשל אין פּיסק. דעמאָלט ווערט פּסול די מילך, ניט ווייל דער ועד הכשרות האָט זיך אַריינגעמישט, נאָר מחמת דאָס לעמעלע צי ווער פון די פריער דערמאָנטע וועט זיך מער ניט צורירן צום פלעשל. און וויפל איר זאָלט עס זיי ניט שטופּן, קערן זיי זיך אָפּ מיט עקל דערפון צוליבן ריח־ניחוח, וואָס דאָס דבר־אחרל האָט אויף דעם געלאָזן.

אָ! וויפל דער מענטש, די קרוין פון באַשאַף, האָט נאָך צו לערנען מידות־טובות פון די קליין־פּי!...

הינטישע תקיפות

איין מאָל אין אַ זומער בין איך פאַרפאָרן אין אַ דאָרף, אין נאָרטה קאַראָליינאַ. אויף אָפּרו, אויף וואַקאַציע.

און הגם מענטש איז מענטש אומעטום, איז ער אין דאָרף אַ ביסעלע אַנדערש. ער איז שווייגנדיקער, פאַרקלערטער, באַשיידענער, ווי דאָס גראָז אויף זיין לאָנקע, ווי דער בוים ביי זיין הויז.

דערפאַר איז דער הונט דאָרטן דער תקיף, דער באַלעבאָס, דער סאַמע הערשער. ווען ער דערהערט פרעמדע טריט, פאַלט אָן אויף אים אַ ווילדע רציחה — אַן אומאויפהערלעך בילן. קיינער קאָן ניט איבערטרעטן די שוועל ביז ער באַשמעקט אים ניט, ביז ער גיט ניט זיין וואָרטשנדיקע הסכמה. בדרך־כלל האָט זיך יעדער זיין הונט אָדער הינט.

אַז עס זאָל זיך אומשליאָנדערן איבערן דאָרף אַ היימלאָזער כלב, איז דאָרטן אַוודאי ניט קיין געוויינטלעכע זאַך.

אַזאַ איינער האָט זיך אָבער צוגעשטעפּט צו מיר אויף איינעם פון מיינע שפּאַצירן איבער די שטעגן און וועגלעך פון דאָרף. צו ערשט האָט ער זיך געהאַלטן אַ דיסטאַנץ אַוועק פון מיר. ער האָט מיך באַטראַכט מיט אַ פאָרשנדיקן בליק, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּשאַצן צו וועלכער קאַטעגאָריע לייט איך געהער. ווען ער האָט באַמערקט מיין גלייכגילטיקייט, איז ער, משמעות, געקומען צו דער מסקנא, אַז איך בין ניט פיינטלעך צום הינטישן מין, און ער האָט זיך אַ ביסל דערנענטערט און גענומען דרייען מיטן עק...

ווען מיר זיינען פאַרביי אַ הויף און דער דאָרטיקער פיר־פיסיקער שומר האָט, פונקט ווי זיינע שכנים, אויפגעהויבן אַ בילעריי אויף מיר, האָט זיך מיין נאָכשלעפּער גלייך געשטעלט אויף זייער צד און מיר אויך באַוויזן זיינע ציין, וואָרפנדיק בעת־מעשה אייגעלעך צו זיינע קאָלעגן:

— איר זעט, ברידעלעך, איך בין אין גאַנצן אייערער. נעמט מיך אַריין אין אייער חברותא!

ווען די כלבים אין ענדלעך מיאוס געוואָרן דער עסק מיטן פרעמדן פאַרשוין, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צום פרעמדן אַריינדרינגער מיט אַ העסלעכער ווילדקייט:

— וואָס פאַרא „ברודערל״ ביסטו אונדז, דו היימלאַזער שלעפּער! דו אויסגעוואָרצלטער וואַגאַבונד!... און זיי האָבן אים גענומען בייסן, רייסן און יאָגן פון זיך...

דער אומגליקלעכער הונט האָט אַריינגעצויגן דעם עק צווישן די פיס און איז צוריק אַוועק זוכן איינזעעניש ביים מענטשן. ער האָט זיך געשאַרט האַרט לעבן מיר, מיט אַ שולדיק־הענגענדיקן קאָפּ און אַרויסגעלאָזן פון זיך וויינענדיק־בעטנדיקע קלאַנגען, ווי ער וואָלט זיך באַקלאָגט אויף זיין הינטישער דאָליע. און ווען עס איז אים אויסגעקומען פאַרביי צו גיין הייזער ווו כּלבים לויערן, האָט ער אונטערדריקט זיין הינטישן צער און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אויך ניט אַבי ווער, ער געהערט אויך צו אַ באַלעבאָס.

נאָר די הינט האָבן זיך ניט געלאָזט נאַרן. זיי האָבן מיט איינגעבאָרענער ליסטיקייט דערשנאַפּט, אַז ער, פונקט ווי דער מענטש, וואָס גייט אים פאָרויס. ביידע זיינען ניט קיין תּושבים, און ממילא פרעמדע, און זייער מוראדיק בילן האָט פאַרהילכט די לופט...

די פרוי אין דאָס העזעלע

עס קומט פאָר אַ כּסדרדיקער „קאַמף״ צווישן דער יונגער באַלעבאָסטע און דעם העזעלע. זי האָט פאַרזייט אין איר גאָרטן מערעלעך, בכדי צו האָבן צום שבת־טיש אַ מערן־צימעס, און דאָס ברוין העזעלע מיטן ווייס עקעלע, ווי אַ צוגעטשעפּעט שטיקל וואַטע, לאָזט זיי אַפילו ניט אויסוואַקסן, נאָר גריזשעט זיי שוין ביי די וואָרצעלעך. האָט די פרוי פאַרזעצט נייע און האָט אַרומגערינגלט דאָס אָרט מיט אַ גדר, אָבער דאָס קליין באַשעפענישל האָט זיך אויך אַן עצה געגעבן מיט דער פאַרצאַמונג און וואָס די באַלעבאָסטע האָט ניט צוגעקלערט צו באַשיצן אירע מערעלעך, האָט דאָס העזעלע זי איבערגעקליגלט. און דאָס סאַמע טשיקאַווסטע דערביי איז געווען, וואָס די צוויי האָבן זיך קיין מאָל ניט באַגעגנט און דאָך האָבן זיי געוווּסט איינער פונעם אַנדערן...

איין מאָל אין אַן אָוונט — די פולע לבנה האָט פאַרגאָסן די בערג מיט אַזאַ דין־ איידל פאָספאָרליכט, אַז די ביימער און די פאַרשיידענע

געוויקסן האָבן אויסגעזען ווי פאַרכּישופט, גלייך זיי וואָלטן אַראָפּגענידערט פון אַ ווייטער אומבאַקאַנטער וועלט. ווער קאָן אין אַזאַ אָוונט בלייבן זיצן אין הויז? די יונגע באַלעבאָסטע איז אַרויס אויפן באַלקאָן וואָס הייבט זיך איבער איר גאָרטן און איז שטיין געבליבן פאַרגאַפט און...

פלוצעם האָט זי דערהערט אַ שאָרך אין די גראָזן, און אין דעם ליכט פון דער לבנה האָט זיך באַוויזן דאָס קליין העזעלע. ס׳האָט געוואָלט זיך אַ טראָג טאָן צו די מערעלעך, נאָר עס איז פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. אירע אייגעלעך האָבן זיך אָנגעטראָפן אויבן אויף דער פרויען־פיגור. דאָס האָט געדויערט אַ מינוט און אפשר וווינציקער, און דאָס ברוין העזעלע מיט די שפּיציקע אויערלעך און ווייסן עקעלע איז נעלם געוואָרן אין אַ גראָזיקער באַהעלטעניש...

די פרוי האָט זיך צוריקגעקערט פון באַלקאָן צו איר מאַן:

— עס וועט זיין גלייכער צו קאָכן אויף די קומענדיקע שבתים אַ פלוימען־צימעס, ווי מיינסטו?...

פערדלעך

די צוויי בלאָנדע פערדלעך מיט די נאָך העלערע קעפּ און עקן פאַרכאַפּן דאָס אויג און דאָס האַרץ. מען מוז זיך אָפּשטעלן און באַווונדערן. עס ווילט זיך אויסשטרעקן די האַנט און זי פּאַמעלעך פירן איבער זייערע שלאַנקע העלדזער, איבער זייערע גלאַטע רוקנס, נאָר דער הויכער צוים דערלויבט עס ניט.

די פערדלעך גייען אום פּאַמעלעך איבער דער פאַרגראָזטער לאָנקע, צופּן די לאַנגע גראָזן און הייבן אויף פון צייט־צו־צייט די שיינע קעפּ אויף דער קעגנאיבערדיקער טיר.

אין גיכן באַווייזט זיך פון דאָרטן אַ דין, ביייניק, מיידל אין אַ רייטקאָסטיום, מיט לאַנגע צעפּ איבער די אַקסלען. זייער קאָליר איז כּמעט דער זעלביקער ווי ביי אירע פּירפּיסיקע פריינד. נאָכן מיידל שאַרט זיך אַן עלטערער באַדינער מיט אַ זאָטל אין די הענט.

די פערדלעך צעהירזשען זיך פרייִלעך ביים דערזען די רייטערין. זייערע נאָזלעכער ציען אַריין אין זיך די אָנגענעמע ריחות, וואָס זי

האָט מיטגעבראַכט און זיי ווערן פאַרכאַפּט, פאַרשיכורט. זיי קענען מער ניט איינשטיין אויף אַן אָרט. זיי זיינען להוט זי צו נעמען אויף זיך אַוועקצוטראָגן מיט איר אויף די העכסטע בערג, אין די טיפסטע טאָלן, אין עק וועלט...

אָבער וועמען פון די צוויי וועט זי היינט אויסקלייבן? צוויי פּאָר קלוגע און אומרויִקע אויגן פאָלגן נאָך יעדער באַוועגונג. אויך דער באַדינער וויל עס וויסן. ענדלעך באַשליסט זי. דער זאָטל ווערט אַרויפגעזעצט און די רייטערין פאָרט אַוועק און פאַרשווינדט...

דאָס איבערגעבליבענע פערדל איז אַנטוישט. עס קוקט פאַרבענקט און פאַרטרויערט אין דער ריכטונג, וווּ די צוויי זיינען נעלם געוואָרן. ניט נאָר וועט עס היינט ניט שפּירן דעם באַריר פון דער אַזוי היימיש און דאָך געהיימישפּולער באַשעפעניש אויף זיך, נאָר עס וועט אַפילו ניט האָבן היינט מיט וועמען צו פאַרבייטן אַ פערדיש וואָרט...

שפּערלעך

די שפּערלעך זיינען זומער שטאַרק אָנגעזען אויף די זאַמדן ביים ברעג ים.

אין פאַרגלייך מיט אַנדערע מינים פייגל קומט זיי אָן שווער דאָס ברויזעלע נאַרונג. זיי מוזן זיין פלינק, דערפינדעריש, פאַרזיכטיק און — קלוג! זיי זיינען ניט קיין אַטראַקציע, אַוודאי ניט קיין דבר־חידוש פאַרן טוריסט, ווי למשל, דער פעליקאַן, די מעווע, צי כאָטש די טויב.

דער טוריסט, ווי יעדער בר־נש, האָט אַ באַזונדערע הנאה צו שפּייזן זיינע ידידים, אָבער די שפּערלעך גייען ניט אַריין אין זיין חשבון...

ווען די דערמאָנטע מיוחסים ווערן פאַרטאָן אין דער כאַפּ־לאַפּ־מהומה, ווייזט זיך מיט אַ מאָל דאָס קליינוואַרג. זיי שרעקן זיך ניט פאַר די פיל גרעסערע ריוואַלן. זיי פּלאָנטערן זיך יענע ביי די פיס און שנאַפּן אָפּט אַוועק דעם צעוואָרפענעם אוצר ממש פון אונטער זייערע פּיקערס. און די מעווע, ווי די טויב, בלייבט, ניט זעלטן, מיט אַ — נאָז, כ׳מיין, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן שנאָבל...

אָפּגעטאָן דאָס שפּיצל, גיבן זיך די שפּערעלעך אַ שטעל אויס אויפן

צוים, וואָס טיילט אָפּ דעם ברוק פונעם זאַמד און — לויערן ווייטער: דאָס קעפּל איז ביי זיי איינגעצויגן, די אייגעלעך — אָנגעשפּיצט און פינקלען מיט שטילער חכמה. און ווען פאַרבייגייערס שטערן זייער רו, הייבן זיי זיך אויף, אין דער הייך, אויף די דראָטן. און די דראָטן ווערן פאַרוואַנדלט אין נאָטן, און עס גייט אויף פון דאָרטן אַ געזאַנג צום בלוי־לויטערן אויסשפּרייט איבער זיי, אין וועלכן עס הערט זיך ניט נאָר דאָס ציטעריק טרילערן פון פייגעלעך, נייערט אויך דער ריטם פון טאַנצדיקע פּאַלמעס אין ווינט, דער אייביקער אומרו און סוד פון ים, דער...

און ווען די זון נעמט זיך נייגן שטאַרקער צום מערב, ווערט אַן איילעניש ביי די שפּערלעך צו די אַלטע, געדיכטע ביימער אין פלאַמינגאָ־פּאַרק. און דער רעש און געוויש פונעם קליינוואַרג וואַקסט און פאַרהילכט די לופט, וואָרן גרויס און לאַנג זיינען ביי דעם די הכנות פאַרן שלאָפן־גיין, און בעת ס׳רוב איז שוין אין די נעסטן, מערקט זיך דאָ־און־דאָרטן אומהיפערן אַן איינציק שפּערל, זוכנדיק אַ לעצט ווערעמל, אַ קערנדל, כּדי צו דערגאַנצן די נייטיקע דיעטע פאַרן טאָג...

דער בין־השמשות לעשט זיך און די פאַרבן מינערן זיך, און אַזוי אויך דאָס טרילערן פון די פייגעלעך. באַלד נעמט אַרום דעם פּאַרק אַ נאַכטיקע שטילקייט, וואָס ווערט צייטנווייז איבערגעריסן פון אַ פּישטשענדיקן פייגעלע, פּלוצעם אויפגעוועקט, צי איבערגעשראָקן פון אַ זעונג אין שלאָף...

טויבן

זומער וועט מען ניט געפינען קיין מעוועס ביים ברעג ים, ווי נאָר ס׳ווערט הייס, פאַרשווינדן זיי, ס׳בלייבט ניט קיין זכר פון זיי.

דעמאָלט ווערן די טויבן די הויפּט־אַטראַקציע אויף די זאַמדן. אמת, דאָ־און־דאָרטן זעט מען אויך אַ שפּערלינג אומהיפערן. דער עולם, וואָס האָט זיך שוין אָנגעבאָדן, אָנגעשווומען און איז אַ ביסעלע מיד פון דער זון, איז להוט נאָך פאַרווײַלונג. און ער האָט אַ באַזונדערע הנאה צו שפּייזן די באַפליגלטע ברואימלעך.

און עס עפענען זיך שקאָרמיצן און פּאַפּירענע זעקעלעך, און ס׳נעמען

זיך טראָגן פון דאָרטן קרישקעלעך ברויט און אַנדערע אַזוינע מאַרציפּאַנעס, און ס׳ווערט אַ פרייִלעכער גערודער ביים קליינוואַרג, ווי אין אַ געוועט, ווער ס׳וועט מער אויפקלייבן פון אָט דעם ברעקלדיקן אוצר. און הגם דער הונגער איז גרויס, האַלט עס זיי פון דעסטוועגן ניט אָפּ פון תאווה־הונגער אויך, איבערהויפּט דעם מאַנסבילשן מין. ער טענצלט אַרום דער ״זי״ אַן אָנגעבלאָזענער און לאָזט אַרויס פון זיך אַ הייס־אויפרעגנדיק און ליידנשאַפטלעך וואָרקן.

די ״זי״ וועט אָבער זעלטן מספּיק־זיין פון איר פרעס־ריטואַל, און אַפילו שפּעטער איז זי זיך ניט גרייט אונטערצוגעבן אַזוי גרינג. עס ליגט שוין, משמעות, אין יעדער ״זי״ אַנצוציִען דעם צד שכּנגד און אים צו ערשט אַריינברענגען אין אַן אַזאַרט, ער זאָל בעסער אָפּשאַצן, הייסט עס, דאָס טראַפּעלע האָניק, וואָס ער קריגט...

עס טרעפט אויך, אַז דאָס זי־טייבעלע, ווי דאָס זי־מענטשעלע, כאַפּט איבער די מאָס, און נאָך אַ לאַנגן ראָמאַנסירן מאַכט זי זיך נאָך אַלץ תּמעוואַטע. דעמאָלט וועט דער באַפעדערטער קאַוואַליר פּרווון מזל ערגעץ אַנדערש, און וועט, ס׳רוב מצליח־זיין, וואָרעם ס׳וועט זיך געפינען צווישן די זי־טויבן, פּונקט ווי צווישן די זי־מענטשן, אַ ווייכהאַרציקע נאַטור, וואָס וועט טרייסטן דעם פאַרשעמטן ״ער״ און אים שענקען, כאָטש אויף אַ רגע, איר שנאָבעלע און אירע אַנדערע ליבלעכקייטן.

זיין מאַיעסטעט — דער לייב!

גרויסע אַפּישן פאַרבעטן דעם עולם אויטאָ־פאָרערס אָפּצונייגן פון דרך המלך, דאָס הייסט, פונעם הויפּט־אַספאַלט־וועג, און באַזוכן דעם ״וואַלד־זו״, אָדער ווי מ׳רופט עס אויפן היינטיקן לשון — ״סאַפאַרי״.

דאָס וויל מען געבן דעם מידן טוריסט (פאַר אַ פּאָר דאָלער אָפּצאָל, פאַרשטייט זיך). אַן אָפּוועקסלונג, אַן איבערבייט, אַ געלעגנהייט איבערצורייסן די איינטאָניקע, די שלאָף־אָנוואַרפנדיקע נסיעה, און זיך אָפּפרישן מיט עקזאָטירטער שפּאַנונג, מיט אַ ״טהריל״ אַמעריקאַניש געערדט, וואָרן איבערן ניט־פאַרצוימטן וואַלד־שטח באַוועגן זיך אמתע

לייבן, דינאָטעריומס, העלפאַנטן, זשיראַפן, זעבראַס, און נאָך אַ מאָל — לייבן!...

די אויסגערעכנטע באַשעפענישן האַלטן זיך, נאַטירלעך, אָפּגעזונדערט. איין מין האָט ניט צו טאָן מיטן אַנדערן. די לייבן, למשל, גרופּירט אין משפּחות, ליגן ס׳רוב אין שאָטן פוןביימער און גענעצן אומאויפהערלעך פון לאַנגווייל. זיי הייבט ניט אָן צו אַרן, וואָס מענטשן גלאָצן אויף זיי דורך פאַרמאַכטע אויטאָ־פענצטער. אין אַזאַ סטאַטיש גלייכגילטיקער פּאָזע פאַרלירט דער וואַלדקעניג אַ סך פון זיין פאַרנעם, פון זיין מאַיעסטעטישקייט. ער פאַרלירט נאָך מער, ווען עס דערנענטערט זיך די צייט פון אכילה. זיין הונגעריקער בליק איז געווענדט אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס דאַרף אָנקומען דער ווייס־געשטרייפטער לאַסטוואָגן מיט שפּייז. עס באַהערשט אים דעמאָלט אַן אומרו, און ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. ווען דער אָנטרייבער וואַרפט אים צו זיין חלק פערדן־פלייש, כאַפּט ער עס אויף און פאַרקריכט מיט דעם אין אַ ווינקל. ווען עס האַנדלט זיך אין מזונות ווערט ער אַ מסוכנער אינדיווידואַליסט. טייל לייבן פרעסן מיט ישוב־הדעת און לעקן שפּעטער אָפּ די צוגעקלעפּטע ברעקלעך פון די לאַפּעס. אַנדערע שלינגען מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער שנעלקייט, ווי איבער זיי וואָלטן געלויערט פונקט אַזוינע פאַרצוקערס ווי זיי אַליין זיינען. און ווען זיי ווערן פאַרטיק מיט דער ״סעודה״, לויפן זיי בעטלען הינטיש נאָך אָ פּאָרציע ביי דעם געשטרייפטן וואָגן...

דער שטרויספויגל

דער שטרויספויגל איז, מיט זיין לאַנגן האַלדז, לאַנגע פיס און קליין נאַקעט קעפּל, זיכער אַ קאָמישע קרעאַטור. ער ווערט פאַררעכנט פאַרן גרעסטן פויגל אין דער וועלט, נאָר פליען קען ער ניט. דערפאַר איז ער אַ בריה אויף לויפן. בעת אַ געפאַר באַגראָבט ער ניט, ווי די איינרעדעניש איז, זיין קעפּל אין זאַמד, נייערט ער טראָגט זיך אַוועק מיט אַן אימפּעט, וואָס קאָן אַריבעריאָגן דעם שנעלסטן פערד.

אין רויקע מינוטן שפּאַנט ער אום מיט זיינע פּילצאָליקע ווייבער, (ער איז, ניט פאַר אונדז געדאַכט, אַ פּאָליגאַם!) און זוכט מיט זיי אין די גראָזן

זיין חיונה. ער איז ניט קיין מפונק. אויב ער טרעפט אָן אויף אַ שטיינדל, אַ שטיקל אייזן, צי אַן אַנדער האַרטער זאַך, בראַקירט ער ניט.

אַמאָליקע ריטערס און רייכע דאַמען פון אַלע צייטן האָבן זיך געפוצט און פוצן זיך מיט שטרויספעדערן. אָבער דער פויגל אַליין איז גראָד ניט קיין פראַנט, אין קעגנטייל, ער איז, מיט זיין טונקעלער געשטאַלט, אַ גאַנץ פּראָזאַישע בריאה. על־כּל־פּנים איז ער אַ געטרייער "ער", ווען די "זי"ען" ווערן מיד צו זיצן, לויט דער ריי, אויף די קאָלעקטיווע אייער אין גרוב, פאַרנעמט ער, אויף אַ קורצער צייט, זייער אָרט...

אָ, דעמאָלט פילן די פרויען אין די אויטאָס, באַזונדערס יונגע, וועלכע האָבן נאָך קליינוואַרג, אַ שטיקל נקמה אין דעם אַלהערשער, דעם מאַן!...

דער זשיראַף

ווען מען רעדט וועגן אַ קאָמיש אויסזעענדיקער באַשעפעניש, דאַרף מען צורעכענען צו איר אויך דעם זשיראַף. אויך ער קאָן זיך רימען מיט אַן אומגעווייינטלעך לאַנגן האַלדז. לאַנגע פיס, די פאָדערשטע לענגער ווי די הינטערשטע. און מיט זיין משונהדיקן וווקס, וואָס דערגרייכט ביז אַכצן פיס די הייך. ער קאָן אַרויסשטעלן נאָך אַן אבר פון גרויס פאַרנעם, דהיינו, זיין צונג. זי איז שטאַרק בייגעוודיק און איז פעיִק אויף צו פּלינדערן די בלעטער פון בוים.

זיין טל־ומטר־קעפּל איז "באַקרוינט" מיט צוויי שפּיציקע הערנער צווישן צוויי אָנגעשפּיצטע אויערן, און אויב דאָס איז נאָך ווינציק, "חנדלט" זיך ביי אים אין מיטן שטערן אַ קליין האָרנדל, דער זשיראַף לעבט זיך שטיל אין קליינע סטאַדעס, שוין אַ ביסעלע צו שטיל. ער האָט גרויס אָפּשיי פאַר חיה און מענטש און דאָך איז ער ביז גאָר פאָרזיכטיק. ער האַלט, אַפּנים, פונעם תּלמודישן זאָג: "כבדהו וחשדהו", וואָרן ער האָט אויף זיך אַ סך בעלנים. זיין פליייש איז גוט פאַרן גומען, און זיין פעל — אויף אויסצואַרבעטן לעדער. בעת אַ סכּנה יאָגט ער זיך אומגעלומפּערט אויף זיינע שטאַרקע זייַלנפיס איבערן אָפענעם פעלד און רופט אַרויס אַ שמייכל, דאַכט זיך, אַפילו ביי אַזאַ טויט־ערנסטן סוביעקט ווי דער קעמל, וואָס איז, זאָאָלאָגיש, זיינער אַ שטיקל קרוב.

הענערקאַמף

צענדליקער פאַרמערשע משפחות האָבן זיך געצויגן מיט ווייערע אויטאָס און לאַסט־וועגענער איבער שמאָלע, זיגזאַגישע שאָסייען צום שטעטלשן סקווער, און זיך אויסגעמישט מיט די דאָרטיקע תושבים.

דער סקווער איז גיך איבערגעפולט געוואָרן פון אַ רוישיק־טומלדיקן עולם. אין מיטן האָבן זיך געהויבן, אויף אַ שטאַרק־באַלויכטענער פּלאַטפאָרמע, שטייגן מיט הענער, און זייער פלוצעמדיק אויפקרייען האָט אָפּגעהילכט מאָדנע און אומהיימלעך אין אָט דעם אָרט און אין אָט דער שעה.

צווישן עולם זיינען אומגעגאַנגען לייט און אָנגענומען געוועטן אויף די צוויי הויפּטהעלדן, וועלכע האָבן געדאַרפט אויסקעמפן צווישן זיך דעם טשעמפּיאָן־טיטל...

איינער — אַ קרעפּטיק־פאַרביקער קובאַנער האָן מיט אַ פלאַם־פייערדיקן קאַם אויפן שטאָלצן קאָפּ, און מיט צוגעריכטע שפּאָרן אויף די פיס, דער צווייטער — דווקא אַ קלענערער אין וווּקס, נאָר מיט אַ פאַרדעכטיק־שפּיציקן שנאָבל און שאַרפן קוק. אויך אָט דער האָט געטראָגן שפּאָרן, אָבער ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ יינגל וואָלט אַריינגעפאַלן אין זיין טאַטנס שטיוול.

האָבן טאַקע ס׳רוב מענטשן פאַרגעצויגן דעם קובאַנער חברהניק, און איינציקע דאָלאַרן און מער זיינען געפלויגן פון אַלע זייטן אויף זיין אַדרעס. און באַלד האָט מען געגעבן דעם נייטיקן סיגנאַל, און די צוויי באַפעדערטע ריטערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון די צעעפנטע שטייגן, איינער אויפן אַנדערן.

דער קובאַנער האָט מיט זיין שטעל און ראָזמאַך אַרויסגערופן פרייד און באַגייסטערונג ביי זיינע פריינד. מען איז געווען זיכער, ער וועט באַלד מאַכן אַ הרוג פון זיין אָפּאָנענט. נאָר וואָס ווייטער האָט ער אָנגעווירן זיין קאַמפלוסט און מוט. זיין שנאָבל איז צו אָפט פאַרפאָרן אין ציל, ווי דאָס שאַרפע ליכט און די געשרייען וואָלטן אים צעטומלט. און דער קליינער האָט אויסגענוצט זיין צעטומלעניש, און איז אים געשפּרונגען מיט ווילדער חוצפּה אין פּנים אַריין, האָט אים געהאַקט מיט די שפּאָרן אין די זייטן.

מ׳האָט געשטוינט. מ׳האָט זיך געפרעגט, ווי איז עס מעגלעך, אַז אַזאַ דראָבנינקער הענדל? —

און באַהאַוונטע אין דער ביבל האָבן זיך דערמאָנט אין דער מעשה פונם קליינעם דוד און דעם ריז, גלית...

דער קובאַנער איז דערווייל אויסגעגאַנגען אונטער יענעמס קלעפּ. זיין שיין־קאָלירטער האַלדז איז געווען צעפּליקט און באַפּעלקט מיט בלוט, ביז ער איז, לסוף, געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך. די קליינע צאָל געווינערס האָט געיובלט און זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון דעם קליינעם העלד. און די פאַרשפּילטע צווישן עולם זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען אַנטוישט און פאַרביטערט. זיי האָבן געפּרוווט טרעפן אַלע מעגלעכע סיבות פון זייער ליבלינגס מפּלה, נאָר איינע האָבן זיי פאַרקוקט, נעמלעך, אַז די הענער־אייגנטימערס האָבן געמאַכט יד־אחת צווישן זיך, און אַרויסגעשטעלט אַ האַלב־בלינדן תרנגול, און דווקא דעם גרויסן און פאַרנעמיקן, כּדי אָפּצונאַרן דעם עולם.

די טערקלטויב

די טערקלטויב איז ניט נאָר אַנדערש מיט איר אויסזען פון איר שוועסטער טויב, זי איז קלענער, דעליקאַטער, שטילער. להיפּוך צו יענערס קאָלירטקייט, זיינען ביי דער די פליגעלעך גרויע, אָרעמאַנסקע. אויך איר טרויעריק־פאַרבענקטער איבעררוף האָט ניט קיין ענלעכקייט אויף יענערס וואָרקען.

דער טערקלטויב פּאַסט, פּונקט ווי דעם ייִדן, די אויסערלעכע אָרעמקייט, ווי דער תלמוד האָט עס שוין לאַנג צוריק אָנגעוויזן: ״יאה עניותא לישראל״. און די טערקלטויב איז, כּידוע, אַ ייִדיש פייגעלע, אַריינגעפלויגן אין דער וועלט גלייך פון די בלעטער פון שיר־השירים...

אין די טעג פון צער און שווערע דערוואַרטונגען איז זי, די טערקלטויב, געשטאַנען אין די פרימאָרגנס אויפן טעלעפאָן־דראָט, קעגן מיין פענצטער און אָנגעפילט דאָס האַרץ ווי אַ לאָגל, מיט שרעק און אַנגסטן, וואָרן עס איז געווען דער חודש אייר פון יאָר תשכ״ז, ווען עס איז געקומען נאַסער, דער פּרעה פון מצרים, מיט אַ גרויס חיל, און ער האָט געלעגערט אויפן

דרום־מערב־גרענעץ פונם קליינעם לאַנד, און ער האָט אָפּגעשלאָסן דעם ים־סוף צום אַריינגאַנג פון אילת.

און דער מלך הוסיין האָט איינגעזאַמלט זיינע מחנות אין מזרח, און אין צפון־מזרח האָבן געלויערט ארם־דמשק און איראַק, און ווי רויבפייגל האָבן אָנגעשטעלט זייערע שאַרפע שנאָבלען און קלאָען די ישמעאלים מיט זייער מלך פייסאַל בראש.

און פון די צוויי ריזן, גוג ומגוג, וועלכע באַהערשן דעם כדור־הארץ, איז דער ערשטער געשטאַנען אייזן־פעסט אויף דער זייט פון די ישמעאלים, און דער צווייטער, פון וועמעס לעפצן עס האָבן שטענדיק געטריפט האָניקרייד אין די אויערן פון ישראל, איז געוואָרן אַצינד, בעת דער גרויסער געפאַר, גלייכגילטיק, מהיכא־תיתדיק, און די סכּנה פון קריג איז געוואַקסן פון שעה צו שעה.

און אין יענער צייט איז שזר געווען דער נשיא פון דער מדינה, און דער ראש הממשלה — אשכּול, און זיי, ווי דאָס גאַנצע פאָלק, האָבן גערופן צו שלום, און זיי האָבן זיך געווענדט צו די באַלאַגערערס און צו די הויפּטן פון די מלוכות, מען זאָל אַוועקלייגן די כּלי־משחית און צוריקטרעטן פון די גרענעצן. און קיינער האָט ניט פאַרנומען זייער רוף און זייער געבעט. פאַרקערט! עס האָבן זיך אַ טראָג געטאָן רוצחישע געשרייען פון די שׂרים און פון די המונים אויף די געמאַרקן פון קאַיראָ און פון דמשק, לאמר:

"קומט און לאָמיר באַפעלן ישראל, און מיר וועלן פאַרשניידן אירע באַווינערס און מיר וועלן אָנפילן אונדזערע רויבזעק!" און די דראָונגען פונעם גרויס־מויליקן שונא האָבן שוין דערגרייכט ביזן נפש...

איין פרימאָרגן, דאָס איז געווען מ"א לעומר, האָט זיך פּלוצעם געמינערט דער טרויער ביי דער טערקלטויב, און מיט געציילטע טעג שפּעטער, איז ער, דער טרויער, אין גאַנצן פאַרשווונדן, וואָרן די בני ישראל זיינען אַרויס פון זייער אַרומרינגלונג, און פלינק, ווי די הירשן, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן פיינט. און זיי האָבן געבראַכט אַ גרויסע מפּלה אויף מצרים און אויף דער ירדן־מלוכה, אויף ארם־דמשק און אויף איראַק.

און די כּלי־משחית, וואָס זייער ידיד, גוג, האָט פאַר זיי אָנגעברייט, זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ישראל. און עס איז ווידער געעפנט

דער ים־סוף, דער דרום־טויער פון לאַנד און די נאָך פון פריער אָפּגעריסענע עיר־הקודש האָט מען צוריק פּאַראייניקט מיט דער נייער ירושלים...

און אין די פרימאָרגנס הערט זיך מער ניט דאָס קול פון דער טערקלטויב, ניט אַנדערש ווי זי האָט זיך צוריקגעקערט צום לאַנד פון תנ״ך...

אַ פויגל — אַ דיקטאַטאָר!

די וואַרעם־זוניקע ווינטערס אין מיאַמי־ביטש האָבן פאַרוואַנדלט די שטאָלצע מעוועס, די באַהערשערינס פון רוים, אין בעטלערישע זאַמדקריכערס. זיי, וועלכע טראָגן אונטער די וווּנדערלעך־געשניצטע פליגלעך דאָס שמאָלע, בלענדנדיק־ווייסע, גלייכליניקע לייב, מיט אַזאַ רירנדיקער שיינקייט און גראַציע, אַז עס פאַרגייט דער אָטעם, כאַפּן דעם אָנבליק, ווען זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער יבשה, אויף גרויע, ניט־דערוואַקסענע קאַטשקע־געגנדזלעך אויף דינע פיסלעך, מיט מיאוס־אָפּשטויסנדיקע שנאָבלען און מאַט־גרויע אייגעלעך.

די תושבים, ווי די טוריסטן, האָבן זיי קאָרומפּירט. זיי ברענגען זיי זעקלעך מיט שיריים פון זייערע זאַטע טישן. און עס ווערט צווישן די באַפליגלטע חברהניקעס אַ בהלה, אַ ליאַרעם, אַ כאַפּעניש. עס געפינט זיך שטענדיק צווישן זיי אַ תקיף, וועלכער וויל רעקווירירן אַלץ פאַר זיך. ער רייסט דאָס קעפּל צום אָפּענעם הימל מיט אַ מוראדיקן ירגזון. ער דערמאָנט דעמאָלט אין אַ קליינשטעטלדיקן קאָכלעפל, וואָס קען כלומרשט ניט פאַרטראָגן קיין עוולות, און ער וואַרפט זיך מיט שפּיציקן שנאָבל אויף די אָרעמקע מעוועס. ער איז זיי גרייט דורס צו זיין.

די ים־פייגל טרעטן אָפּ, און הגם עס מערקט זיך ניט קיין באַזונדערע פריינדלעכקייט איינער צום אַנדערן, האַלטן זיי זיך צוזאַמען אין כאַפּטעס. זיי טשאַטעווען מער אויף מענטשן ווי אויף די פיש אין ים. און ווען ס׳גייט אַוועק אַ שטיקל צייט און ס׳ווייזט זיך ניט קיין בעל־טובה, באַפאַלט זיי אַן אַפּאַטיע, אַ גלייכגילט, אַפילו אַ לאַנגווייל. ווער ס׳טוליעט צו דאָס בייכל צום וואַרעמען זאַמד און פאַרמאַכט אויף אַ ווייל מיט אַן אייגל, און

ווער, פאַרקערט, ס'פאַרקוקט זיך מיט חידוש אויפן אַרום, גלייך ער וואָלט פלוצעם אַנטדעקט די גרויסע וועלט.

אַזאַ איינער האַלט אין איין באַוועגן גיך גיך מיטן שנאָבל, ווי ער וואָלט אַרויסגעזאָגט זיין התפעלות פאַר זיך. אים אַרט ניט, וואָס ער איז געבליבן אַליין, און אפשר האָט ער אַצינד אַ באַגער צו זיין ביחידות, כדי בעסער צו באַנעמען דעם אויבערשטנס יצירה. ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ער איז אַ פויגל — אַ דיכטער! אויב ער אַליין איז ניט אין דער בחינה צו זיין אַ שאַפער, איז ער אָבער מסוגל צו באַוואונדערן און צו געניסן פון גאָטס חידושים.

ער קאָן אַזוי אָפּשטיין לאַנג, לאַנג, ביז אַ גשמיותדיק זעקל מיט פייגלשן דרויב רייסט אים אַרויס פון זיין כּישופדיקן טראַנס.

ווי די מאַטעריאַליסטישע שיטה באַאיינפלוסט אויך די פייגלשע געזעלשאַפט!

פעליקאַנען

די פעליקאַנען מיידן אויס דעם טומלדיקן ים־ברעג. ס'איז אונטער זייער כבוד זיך צו חברן מיט די מעוועס, שוין אָפּגערעדט מיט די טויבן. נאָך מער! ס'איז אַ פראַגע, צי זיי באַמערקן אין גאַנצן דאָס קליינוואַרג און פון די האַלב־הוילע לייט אין וואַסער, אָדער אויפן זאַמד, זוכן זיי ניט קיין טובות.

אָט די מגושמדיקע פייגל געהערן אויך ניט צו די גרויסע יפת־תּוארס. זיי האַלטן זיך איזאָלירט. מען געפינט זיי, ס'רוב, זיצן ווי פאַרגליווערטע אויף די שטאַנגען, ביי וועלכע עס אַנקערן די פישערשיפן. זייערע אומגעלומפּערט לאַנגע און שווערע שנאָבלען ליגן האַרט אויף זייער ברוסט ווי אַ געווער, גלייך זיי וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פון דאָרטן.

זיי לעבן אויף, ווען די דערמאָנטע שיפן לאָזן זיך אַרויס אויף זייער פאַנג־נסיעה. זיי באַגלייטן מחנותווייז די פישערס, קרייזן איבער די מאַסטן, יאָגן זיך אַוועק פאָרויס, צו לאָזן וויסן מיט אַ פריידיקן געליאַרעם, אַז זייער שאַרפע ראיה האָט דערשנאַפּט אַ גרויס געדעטעניש.

און שפּעטער, ווען די פישערס ציען אַרויס די פולע נעצן, ווערט דער

פייגלשער גערודער שטאַרקער, צערייצטער. דער אַזאַרט וואַקסט מיט יעדן נייעם הויפן פיש אויפן דעק, וואָס בליאַסקעט מיט די זילבער־שופּן אין דער זון, צאַפּלט און וואַרפט זיך אין דער לופט, אָט־אָט און ער ווערט, דאַכט זיך, צוריק נעלם אין וואַסער אַריין. אָבער דאָ טויכט פּלוצעם אַראָפּ פון דער בלויער הייך דער פעליקאַן און דערלאָזט ניט, אַז די מי פון פישער און פון פויגל זאָל, חלילה, גיין לאיבוד. ער דערכאַפּט זיינע קרבנות צווישן דעק און וואַסער און באַהאַלט זיי אין זיין פאַרבאָרגן זעקל, וואָס ליגט אין דער טיף פון זיין שנאָבל. דאָס איז זיין שכר־טירחה! און ער איז גרייט אויף נייע אַוואַנטורעס!

עס טרעפט אויך, אַז די פישערשיפן פאַרהאַלטן זיך, צוליב עפּעס אַ סיבה, אויף לאַנגע טעג אין האַפן. דעמאָלט טרייבט דער הונגער די פייגל אויף אייגנהאַנטיקע אַקציעס, עס באַווייזן זיך משפחות פעליקאַנען אין מערקווירדיקע פאָרמאַציעס, ווי אויף אַ אויסשפּיר־עקסקורסיע. אין שפּיץ טראָגט זיך דער פירער, נאָך אים — צו צוויי אין אַ ריי, מאַנעווורירנדיק קונציק אין דער לופטן, ביז יעדער פויגל נעמט זיין גורל אונטער די אייגענע פליגל. ער טוט זיי מיט אַ מאָל אַ שליס איין און פאַלט אַראָפּ, ווי אַ שטיין אין ים, און באַלד וויגט ער זיך שוין ווי אַ קליינע גאָנדאָלע, רויִק און געמיטלעך, אויפן אויבערפלאַך, צו פאַרדייען, משמעות, זיין פאַנג, צי אים אויסצוסדרן אין זיין קאַמער אַזוי, עס זאָל בלייבן אָרט פאַר נאָך פּראָוויאַנט. להיפוך צו זיינע קלענערע פליקאָלעגן, איז דער פעליקאַן, ווען ער איז זאַט, מער גענייגט צו אַליינקייט. ביי אים איז רעבט זיך צו פאַרקוקן שעהען־לאַנג אויף אַ בלעזל אין וואַסער, און ווער ווייס וואָס זיין פייגלשער מוח טראַכט דערביי?

דער אַלעאַנדער־קוסט

אין סעפּטעמבער־טעג, ווען די זון פלייצט און פאַרפלייצט די עיר הבירה מיט אַ שרפהדיק־אומברחמנותדיקער היץ, קען מען אַפילו אין הויך־שטאָקיקע דירות קוים דעם אָטעם כאַפּן. דעמאָלט פאַרהאַלט זיך דער טריבער בליק אויפן אָלעאַנדער־קוסט קעגנאיבער דער גאַס, וואָס איז אין וווקס מער ענלעך אויף אַ בוים, און זיין געדיכטער שאָטן דינט אָפּט דעם מידן פוסגייער פאַר אַן אָפּרואָרט.

דער אָלעאַנדער־קוסט איז אַצינד אין פולן בלי. זיינע צאַרט־דינע רויזנבלעטלעך ליכטיקן אַרויס פונעם גרינעם צמחים־קנויל, ווי אַ מבשר פון אַן אַנדערער ספערע, בכדי צו באַרויִקן און צו טרייסטן דאָס שווער געמיט.

אַ ביסל אין אַ זייט, איבערן קוסטבוים, הייבן זיך קליינע באַלקאָנען פון אַ הויכן בנין, און כאַפּן דעם אָנבליק, פון ווייטן, פון אַ קינדער־געמעל. פאַרנאַכט קומט אַרויס אַ יונגע פרוי אויפן סאַמע אונטערשטן באַלקאָן, וואָס רירט אָן כמעט דעם אָלעאַנדער. איר טראַכט איז פאַרביק און פאַרכאַפּנדיק, ווי איר שכנה פון דער פלאָראַוועלט, ווי דער בין־השמשות איבער דער שטאָט פון ים און פאַלמעס.

זי בייגט זיך גלייך אַריבער דעם פאָרענטש און רייסט אָפּ אַ שטענגל מיט רויזנבלעטלעך און פאַרשטעקט עס אין אירע האָר. זי שטייט דאָרט לאַנג פאַרקוקט צום מערב, ביז די זון זינקט, פאַרגייט און שלעפּט מיט דעם אוצר פון צעשפּרייטע און צעוואָרפענע פאַרבן־גאַרבן פון דער טונקל־ווערנדיקער הייך.

איין מאָל האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ מאַנסבילישע שטימע פון אַ באַלקאָן מיט אַ שטאָק העכער:

— סעניאָריטאַ! איך בין מקנא די פאַרגייענדיקע זון, וועלכע אייערע שיינע אויגן באַגלייטן יעדן פאַרנאַכט...

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט דער קלינגעוודיקער מליצה־שפּראַך פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער, וואָס אַ סך פון זיי האָבן געמאַכט זייער היים דאָ.

— פון וואַנען קומט איר און ווי איז אייער נאָמען? אויב איך מעג וויסן?

די יונגע פרוי האָט געוווסט, גאָרניט לויט איר געשלעכט, דעם סוד פון צמצום און פון דיסקרעציע. אַנשטאָט צו ענטפערן, איז זי פאַרשוווּנדן אין הויז. נאָר ווען די סצענע האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל נאָך אַנאַנד, האָט זי אים צוגעזאָגט צו טרעפן אַן אָוונט ביים אָלעאַנדער־קוסט. אָבער אויף מאָרגן איז געשען אַן אומגעווײנלעכע געשעעניש. שוין גאָר פרי האָט צו איר דערגרייכט אַ רעש און אַ געפילדער פון גאַס, און ווען זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, האָט זי דערזען, צו איר פאַרדראָס און צער, אַז דער קוסטבוים איז אונטערגעהאַקט ביז די וואָרצלען, וואָרן

ער האָט באַשוועורט, לויט דער טענה פון באַלעבאָס, דעם צוגאַנג צום הויז...

די יונגע פרוי האָט זיך דערפילט באַליידיקט, ווי יענער וואָלט קעגן איר פּערזענלעך באַגאַנגען אַן אומרעכט, און זי האָט זיך נאָך דעם זעלבן טאָג אָפּגעזוכט אַ נייע קוואַרטיר.

אין רעגנדיקע טעג

דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט. אויפן פאַרפּלייצטן אַספאַלט האָבן זיך אומאויפהערלעך געטראָגן די אויטאָס און משא־וועגענער, ווי אין אַ געוועט, און ווען ניט די ליכטסיגנאַלן, וואָלטן זיי, דאַכט זיך, קיין מאָל ניט געקומען צו קיין אָפּשטעל.

איבערן שטעטל איז געהאָנגען אַ נעפּלדיקער אומעט. די קעגנאיבערדיקע באַלקאָנען, באַזעצט אין אַ זוניקן טאָג מיט עלטערע לייט, האָבן אַצינד געפּוסטעוועט.

עס האָט אָנגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג איינצופּאַקן די וואַליזע און נעלם ווערן, דאָס הייסט, זיך אומקערן אַהיים. אָבער דאָרטן האָט געהערשט, לויט דער וועטער־סטאַציע, אַ חמימה אין די נײַנציקער. און ס'האָט ניט געהאַט קיין זין אויסצובייטן איין גיהנום אויף אַ צווייטן.

ער האָט אַרומגעשפּאַנט עטלעכע מאָל דאָס הויז און איז געבליבן שטיין כּסדר ביי די וואַנט־געמעלן פון אומבאַקאַנטע קינסטלערס, ביי די לייוונטן, ווו פאַרצייטיקע עגיפּטער האָבן אָנגעטריבן מיט זייער שקלאַפן־אַרבעט, ביי דער גלעזערנער שאַפע מיט פאַרשידענע אַנטיקן, מתּנות פון קרובים און פריינד, און זיך אומגעקערט ווידער אויף זיין אָרט.

ווען די אויגן זיינע זיינען ענדלעך מיד געוואָרן פון באַטראַכטן די נאַסע גאַסן און דעם איבערגעלייענטן פּאַק צייטונגען און זשורנאַלן, האָבן זיי זיך אַליין פאַרהוילן אין אייגענעם חושך. דער אָוונט איז צוגעפאַלן, ער האָט ניט געוואָלט ליכטיק מאַכן, נייערט בלייבן אינעם זעלביקן מצב. לסוף האָט דער כּוח־הדמיון געקראָגן די אויבערהאַנט און די וועלט פון איינגעשטעלטע רעאַליטעטן און אָנגענומענע אמתן האָט זיך גענומען קרישלען, אויפלייזן.

די טירלעך פונעם גלעזערנעם אַלמער האָבן אויפגעפּראַלט, און דער ווייסער זעגל, וואָס איז דאָרט געשטאַנען פון פאַרצייטן, האָט זיך אָנגעפּילט מיט ווינט און איז געווען גרייט אויף ווייטע און סכּנותדיקע נסיעות. פון אַ ווינקל איז אַרויסגעטראָטן אַ יונגפרוי אין אויסטערלישן טראַכט, און האָט פייערלעך אויסגערופן: — "איי, קאַפּיטאַן! פיר מיך צו מיין לאַנד און צו מיין היים, ווו די זון גייט קיין מאָל ניט אונטער". און ווען זי איז שוין גרייט געווען צו באַטרעטן די זעגלשיף, האָט זיך די יונגפרוי פּלוצעם פאַרוואַנדלט אינעם דאָרפסמיידל, שולמית, פון שיר־השירים. זי האָט אַצינד געטראָגן אַ פעלדקלייד מיט אַ זאַנגען־געפלעכט אויפן קאָפּ. אירע אויגן האָבן סודותדיק געלויכטן און אַזוי אויך איר שמייכל. זי האָט אַ פליסטער געטאָן מיטן קול פון דער טערקלטויב:

— צבי! מיין שיינער, מיין פלינקער הירש, ווו ביסטו? — און דער לאַנג־געפאַנגענער הירש מיט די צוויי גרויסע, שפּיציקע הערנער און דינע, איידעלע פיס, אויסגעגאָסן פון בראָנדז, האָט באַקומען לעבן. ער האָט אויסגעדרייט צום מיידל זיין קאָפּ און געוואַרט.

שולמית האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין רוקן און ווידער אַ פליסטער געטאָן מיטן פליסטער פון דער טערקלטויב:

— טראָג מיך אַוועק, אייליק און געשווינט, ווי דער ווינט, צו מיין האַר און מלך, שלמה, וואָרן די רעגנס דאָ, אין לאַנד, האָבן מיר שוין דעררעסן און מיאוס געמאַכט מיין לעבן...

און דער הירש האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און באותו הרגע האָט אים געטראָפן אַ פייל אין סאַמע האַרצן אַריין, מחמת גאַנץ אונטן, אין דער גלעזערנער שאַפע, האָט זיך פאַרהוילן אומבאַמערקט אַ יעגער, געמאַכט פון מירמלשטיין, מיט אַן אָנגעצויגענעם פייל־און־בויגן.

פונעם שאָס האָט זיך אויפגעכאַפּט דער בעל־חלום. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט נאָך דער רעגן געהאַלטן אין גיסן.

לאָמיר דערווייל מעיין־זיין אין אַ ספר!

די הכנות צו דער סעודה האָבן זיך פאַרצויגן. די באַשטענדיקע האָטעלגעסט זיינען זיך פאַרזעסן ביים טעגלעכן אָוונט־מאָלצייט אין

עסצימער. און וויפל מע האָט זיי ניט מרמז געווען, אַז אַן עדה ייִדן וואַרט אין דעם אויפנעמזאַל, האָט ניט געהאָלפן.

דער רב און מורה־דרך, ר׳ שמואל חריף, אַ יונגער־מאַן אין די דרייסיקער, אין טראַדיציאָנעלן טראַכט, מיט אַ באָרד ביזן גאַרטל, האָט זיך אומגעטראָגן איבער די חדרים, יעדע פּאָר מינוט אַריינגעבליקט תּחנונימדיק צו די עסערס און זיך געערגערט. בינו־לבינו האָט ער דאָ אויפגענומען דערווייל אַ חשובן אורח, דאָרטן אַריינגעפּליסטערט עפּעס אַ צווייטן אין אויער. ער האָט אַפילו געהאַט אַ גוט וואָרט פּאַרן ייִנגסטן פון דער מסיבה, אַ בחורל, ערשט אַריבער די בר־מצווה יאָרן, וואָס איז געווען געקליידט אינעם חסידישן טראַכט ווי די דערוואַקסענע און מיט אַ קאַפּעליושל אויפן שפּיץ קאָפּ. דער יונגער רב האָט מער גערעדט מיט די אויגן, מיט די הענט, מיטן שמייכל... געזוכט צו פּאַרגרינגערן דאָס וואַרטן...

צו די נשים האָט דער רב אַוועקגעשיקט די רביצין. זי האָט געבראַכט פּאַר די הונגעריקע זיך לאַנגווײלנדיקע ווייבער ראיות פונעם טייטש־חומש, פון דער צאנה־וראינה, אַז דער עיקר איז ניט די אַכילה, נייערט די דברי־תּורה, וואָס מען וועט הערן ביי דער סעודה. ווי האָבן זי זייטיק באַטראַכט און קוים־קוים געשמייכלט, מחמת די רביצין זאָל געזונט זיין, הגם אַ גוטע און אַ צוגעלאָזענע, איז געווען, לא עליכם, שטאַרק איבערוואָגיק, און האָט מיט זיך פּאָרגעשטעלט דעם היפּוך דערפון, וואָס זי האָט געדרשנט...

און גערדרשנט האָט זי, אַז — "אדם לעמל יולד" — דאָס הייסט, אַ מענטש איז געבאָרן זיך צו פּלאָגן. און ווען זי האָט באַמערקט, אַז דאָס תּורה־ווערטל ווירקט ניט צו שטאַרק אויף זיי, האָט די מלומדת באַקרעפטיקט מיט אַ תּלמודישן זאָג: "איזהו גבור? הכובש את יצרו!" ווער איז אַ גיבור? דער וואָס באַהערשט זיין יצר־הרע־צום עסן! האָט זי פּאַרענדיקט מיט אַן אייגענעם צוזאָב...

ווען עס איז אַוועק אַ שעה און די לייט אין עסצימער האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט, איז ער, חריף, צוגעגאַנגען צום געזעמל ייִדן, וואָס איז געווען צום שטאַרקסטן אומגעדולדיק, און האָט אויסגערופן בקול רם:

— ייִדן, צוליב וואָס פּטרן צייט? לאָמיר דערווייל מעיין־זיין אַ ספר!

און באַלד האָבן זיך ייִדן פרום צעשאָקלט איבער אָפענע ספרים, אין בתוכם דאָס בחורל מיטן קאַפּעליושל אויפן שפּיץ קאָפּ.

די יונגע פרוי וואָס וויינט אין קישן

די יונגע פרוי שמייכלט צו מענטשן און וויינט אין קישן. דער מאַן און דער כירורג ווייסן די סיבה פון איר טרויער.

זי פּוצט זיך אָפּט אויס אין איר שענסטן קלייד און די "בלוזן" ווערן קינסטלעך פאַרהוילן פונעם אויג. עס איז זיך איר שווער צוצוגעוווינען צום געדאַנק, אַז די סימנים, וועלכע צייכענען זי אויס צום שטאַרקסטן אַלס פרוי פעלן איר! זיי זיינען קאַלט אויסגערעכנט געפאַלן אונטער דער שאַרף פונעם מעסער. אויב ניט וואָלט די בייזע קראַנקייט זיך צעשפּרייט ווי אַן אָקטאָפּוס איבערן גאַנצן גוף.

ביי טאָג, ווען דער מאַן איז ביי דער אַרבעט, און זי איז שוין פאַרטיק מיט די הכנות פאַרן אָוונט־מאָלצייט, זיך שוין גענוג אָנגעהערט און אָנגעזען מיט די שטותים פון דער טעלעוויזיע, טוט זי זיך אַ קער צו אירע בלומענטעפּ און וואַזאָנעס. זי גלעט צערטלעך ווייערע בלעטלעך און שעפּטשעט צו זיי ליבלעכע ווערטער, וואָרן זי האָט ערגעץ געלייענט, אַז אויך די פלאַנצנוועלט גאַרט נאָך אַ גוט וואָרט און בענקט נאָך אַ וואַרעמען באַריר...

עס האָט אַפילו איין מאָל געטראָפן אַז איר מאַן האָט זי "געכאַפּט" ביי אַזאַ סעאַנס מיט אירע שטומע פריינד. און צו זיינע אויערן האָבן דערגרייכט אַזוינע פּראָוואָקאַטיווע טערמינען, ווי "ליבינקע" און "טייערינקע", און איר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז זי האָט באַמערקט ביי אים אַ שאָטן פון אייפערזוכט, און זי האָט אַ שטיק פון דער נאַכט געטראַכט דערפון, וואָס געוויינלעך זיינען אירע נעכט אויסגעפילט מיט אַנגסטן און שרעקן, וואָרן פון אַלע פינצטערנישן קריכן זיי אויף איר מיט שוואַרצע נביאות און וואָרענונגען און זי ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט די הענט, זיי זאָלן ניט באַרירן די ניט־פאַרהיילטע ווונדן אויפן לייב...

אָבער אין יענער נאַכט זיינען ביי דער יונגער פרוי צערונען אַ סך פון אירע ספקות, ווי אייז אונטער אַ תמוזדיקער זון...

דער בעל־טובה

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. אַ ווייך, וואַרעם קול פרעגט זיך נאָך אויף מיין געזונט, אויף מיין משפחה. עס רעדט מיט אַזאַ אינטימען טאָן, גלייך ווי זיין באַזיצער וואָלט מיך שוין געקאָנט פון כמה יאָרן. איך שעם מיך מודה צו זיין, אַז איך געדענק ניט זיין נאָמען. איך זוך און נישטער אין זכרון אַ שטימע, וואָס זאָל זיין ענלעך אויף זיינער און — קען ניט געפינען.

ער גיט ענדלעך צו, אַז מיר האָבן זיך קיין מאָל ניט געטראָפן. איך בין אים נאָנט געוואָרן פון לייענען מיינע זאַכן. יאָ, ער איז געקומען אַהער, אין דער עיר־הבירה, מחמת זיין קראַנקע פרוי נייטיקט זיך אינעם היגן קלימאַט. נאָר היות ווי דאָ איז אַ ביסעלע צו טומלדיק, האָט ער זיך פאַרקליבן אינעם פאָרשטעטל, לאַודערדייל. ער האָט צו מיר אַ קליינע בקשה — איך זאָל אים, נעמלעך, געבן אַ פּאָר נעמען פון פריינד, צי פון באַקאַנטע, וועלכע וווינען אין זיין געגנט, ווייל ער גייט דאָ ממש אויס פון לאַנגווייל...

דער פרעמדער האָט זיך פאַררעדט. איך דערמאָן אים, אַז דער טעלעפאָן־שמועס וועט אים קאָסטן אַ היפּשע אַפּותיקה. אָבער ער נעמט זיך עס ניט צום האַרצן... „הערט!" — מאַכט ער, — איך האָב דורכגעמאַכט אַ רייזע פון עטלעכע הונדערט מייל, אַזש פון ניו־יאָרק. כ'מיין, וואָס פאַראַ באַטרעף האָבן נאָך עטלעכע סענט? — איך זאָג אים צו צושיקן אַ פּאָר אַדרעסן.

אויף מאָרגן רופט ער מיך ווידער: ער האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון זיין אַדוואָקאַט, ער זאָל זיך תּיכּף־ומיד אומקערן אַהיים, מחמת זיינער אַ קרוב, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ צייט צוריק, האָט אים אָפּגעשריבן אַ חלק פון זיין ירושה.

צוויי טעג שפּעטער קומט אָן פון אים אַ בריוו מיט דער לופטפּאָסט. אַנשטאָט די געווינטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר, געפינען זיך אין גרויסן קאָנווערט בויגנס קאַרטאָן, באַשפּרינקלט אין פאַרשיידענע ערטער מיט געזעמלעך ווערטער, ווי ייִדישע אותיות וואָלטן אָפּגעהאַלטן, דאָ און דאָרטן, באַזונדערע אסיפות... דער תּוכן? ער דריקט אויס מיט אַלערלייִיקע רייד זיין דאַנקשאַפט, זיין יישר־כּוח, פאַר די אַדרעסן וועלכע מ'האָט

אים איבערגעשיקט. אגב אורחא דערציילט ער, אַז ער טוט איבערזעצונג־אַרבעט. אפשר וויל איך איבערזעצן מיינע כתבים אין ענגליש, וועט ער עס טאָן פֿאַר מיר פריי, גראַטיס, ס׳וועט נאָך זיין פֿאַר אים אַ כבוד... איך שיק אים איינע פון מיינע ״מיניאַטורן״, באַגלייט מיט אַ צעטעלע: ״אויב עס וועט אים געלינגען, וועל איך אים, אדרבא, באַצאָלן. וואָרן כ׳בין לעצטנס שטאַרט פֿאַרנומען און האָב ניט קיין צייט פֿאַר אַזוינע זאַכן״.

גאָר גיך באַקום איך מיט דער ״לופֿט״ אַ פּעקעלע, רעגיסטרירט און ״ספּעשל דעליווערי״ (ספּעציעל צוגעשטעלט) ס׳האָט אים אַוודאי אָפּגעקאָסט אַ שיינע פֿאַר דאָלאַר פּאָסט־הוצאה. איך עפֿן אויף דעם בריוו־האַלטער, וואָס האָט אויף זיך, חוץ דעם אַדרעס, אויך קאָמפּלעמענטאַרע באַמערקונגען אויף מיין חשבון, און — ווידער די זעלביקע מעשה — שיטער־באַשריבענע קאַרטאָן־זייטלעך, דאָס מאָל אויף אַ שרייב־מאַשינקע. די איבערזעצונג איז אַרויס איילוק, נאַכלעסיק, דילעטאַנטיש...

איך לייען זי איבער נאָך אַ מאָל, אפשר וועל איך פֿאָרט געפֿינען עפּעס אַ זכות אויף איר. בקיצור, איך לייג אַריין דעם כתב־יד אין אַ פרישן קאָנווערט און עקספּעדיר דעם ״אוצר״ צום אומבאַקאַנטן בעל־טובה. דאָס איז פֿאַרגעקומען אין אַ פֿרייטיק. דינסטיק דערהאַלט איך פון אים אַ תשובה: — ״ער איז אַנטוישט, געערגערט, אַפֿילו באַליידיקט! פֿון מיר האָט ער אַזוינס ניט דערוואַרט. ס׳טייטש, היתּכן? לאַ־די, וואָס ער רעכנט מיר ניט פֿאַר דער אַרבעט, דאַרף ער האָבן נאָך פּאָסט־אויסגאַבן?״ איך רעכן אויס, אַז די מאַרקעס האָבן אים אַוודאי אָפּגעקאָסט אַ פֿיר דאָלאַר מיט מינץ. שיק איך אים אַ גלייך פֿינפֿערל. זאָל מיינס איבערגיין!...

איך אָטעם אָפּ פֿרייער. איך מיין, איך בין פּטור געוואָרן פֿון אַן אָנשיקעניש. ערשט כ׳האָב געמאַכט אַ טעות! אַ ניי בריוועלע קלערט מיך אויף, אַז ווען ער האָט מיר פֿאַרשפּראָכן צו איבערזעצן מיינע זאַכן אומגעצאָלט האָט ער געהאַט ס׳געפֿיל, אַז כ׳וועל אויפֿנעמען זיין גרויסמוטיקן זשעסט בסבר־פּנים־יפות. וויבאַלד אָבער איך שעץ ניט אָפּ זיין טירחה, וויל ער פֿאַר איר אַ לוין. היות ווי די ״מיניאַטור״ פֿאַרמאָגט צוואַנציק פּאַראַגראַפֿן און יעדער פּאַראַגראַף איז צונויפֿגעשטעלט פֿון אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל ווערטער, וואָס מאַכט אויס אַ קימאַ־לן פֿון טויזנט,

ווי איז עס ניט ווערט באַטש אַ פּעני אַ וואָרט? קורץ און שלעבט, איך בין אים שולדיק אַ צענערל.

אויף אַזאַ חוצפּה האָב איך זיך ניט געריכט. באַשליס איך אים צו איגנאָרירן און ניט צו ענטפערן. ער איז אָבער ניט פויל אויף דער פּען. ער שרייבט, אַז איך האָב זיך אָפּנים ״צוגויפגערעדט״ מיט אַלע זיינע שונאים אים ווי צו טאָן. אָט האָט אים דער בעל־אכסניא אין לאָודערדייל, זיינער אַ שטיקל לאַנדסמאַן, פאַרקלאָגט אין געריכט פאַר ניט משלם־זיין פאַר די לעצטע פינף טעג וווינען ביי אים. אַן אומדאַנקבאַרער פאַרשוין! ער האָט געשריבן פאַר אים ענגלישע בריוו פריי ווען און ווו יענער האָט געדאַרפט. נו, לוינט זיך צו זיין גוט? אויף דער פאַרשטאָרבענער קרוב האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מיאוסער בריאה. די ווערטפולסטע חפצים און ס׳רוב מזומנים האָט ער איבערגעלאָזן פאַר אַנדערע משפחה־לייט. עס פאַרשטייט זיך, פאַרענדיקט ער זיין שריפט. ער איז ביי מיר אין די הענט. איך קאָן איבערלייענען זיין ״האַרצרייסנדיקן״ בריוו און אים אַריינוואַרפן אין מיסטקעסטל, וואָרן ווער האָט עס היינט מיטלייד מיט אַ נצרך?

אין אַ וואָך אַרום שטעלט זיך אַריין אין אונדזער הויז דער אייגנטימער פונעם מאָטעל אין לאָודערדייל. ער האָט געדאַרפט עפּעס געשעפטלעך אין מיאַמי, האָט ער באַשלאָסן מיך צו באַזוכן. ער ווייזט מיר אַ בריוו פונעם ״האיש־הידוע״, אין וועלכן יענער פאַרזיכערט אים, אַז איך בין זיין בעסטער פריינד און וועל סילוקן פאַר אים דעם חוב.

איך קוק אויף אים אַ דערשטוינטער און דערצייל אים וועגן מיין ״באַקאַנטשאַפט״ מיט דעם סוביעקט פון אָנהייב ביזן... (ניין, ניט ביזן סוף, ווייל כ׳האָט נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט דעם סוף, פּונקט ווי איך ווייס אים נאָך היינט ניט...).

מיין באַזוכער טוט זיך פּלוצעם אַ קלאַפּ אין שטערן און רופט אויס:

— און איך, אַלטער נאַר, קום אייך דולן אַ ספּאָדיק. איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן, פּשוט פון קאָפּ אַרויסגעפלויגן. ער איז דאָך נאָך געווען אַ פּלוס, אַ באַרימער און אַ שטיקל שווינדלער אין דער אַלטער היים. ער איז דאָך, ניט פאַר אייך געדאַכט, מיינער אַ לאַנדסמאַן...

איין מאָל, בחצי הלילה, האָט מיך דאָס קלינגען פון טעלעפאָן אַרויסגעריסן פון שלאָף. אַ דערשראָקענער כאַפּ איך אַראָפּ דאָס טרייבל

און הער, ווי דער איצט שוין מיר באַקאַנטער פֿאַרשוין קליגט זיך צו איבערצייגן דער טעלעפֿאָניסטקע, אַז דאָס רופט ער אויף מיין פֿאַרלאַנג, ממילא זאָל זי פֿאַררעכענען די הוצאה אויף מיין חשבון. דאָס מיידל אויף יענער זייט דראָט לאָזט זיך אָבער ניט נאַרן, און זי פרעגט זיך נאָך ביי מיר, צי איך בין מסכּים דערויף. אַנשטאָט צו ענטפערן פֿאַרשטום איך דעם אַפּאַראַט און לייג זיך צוריק אין בעט אַריין.

אויף מאָרגן, באַקום איך פון אים אַ שפּאָגל־ניי ברייוועלע בזה־הלשון: „איר מעגט מיר גלויבן, איר וועט נאָך הערן פון מיר ניט איין מאָל!"...

איך גלויב אים!

דערציילונגען

אין אַ קליניק

צווישן די אָנגעשטעלטע אין קליניק האָט זיך איוואַ גרין שטאַרק אָנגעזען. אַ קליינינקע, אַ פּלינקע און אַ באַרערעוודיקע. אַלץ האָט אין איר געגערדט, די גרויסע רויטלעכע אַפּלען, דער אומעטיקער שמייכל, די הענט. זי האָט געדענקט די פּאַציענטן ביי זייערע נעמען, האָט געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר אַלעמען, אַפילו, פאַר בייזלעך־פאַרביטערטע געמיטער. אַ שטיק פון טאָג האָט זי, זיצנדיק צי שטייענדיק בײַם טעלעפאָן, גערופן און געענטפערט אויף פראַגן און טענות, אויף באַשטעלן רפואות אין אַפּטייק, וואָס די דאָקטוירים האָבן פאַרשריבן.

אַלע האָבן זי גערן געהאַט, אַפילו ליב געהאַט, נאָר ניט אירע קאָלעגינס קראַנקן־שוועסטער, די ניט לאַנג־אַריבערגעקומענע פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער און פרום־קאַטאָליש גענייגטע. זיי האָבן שוואַך געגערדט ענגליש און אַרויסגעוויזן צו אַ ייִדישן באַזוכער אויב ניט קיין אומפריינדלעכקייט איז פשוטן גלייכגילט.

אין קליניק איז אַלץ געווען פריי: דער דאָקטאָר, די מעדיקאַמענטן, בלוטטעסטן. אַ שפּיטאָל. דער פּאַציענט, ס׳רוב אַ ניט־פאַרמעגלעכער, האָט בלויז געדאַרפט איבערגעבן זיין, צי איר ״סאָציאַל־פאַרזיכערונג־קאַרטל״.

און אויב זיי איז ניט געפעלן געוואָרן דאָרטן די באַהאַנדלונג, האָבן זיי זיך געקאָנט צו יעדער צייט אויסשרייבן, לאָזנדיק וויסן דער אַדמיניסטראַציע פיר וואָכן אין פאָראויס.

די קליניק האָט עס ניט געטאָן, פאַרשטייט זיך, פון אַלטרויִזם, די שטאַט־רעגירונג האָט געדעקט אירע הוצאות מיט אַ באַדייטנדיקן האָנאָראַר. יונגע מעדיצינער און עלטערע דאָקטוירים פון פאַרשיידענע היילצווייגן, מיט ווינציק פּראַקטיק, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער און

אין ענלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך געשפּרייט איבערן לאַנד, ס'איז אָבער ניט צוגעגאַנגען אַלץ אַזוי גלאַטיק. די ערשטע האָבן געקוקט אויפֿן חולה מיט יוגנטלעכער פֿאַרריסנקייט, מיט אַ נטיה אויסצונוצן זייער אָביעקט פֿאַר מעדיצינישע געניטונגען. ערגער איז געווען מיט די עלטערע רופֿאים, וועלכע האָבן אָפֿט געזען אינעם קראַנקן אַן "איינגערעדטע קרענק", און געזוכט וואָס שנעלער פּטור צו ווערן פֿונעם אומגעוווּנטשענעם באַזוכער. עס האָבן זיך אויך געפֿונען אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען אַ דורכפֿאַל אין דער פּראָפֿעסיע און געוואָלט ראַטעווען זייער פּרעסטיזש כאָטש אין אָט דעם קליינעם וועלטל, אָדער דעם אָנזען, לכל־הפּחות, אין די אייגענע אויגן...

אָבער דער הויפּט־אָנפֿירער פֿון דער קליניק, דר. טעאָדאָר פּראָפּוס, איז געווען אַ דערפֿאַרענער און הויך־קוואַליפֿיצירטער מעדיצינער און בכלל אַ פֿאַרנעמיקע פּערזענלעכקייט. ער האָט זיך באַוויזן צוויי מאָל אין וואָך אויף אַ פּאָר שעה, אויפֿנעמענדיק שווער קאָמפּליצירטע פֿאַלן, וועלכע איוואַ האָט געהאַט אויף איר צעטל, און אַזוינע וועלכע האָבן געדאַרפֿט אָנקומען אין שפּיטאָל.

דוד בלומבערג האָט צוערשט אויסגעמיטן אָט דעם ווילטועריִשן אַנשטאַלט. ס'האָט געטראָגן אין זיינע אויגן אַ נדבה־בעטלערישן כאַראַקטער, ווו מען דאַרף אָפּזיצן שעהען־לאַנג ביז מען דערוואַרט זיך אויף דער ריי, פּינקטלעכער — אויף איוואַן. בעת־מעשה טראָגן זיך אום איבערן אויפֿנעמזאַל, ווי שוואַרצע מכשפֿות, די לאַטינאַ־געהילפֿן מיט מאַטילדאַן בראַש, אָבער נויט, זאָגט מען, ברעכט אייזן! שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט מאַטילדאַן האָט בלומבערג דערפֿילט אַ ווידערווילן צו איר, אַוודאי ניט צוליב איר אָפּשטאַם און אַפֿילו ניט צוליבן צלמל, וואָס האָט זיך געבאָמבלט אויפֿן האַלדז. נייערט מחמת איר בליק, וועלכער האָט זיך געבאָוועט, משמעות, אין אַ ייִדיש־פֿיינטלעכער סביבה. בעת זי האָט זיך געווענדט צו אירע לייט פֿון קאָנטינענט איז ווי אַ פּראָלאָג געגאַנגען פֿאַרויס אַ ווייכער "סיניאָר" אָדער "סיניאָראַ". און ווען דער נאָמען, צי דער אויסזען פֿון אַ פּערזאָן איז איר געווען פֿרעמדלענדיש און ניט־קריסטלעך, האָט זיך איבער איר מראה אַראָפּגעלאָזן אַ וואָלקן פֿון אומצוטרוי, און דער בליק אירער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ סאַבראַ־דאָרן...

— דר. פּראָפּוס קען אייך ניט אויפנעמען! — האָט זי געזאָגט אויף אַ שטייגער, וואָס מ׳האָט זיך געדאַרפט מער אָנשטויסן, ווי פאַרשטיין.

בלומבערג האָט זיך אַזש אַ הייב געטאָן פון אָרט, ווו ער איז אָפּגעזעסן שעהען אין אומגעדולד, — איך האָב דאָך אַ באַשטעלונג מיט אים נאָך פון צוויי וואָכן צוריק. איוואַ ווייסט דערפון.

— מר. בלומבערג איז גערעכט! — האָט איוואַ גלייך באַשטעטיקט.

— און איך זאָג — האָט מאַטילדאַ אינטאָנירט מיט רוגזה. — דר. פּראָפּוס וועט היינט קיינעם ניט באַהאַנדלען.

—דאָס וועט איר דערציילן אייערע לאַנדסלייט! — האָט זיך בלומבערג אַ לאָז געטאָן, באַגלייט פון איוואַ, צו דר. פּראָפּוסעס קאַבינעט.

— גייט, גייט! — האָט זי אים געמוטיקט. — און הערט זי ווי די קאַץ. — האָט זי אַריינגעוואָרפן אַ ייִדיש ווערטל.

דר. פּראָפּוס, וואָס האָט זיך, בדרך־כּלל, באַצויגן מיט איידלקייט און מיטגעפיל צו זיין קליענטעל, האָט אים דאָס מאָל אויפגענומען זייער קיל. ס׳איז גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז מיט געציילטע מינוטן פריער, האָט מיט אים גערעדט, ריכטיקער, באַרעדט מאַטילדאַ, און וואָס זי האָט אים געזאָגט, ווייסן זיי נאָרביידע און דער אייבערשטער, וואָס איז מבין כל לשון...

— איר דאַרפט זיין שטאַרק אָפּגעהיט מיט די מעדיקאַמענטן!

— האָט דר. פּראָפּוס אים געזאָגט, נאָך דער אונטערזוכונג — דער דראָגיסט זעצט אויס געוויסע זאַכן קעגן אייך, מר. בלומבערג — האָט ער מאָדנע אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס קאָן ער אויסזעצן, דר. פּראָפּוס? ס׳איז דאָך ניט קיין צוקערקע, וואָס מען כאַפּט אַן איבעריקן נאַש... — האָט בלומבערג געענטפערט מיט אַ טראָפּעלע סאַרקאַזם.

— היינטיקס מאָל וועט איר דאַרפן באַצאָלן פאַרן איינקויף! — און ער האָט זיך אויפגעשטעלט ווי אַ סימן, אַז דער וויזיט איז פאַרענדיקט.

גייענדיק אויף מאָרגן אין אַפּטייק, האָט בלומבערג באַשלאָסן צו געבן אַ גאָב דעם פּראָוויזאָר, צי זיין אַסיסטענט. אָבער שוין ביים שוועל איז אים אָנטעקן געקומען דער ערשטער מיט ניט קיין פאַרהוילענער שאָדנפרייד—מאַטילדאַ האָט ערשט געלאָזט וויסן, אַז דאָס מאָל צאָלט איר פאַר די מעדיקאַמענטן. — האָט ער שטאַרק אינטאָנירט דעם ״איר״...

בלומבערג האָט געוואָלט אים ענטפערן, ווי גערעכנט, מיט באַקציינער נאָר מערקנדיק יענעמס נטיה צו שפּילן להכעיס, האָט ער שטילשווייגנדיק באַצאָלט און זיך אָפּגעטראָגן, ניט אומקוקנדיק זיך אַפילו אין זיין זייט...

איוואַ איז געווען אַ פאַרזעסן מיידל, לויט איר מענטאַליטעט וואָלט זי געווען אַן אידעאַלע פרוי און אַ געטרייע מוטער, אָבער ניט יעדער מאַן האָט זי געהעריק אָפּגעשאַצט, און ניט יעדע "פּאָר הויזן" האָט אויסגענומען ביי איר. זי איז געווען צו קריטיש, צו זעלבסטשטענדיק און צו פאַראַנטוואָרטלעך...

ס'האָט ניט איין מאָל געטראָפן אַז דער טעלעפאָן זאָל זיך צעקלינגען אין מיטן נאַכט, און אויפוועקן איוואַן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. איין גאָט ווייסט ווי אַזוי דער בעל־דבר האָט געקראָגן איר נומער. חוץ אַ פּאָר נאָענטע פריינד האָט פון אים קיינער ניט געוווסט און אין טעלעפאָן־בוך איז ער, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, ניט געווען רעגיסטרירט...

דאָס מאָל האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ חולה־מסוכן, וואָס איז ניט לאַנג צוריק אָפּערירט געוואָרן אויף גאַלשטיינער, ער האָט אַצינד דערפילט שטאַרקע ווייטיקן אין ברוסטקאַסטן, און מען דאַרף האָבן פון איר אַ וואָרט, אַ צייגעניש אים אַריינצונעמען אין שפּיטאָל. (דר. פּראָפּוס איז גראָד דעמאָלט געווען אויסערן שטאָט).

פון יענער זייט שפּיטאָל־דראָטן האָט מען געמאַכט שוועריקייטן און געזוכט אָפּצולייגן דאָס שיקן פונעם אַמבולאַנס אויף די פריע מאָרגן־שטונדן. אָבער איוואַ איז ניט אָפּגעטראָטן. זי האָט געפאָדערט און דאָס בקול־רם, מען זאָל גלייך, די מינוט, אַרויסשיקן דעם וואָגן, וואָרן מען שטעלט אין קאָן אַ מענטשלעך לעבן. וואָס דאַרפט איר חכמות, זי האָט גערעדט אַזוי לאַנג און אַזוי פיל, ביז מ'האָט דאָרטן אַראָפּגעלאָזן דאָס טרייבל. האָט זיך די פרוי ניט געפוילט, און האָט אָנגעקלונגען אויף דאָס ניי. זי האָט געבעטן רחמים, ווי דער פרעמדער וואָלט געווען אירס אַ בלוט־אייגענער. און ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט זי גענומען סטראַשען מיט פּאָליציי, וואָרענען מיטן געריכט, מיט דער פרעסע. דער סוף איז געווען — זי האָט אויסגעפירט! שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געווען גערעכט. ווען ניט איר בהלה, איר אויפרודער — וואָלט דער בר־נש שוין געווען אַ שוכן־עפר...

איר אויפטו האָט זיך גלייך, ווי אַ בליץ, פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, צווישן די מיטגלידער פון קליניק, איז אויך דערגאַנגען צו אַ נייגעריקן רעפּאָרטער, וואָס האָט עס איבערגעגעבן מיט אַלע פּרטים אין זיין צייטונג. אַפילו די לאַטינאָ־געהילפן האָבן באַקומען אָפּשיי פאַר איר, זי טיטולירט מיטן צונאָמען „לאַ־בועגאַ" (גוטע), ניט זעלטן מיט אַן איראָנישן ביי־טעם...

אויך דער מעדיציניִשער סטעף מיט דר. פּראָפּוסן אין דער שפּיץ, האָבן אָפּגעשאַצט איר האַנדלונג, ס'האָט גראָד דעמאָלט די קליניק געביטן הענט. אַן אַנדער געזעלשאַפט האָט זי איבערגענומען און די אַפיליאירטע היילאַנשטאַלטן, און מען האָט זיך געשראָקן, אַז בעתן בייט זאָל מען פאַרלירן מיטגלידער, וואָרן ביי יעדער ענדערונג, זוכן זיך אָפּ כּידוע מיד־געוואָרענע, אומצופרידענע און פאַרביטערטע סוביעקטן...

אָבער צוליב איוואַס צערווישטער, כּמעט סענסאַציאָנעלער געשעעניש, איז פאַרגעקומען אַ פאַרקערטער פּראָצעס. איר שם־טוב האָט ניט נאָר באַרויִקט די באַשטענדיקע פּאַציענטן, נייערט — אַ סך נייע זיינען צוגעקומען...

נאָר פּלוצעם, פון דער העלער הויט, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַן אומגלויבלעכער קלאַנג! אַז איוואַ גרין רעזיגנירט. אַז זי פאַרלאָזט נאָך פינף־און־צוואַנציק יאָר ניט איבערגעריסענער דינסט די קליניק. מען האָט זיך געוואונדערט, געשטוינט, באַדויערט. אַנדערע האָבן זיך עס אַפילו גענומען צום האַרצן — סטייטש? היתּכן? בלויז ביי די לאַטינאָ־געהילפן האָט זיך געמערקט אַ געוויסע סאַטיספאַקציע...

אין איינעם אַ זומערדיקן שפּעטן נאָך מיטאָג, האָט בלומבערג באַגעגנט אויף זיין טעגלעכן שפּאַציר איוואַן. זי איז געווען, ווי איר שטייגער, ערנסט און פאַרטיפט אין זיך: — ווּהין גייט זיך אַ ווילע פרוי איינינקע אַליין אין גאַס? — האָט ער אַ דערפרייטער געפרעגט.

— צום אויטאָבוס! — האָט זי שטיל געענטפערט, באַטראַכטנדיק אים מיט אַ ביסל חידוש.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר ווינט דאָ, ניט ווייט, פון קליניק.

זי האָט אומעטיק אַ שמייכל געטאָן: — איך וווין... — און זי האָט אָנגערופן אַ נומער פון אַ גאַס, פאַרוואָרפן אין ווייטן צפון. — עס נעמט

מיר העכער אַ שעה צו קומען אַהין. — האָט זיך געפילט אַ ביטערקייט אין אירע רייד.

— פאַר וואָס אַזוי ווייט, איוואַ?

— אָ — האָט זי אויסגערופן. — כ׳האָב דאָרטן אַ קאַנדאַ... געקויפט אַ מאָל פאַר אַ צוגעגנגלען פּרייז — אַזש אַ קאַנדאַ? איר זייט דאָך איין מענטש אַליין...

— כ׳האָב געמיינט, טאָמער פאַרבלאָנדזשעט צו מיר אַ קרוב, צי אַ פריינדין, זאָל איך האָבן פאַר זיי אַ באַקוועמען צימער. — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט.

בלומבערג האָט אַ ווײַלע געשוויגן און פאָרזיכטיק געפרעגט:

— איוואַ, איז עס אמת, אַז איר פאַרלאָזט די קליניק, אונדז אַלעמען?

— פינף־און־צוואַנציק יאָר איז גענוג צו זיין אויף איין אָרט! — האָט זי געזאָגט אַ פאַרטראַכטע. — ס׳איז דאָ ערגעץ אַ גרויסע וועלט און איך האָב זי נאָך ניט געזען... ווער ווייסט ? אפשר וועל איך זיך אַ מאָל אומקערן אַהער — אויב מען וועט מיך דאַרפן... זי האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן עפּעס אַ מענטשן, וואָס האָט ניט געהאַלטן זיין וואָרט... און זי איז פאַרשוווּנדן אין דעם אָנקומענדיקן בין־השמשות...

דער גמרא־ייִד

(פון ייִדישן פאָלקלאָר)

הגם אָשר לפידות איז געווען אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם און דער גרעסטער גביר אין שטעטל, האָט ער פון דעסטוועגן פיינט געהאַט אָרעמע־לייט, ניט מחמת רשעות, חלילה, אָדער קמצנות. אדרבא — ער האָט געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט אויף ״הכנסת־כלה״, אויף ״מלביש־ערומים״, אויף ״לינת־הצדק״, אויף אַלץ — נאָר צו וועלן קומען פּנים־אל־פּנים מיט אַ נויטבאַדערפטיקן, דאָס האָט מען ביי אים בשום אופן ניט געקענט פועלן. ר׳ אָשר איז געווען אַ רך־לבֿ! אויף אים און אַזוינע ווי ער איז משמעות געזאָגט געוואָרן דאָס ווערטל — ״אַז פון גרויס רחמנות קען ער אַן אביון ניט אָנקוקן...״

ויהי היום, האָט זיך אין שטעטל באַוויזן אַ מאָדנער אָרעמאַן, אַ הויכער ייִד אין גאַנצע בגדים, מיט גרויסע, דורכדרינגענדיקע אויגן, מיט אַ צעפּלאַטערטער באָרד און מיט אַ שטעקן אין האַנט...

דער פרעמדער איז דאָרט אָפּגעווען עטלעכע טעג, איז ס'רוב געזעסן אין בית־מדרש, אַריינגעקוקט אין אַ ספר, אָנגעשפּיצט אַן אויער ווען ייִדן האָבן געשמועסט וועגן זיך, און ווען עמעצער האָט געוואָלט דערגיין ווער ער איז, וואָס ער טוט, האָט ער אָנגענומען אַ פול מויל מיט שווייגעניש און זיך געמאַכט כּלא־ידע.

איין מאָל טוט ער פּלוצעם אַ פרעג: — רבותים, ווען אַן ערך קאָן מען געפינען ר' אָשר לפידותן אין דער היים?

די געפרעגטע האָבן אויפגעהויבן די אויגן, אָפּגעמאָסטן דעם אָרעמאַן מיט גרויס חידוש און זיך איבערגעקוקט. איינעם האָט זיך פאַרגלוסט אַ שפּאַס צו טאָן:

— שייך צו זאָגן ווען, ס'ווענדט זיך ווער עס דאַרף צו אים — און האָט שטאַרק געקוועטשט אויפן "ווער"...

— איך דאַרף צו אים! — האָט דער פרעמדער גרויס־מויליק אָנגעוויזן אויף זיך.

— וועט איר דאַרפן לאַנג וואַרטן, פעטער — האָט דער זעלביקער אים שווער געמאַכט דאָס האַרץ.

— אויף וואָס, אַ שטייגער, דאַרפט איר ר' אָשרן? — איז אויך דער שמש געוואָרן כּלומרשט נייגעריק — אויב מכּח טיי, האָט עס שוין וויסאָצקי פריער אויסגעכאַפּט, אפשר מכּח געהילץ, זייף, מאַרציפּאַנעס? אדרבא, לאָמיר הערן! — און ער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ דריבנעם געלעכטערל.

אָנשטאָט אַ תשובה, האָט זיך דער פרעמדער אַ שטעל אויף געטאָן אין זיין גאַנצער הויך, אַוועקגעמאַכט מיט דעם שטעקן דעם לאַכנדיקן שמש און איז אַרויס. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט גרויסע שפּאַן צום שענסטן מויערל פון שטעטל און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן חיים־יאָסל דער משרת. ער האָט מיט חשד באַטראַכט דעם אומגעבעטענעם גאַסט.

— איך דאַרף צו ר' אָשר לפידותן! — האָט יענער אים ניט געלאָזט לאַנג טראַכטן. איך...

ר׳ אָשר, וואָס האָט ערשט געהאַט פאַרענדיקט דעם אָנבייסן און איז געזעסן בהרחבה אין גרויסן פאָטעלשטול, ציענדיק רינגעלעך רויך פון אַ לאַנגן ליולקע־ציבעק, האָט באַמערקט דעם משרתעס פאַרלעגנהייט:

— וואָס איז געשען, חיים־יאָסל?

— עפּעס אַ ייִד האָט זיך צוגעטשעפּעט, אַז ער וויל זען דעם באַלעבאָס... ער טרעט ניט אָפּ פון שוועל — האָט דער משרת זיך געפילט שולדיק.

— פרעג אים אָקאָרשט אויף זיין נאָמען — איז דער גביר געווען היינט אומגעווייִנלעך אויפגעלייגט.

חיים־יאָסל האָט געשטעלט די זעלביקע קשיה דעם פרעמדן.

— גיי און זאָג אים, אַז איך הייס דער ״בעל־הגמרא״!

דערהערט אַזאַ נאָמען, איז ר׳ אָשר לפּידות געוואָרן נייגעריק און באַפוילן אים אַריינצופירן.

— וואָס וועט איר זאָגן עפּעס גוטס ר׳ ייִד? — האָט דער גביר געמאַכט אַן ערנסטע מינע.

— גמרא! — האָט דער פרעמדער אַרויסגעלאָזט איין וואָרט פון מויל — גמרא!

דער גאַסט האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ס׳מיינט פּשוט: ״גוט מאָרגן, ר׳ אָשר!״

ר׳ אָשרן איז געפעלן געוואָרן דער איינפאַל, האָט ער זיך אויך צעשמייכלט. דערזען אַז דער גביר איז אין אַ גוטער שטימונג, האָט דער הויכער ייִד נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט ״גמרא״!

— וואָס מיינט עס איצט? — איז דער באַלעבאָס נאָך אַלץ געווען נייגעריק.

— איצט מיינט עס — האָט דער אָרעמאַן אים געגעבן צו פאַרשטיין — ״גיט מעות ר׳ אָשר!״

הגם אויך דאָס מאָל האָט דער איינפאַל שטאַרק אויסגענומען ביים גביר, אָבער געשמייכלט האָט ער שוין ניט. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ מטבע און, קעגן זיין געוווינהייט, דערלאַנגט דעם אָרעמאַן.

דער פרעמדער האָט גיך באַהאַלטן דאָס געלט אין קעשענע און ווידער אַ וואָרף געטאָן דאָס כּישוף־וואָרט — ״גמרא!״

— אַ נייע גמרא? — האָט דעם באַלעבאָס אָנגעהויבן ווערן פריקרע

דער גאַנצער עסק — וואָס זאָגט די נייע גמרא? — האָט ער געפרעגט אָן חשק.

"גיט מער, ר' אָשר!" — איז דער גאַסט אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין חכמה, אַז ער האָט ניט באַמערקט די ענדערונג אינעם גביר. דער לעצטער האָט אומגעדולדיק אַ פרעג געטאָן:

— נו, און פון מיינער אַ גמרא האָט איר געהערט?

— אדרבא, לאָמיר טאַקע הערן, ר' אָשר — האָט זיך דער גאַסט דערפילט היימישער.

— "גייט מיט די רגלים אַרויס!" — האָט דער באַלעבאָס אים מסביר געווען, — דאָס איז די גמרא, און אָט האָט איר דעם "תּוספות" — אַז ניט, וועט מען אייך פון אַלע טרעפּ אַראָפּוואַרפן!

אויף אַזאַ ווענדונג האָט זיך דער פרעמדער ניט גערעכנט. ער האָט שנעל אַרויסגעקראָגן די מטבע, זי אַ לייג געטאָן אויפן טיש און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— סטייטש? — האָט ר' אָשר געקוקט אָט אויפן טיש, אָט אויפן מאָדנעם אָרעמאַן.

— פון "מטה יהודה" האָט איר געהערט ר' אָשר? — האָט דער גאַסט פּלוצעם געפרעגט שוין האַלטנדיק די קליאַמקע אין האַנט.

— געהערט! געהערט! אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט "ער" צום ענין? — האָט דער באַלעבאָס געוואָלט וויסן.

— אַ גרויסן שייכות! — איז דעם אָרעמאַן געפעלן געוואָרן, וואָס ער "דערלאַנגט" אַ שטיקל תּורה דעם גביר — דער "מטה יהודה" טייטשט אויס דעם פּסוק אין בראשית "מאָשר שמנה לחמו והוא יתן מעדני מלך..." אַזוי: יעקב אָבינו האָט געלויבט זיין זון אָשרן "מאָשר שמנה לחמו — זיין ברויט וואָס ער עסט איז אים פעט און באַטעמט דעמאָלט — והוא יתן — ווען ער גיט אָרעמעלייט פון "מעדני מלך..." און איר, ר' אָשר, יעקב אָבינוס אַן אייניקל — האָט ער פאַרענדיקט, — ווילט הנאה האָבן פון אייער אָנבייסן מיט שוי־טויע?...

דער גביר האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט זיין טשיקאַוון גאַסט און האָט אָן ווערטער אים דערלאַנגט אַן אַסיגנאַציע.

דער "בעל־גמרא" האָט זי שווייגנדיק צוגענומען, און די גרויסע, דורכדרינגענדיקע אויגן האָבן געשמייכלט מיט נצחון...

די ערשטע געסט

דער ערשטער גאַסט אין אונדזער נײַ דירהלע אין די בערג איז געווען אַ קליין קאָטערל, אויסגעפּוצט ווערליק דעם דאָרטיקן קלימאַט, אין אַ גרוי־געשפּרינקלטן פעלצל, מיט שניי־ווייסע שטיוועלעך אויף די פיס. ער האָט אונדז באַשמעקט מיט אַן אויפגעהויבן עקעלע און זיך אַוועקגעלאָזט, מעשה רעוויזאָר, אין אַלע ווינקעלעך, דער עיקרשט אונטער די בעטן, און איז אַרויסגעקומען מיט אַן אַפּירמאַטיוון נייג פונעם קעפּעלע, אַז אַלץ איז ביי אונדז בסדר.

באַלד האָט זיך באַוויזן זיין שוועסטערל. זי איז געווען פיל קלענער פאַר אים, אין גאַנצן אַ גרויינקע, מיט אַ קליין, צאַרט פּנימל און גוטע, ווייכע אייגעלעך. זי האָט אומדרייסט אַריינגעבליקט אין דער דראָטענער טיר, און באַמערקנדיק דאָרטן איר ברודערל, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז מען קאָן טרויען די לייט אינעווייניק. האָט זי זיך, אָן לאַנגע שהיות, דורכגעשטופּט, און איז אויך אַריין.

די צוויי חברה־לייט האָבן זיך דערשפּירט ביי אונדז שטאַרק היימיש. זיי האָבן געריסן מיט די נעגל דעם טעפּעך, די פאַרהאַנגען, דעם טישטוך, געשפּרונגען אויף די שטולן, אויפן טיש, אויפן קאָמאָד, געוואָלט אַפילו זען, וואָס מיין פרוי גרייט צו אויף אָנבייסן, קורץ און שלעכט, זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס און ניט געגעבן אונדז קיין רו... מען האָט זיי געמוזט אַרויסשטעלן אויפן באַלקאָן, אויב ניט, וואָלט מסתמא די באַלעבאָסטע אונדז אַרויסגעשטעלט פון דער דירה. מיר האָבן באַזאָרגט די קעצלעך מיט אַ קעסטל, וואָס זאָל זיי דינען פאַר אַ היים, אַ שיסעלע מילך צו שטילן דעם הונגער, און אין איינעם מיט אונדז האָבן זיי געקאָנט געניסן פון דער באַרגיקער שיינקייט און רחבות...

אין משך פון אַ פּאָר טעג האָבן זיך די צוויי אומגעבעטענע געסט אַזוי צוגעבונדן צו אונדז, אַז זיי האָבן אונדז ניט אויסגעלאָזן פון אויג. בעת די מאָלצייטן זיינען ביידע געזעסן ביים אַריינגאַנג און געדולדיק געוואַרט ביז מיר וועלן זיי אַרויסברענגען זייער חלק. אין דער צווישנצייט האָבן זיי זיך אומגעיאָגט איבערן לאַנגן באַלקאָן, זיך געוואָרפן איינס אויפן אַנדערן, זיך געשפּילט. צי געלעגן איינגעטוליעט בייזאַנד מיט די נעזעלעך פאַרגראָבן אין די פעלכלעך און — געדרעמלט.

מיר האָבן געגומען באַמערקן די באַזונדערע איינגשאַפֿטן פֿון די קעצעלעך: דאָס קאָטערל — פֿלינק, אַגרעסיוו, מיט אַ נייגער, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַ סך פֿון זיין מין, האָט גלייך אויפֿגעכאַפּט יעדע באַוועגונג, יעדן אומבייט, האָט געגעסן, ניין, האָט געשלונגען אַלץ און גיך. און הגם דאָס שוועסטערל איז אים געווען, ווי מיר וועלן באַלד זען, זייער טייער, האָט ער ביי איר אַרויסגעשנאַפּט ממש דעם ביסן פֿון מויל.

די קליינע האָט ניט דערווידערט. זי האָט זיך קוים צוגערירט צום שיסעלע, מן הסתם האָט זי געוווסט פֿונם באַקאַנטן זאָג, אַז מ'לעבט ניט בלויז פֿאַרן בייכעלע אַליין. זי האָט, ווי קליין זי איז געווען, אָנגעהויבן פֿרי אַרויסווייזן מאַמעשע נייגונגען. ווען זי האָט זיך געענדיקט אַרומוואַשן דאָס פּנימל, די אויערלעך, אויסקאַמען און אויסגלעטן דעם רוקן, אויסרייניקן מיט די ציינדלעך די נעגל פֿון די לאַפּקעלעך, האָט זי זיך אַ נעם געטאָן צום וווקסיקן ברודערל, אים געגלעט מיטן צינגל וואָס עס האָט נאָר אָנגעטראָפֿן אויפֿן וועג. דאָס תּבשיטל איז געלעגן אויסגעצויגן און זיך געלאָזט ווויליגיין. און טאָמער האָט זי זיך אויף אַ ווייל פֿאַרגעסן מיט איר צערטלעכקייט, האָט ער מיט אַ דריגע פֿון פּיסל איר עס תּיכּף דערמאָנט.

איין מאָל אין אַן אָוונט האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ קליינעם שפּאַציר באַרג אַראָפּ, מיט אַ מאָל האָבן מיר באַמערקט ווי די צוויי קעצעלעך פֿאָלגן אונדז נאָך. דאָס קאָטערל פֿאָראויס און הינטער אים — דאָס שוועסטערל.

דאָס איז געווען אַ נייעס! וואָרן ביז דעמאָלט זיינען זיי ווייטער פֿון באַלקאָן ניט אַוועק. און הגם דער וועג איז אַ דאָרפֿישער, שניידט דורך, פֿון דעסטוועגן אַן אויטאָ פֿון צייט צו צייט מיט זיינע שאַרפֿע ליכטער די פֿינצטערניש, אַזש מען בלייבט שטיין אַ פֿאַרבלענדעטער. מיר זיינען געוואָרן אומרויִק און געוואָלט כאַפּן דאָס קליינוואַרג און זיך אומקערן אַהיים. נאָר דאָ איז פֿון די הייכן אָנגעלאָפֿן אַ מאַשין, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט, אין יענער רגע, דעם איינדרוק פֿון אַ פֿאַרצוקנדיקער חיה מיט גרויסע ברענענדיקע אויגן. מיר האָבן נאָך באַוויזן צו זען אינעם פֿלעק ליכט אויפֿן אַספֿאַלט דאָס אויף טויט דערשראָקן קעצעלע. דער מענטש אינעווייניק האָט ראַפּטום פֿאַרהאַלטן די רעדער, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. וואָרן נאָך זיין אָפּפֿאָרן, האָבן מיר געפֿונען די

קליינע צונויפגעקאָרטשעט, ווי אַ קנײלעכל באַוול. זי האָט קוים געאָטעמט און פון אַן אויערל האָט געטריפט בלוט...

— מיר קאָנען דאָ גאָרניט העלפן — האָט געזאָגט מיין פרוי.

— ס׳איז שווער פאַרוונדעט און עס וועט לאַנג ניט ציען...

אויב דאָס איז געווען ווינציק, האָט זיך פון ערגעץ גענומען אַ הונט און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן קאָטערל, קאָנטיק אַז ס׳איז געווען זיין טעריטאָריע, און ער האָט ניט דערלויבט קיין אַריינדרינגערס.

איך האָב געזען דעם קאָטערלס שרעק און פאַרצווייפלונג, און געוואָלט אים ראַטעווען פון כלבס ציין, נאָר ער איז פלוצעם נעלם געוואָרן אין די קוסטעס, און דער אָנפאַלער האָט אומזיסט געבילט אין דער נאַכט אַריין.

מיר זיינען געקומען אַהיים מיט אַ שווער געמיט. מיר האָבן זיך געפילט שולדיק, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט דאָס פאַרוונדעטע קעצעלע אויף גאָטס באַראָט, און איר ברודערל ווייט פון שטיבל. ס׳האָט אָנגעהויבן צו רעגענען און אַ שאַרפער ווינט האָט געריסן די פענצטער. איך שעם מיך ניט מודה צו זיין, אַז איך בין יענע נאַכט שלעכט געשלאָפן און געטראַכט וועגן דעם גורל פון די קליינע און שוואַכע באַשעפענישן, כאָטש די וועלט האָט גרעסערע און וויכטיקערע פּראָבלעמען.

אויף מאָרגן האָבן מיר ניט אויסגערעדט אַ וואָרט ביים פרישטיק. איך און מיין פרוי האָבן אַרויסגעקוקט אויפן שטיל סומנעם באַלקאָן און האָבן, אַ פּנים ביידע געקלערט די זעלביקע געדאַנקען. ווען כ׳האָב באַמערקט, אַז כ׳וויל זיך אַ ביסל דורכגיין, האָט זי זיך ניט געוווּנדערט, הגם מיין שפּאַצירצייט פלעגט, ס׳רוב, זיין פאַרנאַכט־צו.

איך האָב זיך געלאָזן מיטן זעלביקן וועג ווי מיט אַן אָוונט פריער, מיט דער האָפענונג צו געפינען דאָס קאָטערל. כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי אַ פּאָר דאָרפישע קינדער אויף אים, אָבער זיי האָבן בלויז געפינטלט מיט די אייגעלעך ווי אַ סימן, אַז זיי ווייסן ניט.

צוקומענדיק צום אָרט, וווּ דער עקסידענט האָט געטראָפן, האָב איך אים דערזען, דאָס קאָטערל, אַרויסקומען פון די קוסטעס. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט זיך דערפרייען מיט מיר. ערשט ער האָט זיך אָפּגעקערט אַן אַ זייט, גלייך איך וואָלט אים געווען אַ פרעמדער. איך האָב אים גערופן, איז ער פאַרקראָכן אין אַ גרוב, איך האָט דאָרטן

געפונען זיין שוועסטערל. זי האָט זיך קאָנטיק דערשלעפּט מיט די לעצטע כּוחות אין אַ מער זיכערן אָרט און קוים געזשיפּעט.

איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויגן. דאָס קליין צאַרט קעצעלע האָט איבערגעלעבט די קאַלטע, רעגנדיקע נאַכט. איך האָב פאַר גרויס פרייד ניט געוווּסט וואָס פריער צו טאָן. איך האָב אַ כאַפּ געגעבן דאָס קאָטערל אויף מיינע הענט און האָב אים געגלעט איבערן קעפּל, אונטער די אויערלעך. איך האָב אים געוואָלט קאָמפּענסירן פאַר די שווערע ליידן. ער האָט זיך געריסן פון מיר אַ כמורנער, אַ בייזלעכער, און זיך בשום אופן ניט געוואָלט שיידן פון זיין קראַנקן שוועסטערל. איך האָב געפונען אַ פּאַפּירן זעקל און זי פאָרזיכטיק אַריינגעטראָגן אינעווייניק און גענומען שפּאַנען באַרג־אַרויף. דאָס קאָטערל האָט מיך עקשנותדיק נאָכגעפאָלגט, וואַרפנידק נייגעריק־קוריאָזע בליקן אויף מיין מאָדנעם באַגאַזש.

מיין פרוי, דערהערנדיק מיינע טריט, איז אַרויס אויפן באַלקאָן, געקוקט פאַרחידושט אויף מיר, אויפן פאַרשטויבטן און מידן קאָטערל, אויפן חולה־קעצעלע, וואָס כ'האָב באַפרייט פון פּאַפּיר און אַוועקגעווישט אַ טרער פון ווינקל אויג...

דבורהלע

ווי אַ בליץ האָט זיך דורכגעטראָגן די שמועה איבערן פיר־גאָרנדיקן בנין, אַז דבורהלע איז נפטר געוואָרן. ס'איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַזוי אומדערוואַרט, ווי זי וואָלט געווען, רחמנא־לצלן, אַ ניינצן־יאָריקע און ניט אַ זקנה אין די ניינציקער, דאָס הייסט, די עלטסטע באַווינערין פון דער ברייט־פאַרנעמיקער און דאָך אומהיימלעבער זקנים־היים.

ערשט נעכטן,אייער־נעכטן, האָבן זיך צו איר געצויגן עלטערע לייט פון אַלע שטאָקן: — ווער מיט דער הילף פון שטעקן, ווער אָנגעשפּאַרט אויף קוליעס און ווער אין אַ ראָדשטול. מען האָט געזוכט ביי איר אַן עצה, אַ טרייסט, אַ שמייכל, ווייל דאָס רוב פון זיי זיינען געווען עלנטע, איינזאַמע און כמעט פאַרגעסענע מענטשן...

דבורהלע האָט אויפגענומען אירע באַזוכערס ווי, לדוגמא, אַ רופא זיינע חולים. זי איז געזעסן אין בעט, אָנגעשפּאַרט אויף קישנס, אַ

שוואַכינקע, אַן אויסגעצערטע און האָט מערסטנס געשוויגן. און ווען זי האָט יאָ עפּעס געזאָגט, זיינען עס געווען ווערטער, וועלכע האָבן דערהויבן, דערפרייט און געשטאַרקט, און האָט זיך אַ וואָרט פאַרלוירן, האָט עס פאַרגיטיקט איר שמייכל, איר האַנטגלעט...

באַזונדערס האָט זיך געהאַט צוגעבונדן צו איר אַ קובאַנער ייִד, מאיר עלקין. ער האָט געהאַט אַ סך קריוודעס און טענות צו זיין פריערדיקן היימלאַנד, צו אַמעריקע און צו זיין אייגענער משפּחה. וואָס האָט גערעדט צו אים דאָס רוב שפּאַניש אויפן אינדזל, און איר נאָכוווקס דאָ־הי — אויף ענגליש, נאָר זעלטן אַ וואָרט ייִדיש. און ער פלעגט זיך אומדרייען אָפט אין שטוב אַ שטומער, אַ פרעמדער, אַן איבעריקער, ביז ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן איינצושטילן זיין שווער געמיט און זיך פאַרהאַלטן ביי — דבורהלען. ער איז דעמאָלט געווען אַ טאָפּלטער געווינער: — אי ער האָט זיך פאַרדינט די מצווה פון מבקר־חולה זיין די אַלטיטשקע, אי ער האָט זיך געקאָנט פאַר איר אַראָפּרעדן פון האַרצן..

לכתּחילה איז אים געווען אַ ביסל פּריקרע אויפצודעקן זיינע קלעמענישן פאַר אַן אשה, אָבער גאָר גיך האָט ער אויסגעפונען, אַז זי טראָגט אויף זיך אַ מאַנצבילשן קאָפּ עלעהיי די תּנכישע דבורה, צו וועמען מ'האָט זיך געווענדט אין אַן עת־צרה. ער פלעגט זיך דעמאָלט אומקערן אַהיים אַ באַרויִקטער, אַ גערטרייסטער.

עס זיינען אָבער געווען שעהען, ווען דבורהלע האָט ניט גערן געהאַט קיין געסט. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען איר טאָכטער, ציליאַ, האָט געדאַרפט קומען. ציליאַ איז געווען אייפּערזיכטיק, ווי אומגלייבלעך עס זאָל ניט זיין. אויף אַ לענגערע צייט, האָט זי געוואָלט האָבן די מאַמען אין גאַנצן פאַר זיך. אַוודאי וואָלט גלייכער געווען ווען דבורהלע און הויזט ביי איר אין איר גרויסער, רחבותדיקער דירה, האָט זיך אָבער געפונען דער טאָכטערס היים אין אַ געגנט ווייט פון ייִדן און ייִדישקייט, און די מאַמע האָט זיך נאָך ביז ניט לאַנג צוריק געטראָפן מיט אירגלייכן, און יענע לייט זיינען איר ליב געווען היימיש ווייערע התנהגותן.

ציליאַ האָט שוין קליינערהייט געטראָגן בייגאַנד מיט דער מאַמען די שטוביקע זאָרגן, די דאגות־פּרנסה, וואָרן דער טאַטע — אַ שטילער, אַ צוריקגעצויגענער, אָן אַ מלאכה, — איז געווען אַ קנאַפּער פאַרדינער.

ער איז דאָס רוב געזעסן פאַרטיפט איבער אַ ספר, ווי ער איז זיך נוהג געווען אינם ליטווישן היימשטעטל. דבורהלע אָנשטאָט פאַראיבל צו האָבן אויפן מאַן, האָט אים געגרויסט און געאַכפערט פאַר די קינדער, פאַר דער משפחה, פאַר שכנים, אַזוי ביז זיין פריצייטיקן טויט, און אַליין האָט זי געטאָן כל עבודת־פרך, אַפילו געקאָכט פאַר פרעמדע לייט און דאָס טעבטערל, ציליאַ, האָט אַרויסגעהאָלפן — ביז זי האָט די צוויי עלטערע ייִנגעלעך געשטעלט אויף די פיס זיי און שפּעטער ציליאַן געשיקט אין קאָלעדזש. די זין זיינען שוין פון אַ צייט באַוווסטע יוריסטן אין גרויסע אַמעריקאַנער שטעט, באַוואַרפן דער מאַמען מיט בריוו, מיט מתּנות, מיט בקשות, זי זאָל זיי קומען זען.

ציליאַ, אַ קינדער־פּסיכאָלאָגין און איר מאַן אַן אַרכיטעקט, זיינען געווען שטאָלץ מיט דער מאַמען, זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן פון איר גראָדן שכל, פון איר התמדה, האָבן געדענקט, גאָרניט ווי ס׳רוב אַמעריקאַנער קינדער, דער מאַמעס שווערע יאָרן, און געזוכט צו פאַרגרינגערן איר עלטער, אירע חולאתן.

— דבורהלע, איר האָט גרויס מזל צו אייערע קינדער! — אַזוי פלעגט איר ניט זעלטן זאָגן אירער אַ שכן, ווען זי האָט נאָך געפירט אַן אייגענע באַלעבאַטישקייט.

— יאָ — האָט דבורהלע געענטפערט אַ ביסעלע אין אַ פאַרלעגנהייט.

— איך ווייס ניט וועמעס זכותים זיינען מיר דאָ בייגעשטאַנען.

— אייערע אייגענע, דבורהלע!

— נו, נו. האָט די אַלטיטשקע עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— עס זיינען געווען פּשוטע התחייבותן פון קינדער צו עלטערן...

— ניט פּשוטע, און ניט יעדער איינער איז זוכה דערצו, דבורהלע.

צו יענעם בר־נש האָט זיך דבורהלע דווקא צוגעהערט. זיינס אַ וואָרט איז איר געווען שטאַרק ניחא, כאָטש ער איז געווען פיל, פיל ייִנגער פאַר איר. ער האָט איר דערמאָנט אַ סך מאָל אין איר מאַן. ע״ה. יאָ, שיער פאַרגעסן, זיין נאָמען איז געווען ר׳דוד דאַנציגער. פון באַרוף אַ מדריך, אַ דערציער.

איין פרימאָרגן האָט ציליאַ זי געפונען אויפן גאַניק. איר געמיט איז געווען שטאַרק דערשלאָגן. זי איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. זי האָט געזאָגט:

— מיין קינד, איך וויל איבערלאָזן אַ צוואה.
— וואָס עפּעס אין מיטן דערינען, מאַמע? — האָט די טאָכטער זי אָנגעקוקט אַ ביסל אַ דערשראָקענע.
— וואָס איבערצולאָזן האָב איך טאַקע גאָרניט. — האָט די אַלטיטשקע געזאָגט אַ פּאַרטראַכטע, אָבער מיין גוף קאָן אפשר צוניץ קומען אין אַן אַנשטאַלט, אַ שפּיטאָל.

ציליאַ האָט באַטראַכט דער מוטערס אויסגעצערטן קערפּער און האָט זיך געוואָלט היסטעריש צעלאַכן פון איר איינפאַל, נאָר אַנשטאָט לאַכן איז זי צוגעפאַלן צו איר און זי גענומען קושן מיט צערטלעכקייט און באַוואונדערונג...

ביי אַ משפחה־צוזאַמענטרעף

אין חלל איז געהאַנגען אַ געקנויל פון רייד. רוסיש און יידיש זיינען דערגאַנגען צום אויער מיט אַ צומיש פון ענגליש, און נאָך אַ לשון האָט זיך געהערט, וואָס איז צו ערשטן שווער געווען צו באַשטימען. און אַזוי זיינען אויך געווען די מענטשן אין הויז: ביי די עלטערע, פאַרהאַרטעוועטע פיזיאָנאָמיעס פון לאַנגע יאָרן האָרעוואַניע און פיין. און ביי אַ טייל יינגערע — שטילער עלנט און טאָטאַלע רעזיגנאַציע, און ווידער ביי אַנדערע — דווקא עקשנות, זיכערקייט מיט אַ נצחון־פּלעמל אין אויג... און נאָך אַן עלעמענט האָט זיך געמערקט צווישן די געסט, וועלכער איז געווען לחלוטין פרעמד דער סביבה, הן מיטן אויסזען, הן מיטן חיתוך־הדיבור...

ראָזאַליאַ איז געזעסן מיט אַ פּאָר פרויען, וואָס מען האָט צוליב איר פאַרבעטן און האָט פּונקט ווי זיי דאָס רוב געשוויגן, און ווען זיי האָבן יאָ עפּעס געזאָגט, איז עס געווען אין אַ שפּאַנישן דיאַלעקט, וואָס אינדיאַנער דאָרפסלייט נוצן אין טשילע. ראָזאַליאַ האָט בעת־מעשה געוואָרפן אומרויִקע בליקן אויף דער פאַרמאַכטער טיר, און ווען זי האָט זיך ענדלעך געעפנט און זי האָט דערזען איר מאַן און פערצן־יאָריקן זון, האָט זי זיך אָפּגעריסן פון שטול און זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן, און באַלד מיט אָפּשיי זיך צוריקגעצויגן אויף איר אָרט...

דער מכניס־אורח, ברוך שאַיעוויטש, האָט דעם גאַסט אַריינבאַגלייט צום אויבנאָן פון טיש, פרעגנדיק אים אויף יידיש: „נו, דר. לוריע,

וואָס מאַכט איר? וואָס הערט זיך ביי אייך נייעס?". דר. דוד לוריע, אַ הויכער מיט הויכלעכע קינבאַקן און שמאָלע אייגעלעך, ווי ביי זיין פרוי און זון, האָט שטיל געענטפערט אויפן זעלביקן לשון, נאָר מיט אַ שטאַרק־פרעמדלענדישן אַקצענט: — אָט מיר מאַכן, ווי עס לאָזט זיך, און אַ מאָל דאָס אויך ניט... — האָט ער צוגעגעבן מיט אַן אומעטיקן שמייכל.

ס'איז אונטערגעקומען מרס. שאַיעוויטש און זיך געווענדט צו די געסט: "פּאָזשאַלוסטאַ" (ביטע). ס'איז צייט צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין "העלפּ יור סעלף" (העלפט אייך אַליין) ווי מ'רופט עס אין אַמעריקע.

אין אַ דערבייִיקן צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט צוגעגרייטע געריכטן: צעשניטענער הערינג אַרומגערינגלט מיט רייפע ציבלקעלעך, טאָמאַטן און שוואַרצע מאַסלינעס, געדעמפטע פליישן, זאָרגפול צעשניטן אין דינע שיכטן מיט קליינע קאַרטאָפל, ווורשטן, צונגען און אַנדערע דעליקאַטעסן מיט געזייערטע אוגערקעלעך, און וואַזעס מיט פרוכטן, און אין סאַמע מיטן פון טיש האָט זיך געהויבן אַ פינקלדיקער סאַמאָוואַר מיט אַ קאָלירט טשייניקל און דאָס טשייניקל האָט דערמאָנט אין אַ פולינקן פאַרשווינדל מיט אַ מיצל אויפן קאָפּ און דערביי האָט זיך געפונען זיין "חברל" — אַ ניקלנע כלי, פול מיט הייסער, שמעקעדיקער קאַווע.

"פּאָזשאַלוסטאַ, ניע סטעסניייטעס!" (ביטע, שעמט אייך ניט!) — האָט די באַלעבאָסטע ווידער באַמערקט.

די געסט האָבן זיך געשטעלט אין אַ ריי און זיך גענומען צוקלייבן ביים טיש די באַגערטע שפּייזן. זי האָט געפרעגט ביי דר. לוריע וואָס סיי ער, סיי זיין פרוי און סיי זיין זון זיינען געבליבן זיצן — איר וואַרט אַוודאי אויף אייערע עלטערן? און אפשר ווילט איר, וועל איך אייך עפּעס צוברענגען אַהער?

דר. לוריע האָט שטיל און ערנסט געענטפערט: — אויב די אַלע זאַכן דאַרטן זיינען כשר? — און זיינע אייגענע האָבן צוגעשאָקלט הסכמהדיק מיט די קעפּ.

— קאָניעטשנאָ! (געוויס!) כשר! ווי דען אַנדערש? — האָט די מרס. שאַיעוויטש פאַרזיכערט. איר טאָכטער, נינאָטשקאַ האָט עס געהערט און זי האָט זיך סאַרקאַסטיש צעשמייכלט: — איך בין באמת איבערראַשט,

דר. לוריע! איר אַ וועלטלעכער מענטש און איינער פון דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, זאָל זיך אָפּשטעלן אויף אַזוינע ״זאַבאַבאָנעס״? — האָבן אין איר נאָך אָפּגעהילכט עכאָס פון קאָמוניסטישע לערן־ביכלער.

— אָט די ״זאַבאַבאָנעס״, ווי איר רופט זיי, און אויך אַנדערע, האָבן געהאָלפן אויפצוהאַלטן און באַשיצן אונדזער פאָלק אין דער לאַנגער דיאַספּאָראַ — האָט דר. לוריע קורץ און טרוקן אָפּגעשניטן.

ביים מיידל האָבן געלאַכט די שיינע אויגן, דאָס קליינע מויל, דאָס גאַנצע געשטאַלט: — אונדזער פאָלק — האָט זי אים איבערגעקרימט

— זייט מיר מוחל, דאָקטאָר, איר זעט דאָך אַפילו ניט אויס ווי אַ ייִד!

— מעגלעך! אָט זעט איר גראָד אויס זייער ייִדיש, אָבער וואָס פאַראַ ייִדישן נחת קאָנען האָבן אייערע עלטערן?

עס וואָלט אַוודאי אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַלעכל אין סאַמע אָנהייב פון דער גרויסער משפּחה־שמחה, ווען עס באַווייזן זיך ניט לוריעס עלטערן. דאָס פאַרפאָלק האָט זיך, מחמת קאָמוניקאַציע־סיבות, שטאַרק פאַרשפּעטיקט.

ס׳איז פאָרגעקומען אַ קורצער איבעררייס פון באַגריסונגען מיט די איידל־מאַניערלעכע צוגאָבן. טאַטע־מאַמע האָבן ניט אויסגעזען פיל אַנדערש ווי אַנדערע ייִדן, סיידן מיט זייער סאָרט קליידונג און אַרט רעדן. ניט ווילנדיק האָט מען געמאַכט פאַרגלייכן צווישן דר. לוריען און זיין פאַמיליע מיט די אַריינגעקומענע, און דער חידוש איז געוואַקסן אַלץ שטאַרקער...

ווען דער עולם האָט זיך אַ ביסל אונטערגעלענט ס׳האַרץ, און מ׳האָט שוין געהאַלטן, ווער ביי אַ גלעזל טיי מיט ״וואַרעניע״ (איינגעמאַכטס) אויפן רוסישן שטייגער, און ווער ביי אַ טעפּעלע קאַווע, נוסח אַמעריקע, האָט די עלטערע מרס. לוריע, אַ פרוי מיט גרויסע, קלוגע און מוטערלעכע אויגן, אַ זאָג געטאָן: — איר מיינט, אַז איך האָב ניט באַמערקט אייער פאַרוווּנדערונג, ווען איר האָט מיך און מיין מאַן באַטראַכט? איך וועל פאַר אייך אויפדעקן אַ סוד. מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן. כאָטש מלחמות און דער היטלער־חורבן האָבן אונדז צעשיידט, אָפּגעפרעמדט און צעוואָרפן אין פאַרשיידענע לענדער, האָבן מיר, די לעבן־געבליבענע, גאָט־צו־דאַנקען, זיך אָפּגעזוכט. דאָס אַליין איז אַ גוטע סיבה מיר זאָלן זיך פרייען. איך און מיין מאַן, אהרון, זאָל געזונט זיין, האָבן נאָך אַ

אורזאַך זיך צו פילן יום־טובדיק און דערהויבן.

אַלעמענס בליקן זיינען געבליבן הענגען מיט נייגער אויף דער פרוי. זי האָט זיי ניט געלאָזן לאַנג וואַרטן. און זי האָט אויסגערופן מיט ניט־פאַרהוילענעם שטאָלץ:

— דוד איז לעצטן חודש דורכגעגאַנגען אַלע נייטיקע צוגאַב־טעסטן, און באַקומען די דערלויבעניש צו פּראַקטיצירן מעדיצין דאָ אין לאַנד.

הגם אַנדערע האָבן עס שוין געוווּסט פון פריער, איז אויסגעבראָכן אַ ספּאָנטאַנער אַפּלאָז. מ׳האָט האַרציק גראַטולירט דעם יונגן־מאַן, ראָזאַליאַ און רחמיאלן, זייער זון, וואָס האָט זיך געפילט אַ ביסל פאַרלאָרן צווישן אַזוי פיל דערוואַקסענע...

נינאָטשקאַ, וועלכע האָט אויך געוואָלט אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט, נאָך דעם פריערדיקן אינצידענט, האָט געשטערט. דערצו האָט נאָך דר. לוריעס מוטער באַשלאָסן גראָד אַצינד אויפצוקלערן די געשיכטע פונעם בעל־יובל, דאָס הייסט וועגן זיין אָפּשטאַם, קינדהייט און דערציונג, אָבער שוין ביי די ערשטע ווערטער האָט דוד אַרוסגעוויזן זיין אומצופרידנקייט.

— מאַמע, איז עס טאַקע נייטיק? — מרס. לוריע האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל.

— עס איז נייטיק, מיין זון! איך וויל ניט מ׳זאָל גלאָצן אויף דיר און אויף זיי, — האָט זיי אָנגעוויזן מיטן בליק אויף איר שנור און אייניקלעך, ווי אויף אַ בייז־וווּנדער, רחמנא־לצלן! — און פון אירע ווייטערדיקע רייד האָט זיך ביסלעכווייז געעפנט אַרויסוויקלען אַ טיף רירנדיקע און האַרץ־רייסנדיקע געשעעניש, אַוודאי ניט קיין זעלטענע, פאַר יענער צייט פון חורבן און אומברענג...

זי און איר מאַן האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין זייער היימשטאָט לאָמזשע, ווען די היטלער־האָרדעס זיינען באַפאַלן פוילן. יעדן טאָג האָט מען געהערט קלאַנגען וועגן אַרעסטירטע אָדער דעפּאָרטירטע ייִדן, וועגן אויפשטעלן אַ געטאָ אין שטאָט, אַז מען רעגיסטרירט שוין מענער און פרויען פון יעדן עלטער אויף אַרבעט, און באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ גרויליקע שמועה, אַז ס׳וועלן פאַרקומען הויז־זוכונגען אַפילו אויף מינדעריאָריקע קינדער. ס׳איז שוין באַשטימט אַפילו די דאַטע, ווען די אַקציע וועט זיך אָנפאַנגען... הגם ס׳לעבן איז שוין דעמאָלט געווען אומדערטרעגלעך שווער, ס׳האָט געפעלט, כּידוע, דאָס סאַמע נייטיקסטע,

איז אָבער די הויפּטזאָרג ביי די עלטערן געווען דאָס קליינוואַרג! וואָס טוט מען, מ׳זאָל עס וואָס ווינציקער זען און הערן?

די לוריעס האָבן געהאַט אַ דריי־חדשימדיק ייִנגעלע מיטן נאָמען דוד, אָבער גערופן האָבן זיי אים פֿאַרצערטלט דודל, און ווי יונגע עלטערן זיינען זיך אָפּט נוהג, האָבן זיי שוין פֿאַנטאַזירט וועגן זיין צוקונפֿט נאָך פּאָר זיין געבורט, און נאָך איידער מ׳האָט געקאָנט וויסן, צי ס׳וועט זיין טאַקע אַ ייִנגעלע. דודלען האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ זיידן, דער מאַמעס פֿאָטער, דר. דוד הערש לעווענסאָן. ער איז געווען אַ באַקאַנטער כירורג אין שטאָט, און געשמט ביי ייִדן מיט זיין לומדות, ער איז געווען פֿון די ערשטע, וועמען די נאַציס האָבן אומגעבראַכט... האָבן איר טרערן געגומען שטיקן.

— מאַמע, איך בעט דיך, האָב אויף דיר רחמנות! — האָט דער זון געקוקט אויף איר מיט פֿאַראיבל, אויך דער מאַן האָט זיך אַריינגעמישט:

— לאָהטשע, זאָל זיין גענוג!

אין צימער איז געווען טויט־שטיל, ווי אַ סימן־מובהק אַז מען וויל ווייטער הערן. האָט לאָהטשע ביידן ניט געפֿאָלגט און ווייטער דערציילט:

— דער זיידע, ע״ה, האָט עס געדאַרפֿט זיין, ריכטיקער, דינען פֿאַר די עלטערן ווי אַ מוסטער, ווי אַ מאָדעל, ווי אַזוי און אין וועלכן גייסט מ׳זאָל דאָס ייִנגעלע באַווען און דערציען. אָבער ס׳איז צו דעם ניט געקומען...

נאָכן טראַגישן אומקום פֿון איר פֿאָטער, וואָס איז געווען דאָס שיינדל, די קרוין פֿון דער משפּחה, איז די פֿרוי לוריע אַריינגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן יאוש, און די שרעק פֿאַרן גורל פֿון איר קינד האָט זיך געשטאַרקט, זי אַרומגענומען ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, און ניט געגעבן קיין רו, ביז זי האָט זיך אַנטשלאָסן איבערצוגעבן דודלען אין די הענט פֿון אירער אַ לאַנג־יאָריקער שכנה, אַ פּוילישע פֿרוי, עד יעבר זעם, און זיי האָבן אָפּגעמאַכט ווען און וווּ זיך צו טרעפֿן.

אין אַ פֿאַרנאַכט האָט די מוטער גענומען צוגרייטן איר ייִנגעלע: איבערגעביטן זיינע ווינדעלעך און אים וואַרעם איינגעהילט אין אַ קאָלדרע, און ווען ער איז איינגעשלאָפֿן, איז זי אַרויס מיט אים אין גאַס. זי איז געגאַנגען שטיל. יעדער אבר האָט אין איר געציטערט. די פֿאַרלאָפֿענע אויגן האָבן זיך אין שרעק אַלע ווייַלע אַרומגעקוקט, און

אירע ליפּן האָבן ניט אויפגעהערט צו שעפּטשען: ״גאָט אַלמעבטיקער! באַהיט און באַשיץ מיין קינד!...״

מיט אַ מאָל האָט זי דערפילט אַ שווערע האַנט אויף זיך, באַגלייט פון אַ גרילצנדיקן אויסגעשריי: — ״וואָס באַהאַלטסטו דאָרטן ״זשידאָווקאַ״? פּונעם פּלוצעמדיקן אויפרודער האָט זיך אויפגעכאַפּט דודל מיט אַ יאָמערלעכן געוויין, און נאָך איידער די פרוי האָט באַנומען, וואָס ס׳איז געשען, האָבן צוויי בייזע לאַפּעס אַרויסגעריסן דאָס קינד פון אירע אָרעמס. זי האָט נאָך אויף אַ כהרף־עין באַמערקט זיינע בלויע צעשראָקענע אייגעלעך, און באַלד האָט זיך אַ פינצטערע נאַכט אַראָפּגעלאָזן אויף איר...

— מאַמע, שאַנעווע זיך! — האָט דר. לוריע זיך ווייטער געבעטן. און אהרון, איר מאַן, האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט פון גרויס צער געשוויגן. אָבער זיין פרוי האָט ניט געוואָלט, צי ניט געקענט שווייגן. זי האָט ווייטער ממשיך געווען: — ביזן היינטיקן טאָג ווייסט זי ניט, צי דער מחבל אין ציווילע קליידער איז געווען אַ פאַרשטעלטער פּאָליציסט, אָדער אַן אונטערגעשיקטער פּאַרשוין פון דער ״גוטהאַרציקער שכנה״. און אויב דאָס איז געווען ווינציק, האָט מען נאָך אינעם זעלביקן אָוונט אַרעסטירט איר מאַן אויף אַ מסירה, און אים פאַרשיקט מיט אַנדערע ייִדן אין אַ דייטשן לאַגער, און אַ ביסל שפּעטער, איז דאָס זעלביקע געשען מיט איר, הגם די סיבה איז געווען אַן אַנדערע און איינער האָט ניט געוווסט ווו דעם צווייטנס געביין איז אַהינגעקומען...

ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט באַפרייט דאָס ביסל לעבן־געבליבענע ייִדן פון די לאַגערן, האָט אַ טייל מיט דער צייט אַרויסגעוואַנדערט ווו ס׳האָט זיך געלאָזן, און איר מאַן איז אַוועק צו זיין ברודער, לוי יצחק, קיין טשילע, דרום־ אַמעריקע,וועלכער האָט איינגעלייגט וועלטן אים אַריבערצוברענגען, און ביידע, מאַן און שוואָגער, האָבן נאָך פיל מי און טרחה, אָפּגעפונען לאהטשען, און ניט דערלאָזט, אַז זי זאָל בלייבן, חלילה, לאַנג אַן עגונה, האָט זיך ענדלעך באַוויזן אַ היימלעכע מינע אויף איר בלייך פּנים...

מיטן אויבערשטנס און לוי־יצחקס הילף האָבן זיך די לוריעס צוביסלעך איינגעאָרדנט אין נייעם לאַנד. דער שוואָגער האָט אַריינגענומען איר מאַן אין זיין מעבל־געשעפט, און די פרוי האָט ווי געוויינטלעך, אָנגעפירט

מיט דער הויז־ווירטשאַפט. ס'האָט זיך אָפּט געדוכט, אַז די פּליטים האָבן לסוף געפונען רו און מנוחת־הנפש. אָבער די גרויליקע זכרונות, און דער עיקר די בענקעניש נאָכן אַוועקגערויבטן קינד האָבן ניט אויפגעהערט צו מאַטערן און פּלאָגן די עלטערן, באַזונדערס טאַקע די מוטער, און אַצינד נאָך שטאַרקער און מוראדיקער ווי פריער, וואָס זייער חלום וועגן דודלס צוקונפט איז אַזוי אַכזריותדיק צעשטערט געוואָרן...

די פרוי האָט ניט געקענט האָפן, ביי אירע יאָרן, אויף אַן אייגן קינד, האָט זי און איר מאַן באַשלאָסן צו אַדאָפּטירן איינעם, און כּך הוה! — און דאָס יינגעלע האָט געפונען חן אין זייערע אויגן, וואָרן ער האָט זיי דערמאָנט אין דודלען. און זיי האָבן אים געבראַכט צום איינציקן רב־און־מוהל אין שטאָט, און ער האָט אים מל־געווען כּדת־וכדין און אים אַ נאָמען געגעבן דוד־הערשעלע, אָבער גערופן האָבן אים אַלע, ווי איר שטויסט זיך אָן אַליין, דודל מיט אַ שורוק...

דר. לוריע האָט ביי די ווערטער מאָדנע געשוויגן, נאָר זיין גאַנץ דין־איידל געשטאַלט איז געווען באַלויכטן פון וווּנדער און חידוש, ווי ער וואָלט עס צום ערשטן מאָל געהערט, און דער מוטערס ווייטערדיקע רייד האָבן אים אָנגעפילט אויף ס'ניי מיט פריידיקע געפילן און רעיונות...

און די עלטערן האָבן אים מגדל געווען לתורה, לחופּה ולמעשים־טובים, האָט לאהטשע ווייטער דערציילט, און בכדי צו פאַרווירקלעכן זייער חלום האָבן זיי אים געשיקט אין שולן און הויכשולן. און גרויס איז געווען זייער פרייד, ווען ער האָט אויסגעוויילט מעדיצין פאַר זיין פּראָפעסיע! און ער האָט מצליח געווען, און ער איז געוואָרן, מיט מזל, דער ערשטער יידישער דאָקטאָר אין שטאָט, און ער האָט חתונה געהאַט, ווידער, מיט מזל, מיט אַ שטילער, איידעלער פרוי, וואָס איז אַריבער צו אונדזער אמונה און צו אונדזער פאָלק און זי האָט אים מזכּה געווען מיט אַ זון און אונדז מיט אַן אייניקל, וועלכער גייט אין זיידנס וועגן... — האָט זי פאַרענדיקט אַן אויסגעשעפּטע, אָבער מיט אַ גליקלעכן שמייכל...

„לייג די ציין אויף דער פּאָליצע"

סאָול בערן האָט מער הנאה געהאַט זיך צו פּאַרטיפן אין אַ בוך, ווי אין אַ מויל, פון וועלכן ס'האָבן זיך אָפט געטראָגן אומאַנגענעמע ריחות. און וויפל ער האָט זיך ניט אַרויסגעהאָלפן מיט פּאַרפום־עסענצן, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרגרינגערן זיין אַרבעט, האָט ער פון די ריחות ניט געקענט פּטור ווערן, אַפילו ניט אין דער היים...

די הויפּט־ממונים פון דער פירמע זיינען געווען קלאַראַ בלענש און מישאַ דוואָרקין. זי, די סעקרעטאַרין, אַ שלאַנק יוגנטלעכע פּרויענצימער, מיט גלאַט־פאַרקאַמטע בלאָנדלעכע האָר, מיט אַ באַפעלערישן אויסדרוק אין די גרויסע, בלויע אויגן. אַפילו דעמאָלט, ווען ס'האָט זיך געפאָדערט אַ מער מילדערער צוגאַנג, ווי צו אַ נייעם פּאַציענט, למשל, האָט זיך איר שטרענגער בליק ניט אָפּגעטאָן פונעם כמו־שמייכל אויף אירע דינע ליפּן...

בלויז איר איינציק קינד, לוסי, וואָס האָט זיך דאָ אַרומגעפּלאָנטערט נאָך די שול־שעהען און ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט געגאָסן אַ מאָל אַ צערטלעכקייט פון דער מוטער. אין אַ פרייער מינוט האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס זיבן־יאָריק טעכטערל, זי ערנסט אַ קוש געטאָן, און מיטן זעלביקן ערנסט איר אָנגעוויזן מיטן פינגער צום אָפיס־טיש, זי זאָל פאַרזעצן איר היימאַרבעט...

דער צווייטער בר־נש, דער שעף־טעכניקער, דוואָרקין, האָט געשטאַמט פון אַן אוקראַינישן דאָרף. ער איז געווען מער ענלעך אויף די דאָרפישע שקצים ווי אויף אַ ייִדן. אונטער זיין גרוילעכער טשופּרינע האָבן זיך געגעסט צוויי שמאָלע שפּאַלטן אָנגעפילט מיט גדלות, הכנעה (ווען מ'האָט געדאַרפט), און אַ כּסדרדיקער לוסט צו שפּילן להכעיס...

די דערמאָנטע סוביעקטן האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער דענטיסטישער ממשלה אויף אַזאַ אופן: — בלענש האָט אָנגעפירט מיטן אָפיס, האָט באַשטימט דעם פּרייז און די צייט פאַרן פּאַציענט. און דוואָרקין האָט געוועלטיקט אין דער לאַבאַראַטאָריע. איז אים, דעם דענטיסט, ניט געבליבן קיין אַנדער עובדה ווי צו שטופּן די נאָז און די באַברילטע אויגן אין חולהס מויל און — זיפצן...

און געזיפצט האָט ער טאָפּלט אויף זיין מערכה, וואָרן געחלומט

האָט ער פון אַן אַקאַדעמישן פּאָסטן אין אַ הויכשול. ער האָט פּאַרמאָגט די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס און בקיאות, און דאָך האָט אים דער גורל פּאַרפּירט אויף אַנדערע רעלסן. והשנית: האָט אים דאָס גאַנצע לעבן געצויגן צו שטילע פרויען מיט אַ מוטערלעכן באַנעם, און בלענש האָט ניט געהערט צו זיי... איין מאָל האָט זיך דערטראָגן צו דר. בערן אַ כמעט בעטנדיק קול:

— מיס בלענש, פּאַר מיר איז אָט דער פּרייז צו הויך! פּאַרגעסט ניט, אַז כ'בין נאָך אַלץ אַ קעסטקינד ביי אַנקל סעם!

— דאָס איז אייער פּראָבלעם, ניט מיינער! — האָט די סעקרעטאַרין געענטפערט מיט גלייכגילט. פּלוצעם איז אויסגעוואַקסן אין טיר דער דענטיסט: — ניט געזאָרגט, מר. יעלין — מירן ווי־עס איז דורכקומען!

בלענש האָט אָפּגעשוויגן. נאָר ווען יענער איז פאַרשוואונדן, איז די מויד אַרויס מיט לשון:

— דר. סאָול בערן! — האָט זי אים באַטיטלט ביים פולן נאָמען: — מיט אַזאַ געשעפט־פירונג, וועלן מיר אַלע גאָר גיך לייגן די ציין אויף דער פּאָליצע! — האָט זי אים דערמאָנט אין איר מאַמעס אַ ווערטל.

— אָדער גיין מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער! — האָט איר אַרויסגעהאָלפן מישאַ דוואָרקין פון זיין זייט. נאָך דרייסיק יאָר לעבן אין לאַנד, האָט זיין אַקצענט נאָך אַלץ געקלונגען גויִיש־אוקראַיִניש.ביידע פאַרשוינען האָבן באַטראַכט די אינטערוועניץ פונעם דענטיסט ווי פון אַ זייטיקן. זיי האָבן זיך פּילבאַדייטנדיק איבערגעקוקט און זיינען אַוועק יעדער צו דער איבערגעריסענער אַרבעט.

מישאַ דוואָרקין איז געווען אַ בקי אין זיין פאַך. דענטיסטן האָבן זיך געיאָגט נאָך אים. ער האָט באַשטימט זיינע שכירות. און ער האָט בדרך־כלל, אויסגעפירט. זיין ענדציל איז געווען איבערצונעמען, מיט דער צייט, די דענטיסטן־פירמע מיט דער קליענטעל. אָבער דאָ איז אים געשטאַנען אין וועג אַ מיכשול — בלענש. זי האָט געשאַרפט די נעגל אויף אים. ס'האָט זיך אָפּט געדאַכט, אַז זי האַלט אים שוין, דעם קליינוווקסיקן דאָקטאָרל, ווי אַ פישל אין די הענט, און ווי אַ פישל אָבער גליטשט ער זיך אַלע מאָל אַרויס...

זעקס פאַרנאַכט האָט זיך דער דענטיסטן־אָפיס געשלאָסן. דער טעכניקער האָט זיך געאיילט אַהיים, וואָרן די פרוי זיינע, אָליעטשקאַ, האָט

געפירט אַ שטרענגע ווירטשאַפט. דוואָרקין האָט געמוזט זיין פינקטלעך זיבן צום אָוונט־מאָלצייט. דער טעכניקער איז געווען זיכער, אַז קיין שום דראַסטישע האַנדלונג וועט ניט אָפּגעטאָן ווערן הינטער זיינע פּלייצעס. פון דעסטוועגן איז ער אָפּט פאַרגאַנגען צום דענטיסט מיט עפּעס אַן אויסרייד אין זיין אָפיס און געכאַפּט אַ שטיקל שמועס מיט יענעם, אָנצוטאַפּן דעם דופק, הייסט עס, ווי ער האַלט מיט אים.

* * *

בלענש האָט צוגעגרייט קאַווע, ווי יעדן פאַרנאַכט, אויף דר. בערנס שטייגער — מיט אַ פּאָר לעפעלעך קאָניאַק — און זיך אַוועקגעזעצט מיטן דענטיסט כלומרשט אויף אָפּצוגעבן אַ חשבון פון אַ טאָג אַרבעט און דערביי אים אינדירעקט אויפגעוויזן וויפל הכנסה ס'איז אַריינגעקומען אַ דאַנק איר מי און פלייס...

דר. בערן האָט איר פריינדלעך געדאַנקט און אַפילו געהעכערט איר געהאַלט, אָבער צו מער עיקרדיקס איז ניט דערגאַנגען. די יונגע פרוי האָט דאָס מאָל אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע אויגן, וועלכע האָבן געדאַרפט דערפילן אַ טאָפּלטן ציל: אים געפעלן און באַפעלן — סאָול, ס'איז שוין, דאַכט זיך, לאַנג צייט. מיר זאָלן זיך ערנסט דורכרעדן!...

— למשל? אַ שטייגער?

— זי דאַרף האָבן אַ פאָטער! אַזוי קען עס ווייטער ניט אָנגיין!...

— זי האָט דאָך שוין איינעם! — האָט דער דענטיסט רויִק געענטפערט.

— ער איז ניט ווערט איר מינדסט נעגעלע! — האָט בלענש גערעדט מיט ביטערקייט.

— איך ווייס! — האָט סאָול בערן געענטפערט. ער האָט געפילט צום מיידעלע אַ צוגעבונדנקייט. זיין אַנגענעמסטע פאַרוויילונג מיטן קינד איז געווען צו פאַרפלעכטן אירע געקרייזלטע הערעלעך אין צוויי צעפּלעך מיט בלויע סטענגעס, בכדי אַרויסצוברענגען שאַרפער דעם קאָליר פון אירע אויגן, הגם זיי זיינען געווען געראָטן אין דער מאַמעס, איז אָבער געלעגן אין זיי אַ גוטסקייט, וואָס האָט זיך גענערט פון אַנדערע קוואַלן...

— וויבאַלד איר ווייסט עס, סאָול, איז אויף וואָס וואַרט איר?

— אויף אַ גט! — האָט דער דענטיסט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס מיינט אַזאַ זאַג, סאָול?

— ס'מיינט, — האָט דער דענטיסט געציילט די ווערטער — אַז דער אייבערשטער האָט אונדז ביידן געדאַרפט איבערשאַפן!

— פאַר וואָס? — האָט זיך בלענש כּלומרשט געוואונדערט, סאָול בערן האָט לאַנג געשוויגן.

— אַ פראַגע מאָנט אַן ענטפער! — האָט די יונגע פרוי ניט אָפּגעלאָזן.

— אייך וועט ניט געפעלן מיין ענטפער! איבעריקנס, בלענש, איז מיר מער געפעלן דער "סטאַטוס־קוואָ".

— איך ווייס, אַז איר זייט ניט גלייכגילטיק צו לוסין, און איר ווייסט אויך, אַז איך בין ניט גלייכגילטיק צו אייך! — האָט זי אים געזוכט אַרויספירן אויפן געהעריקן וועג.

— דאָס ערשטע איז זיכער אַ פאַקט. דאָס צווייטע איז מער אַ דילעמע... — איז דער דענטיסט געווען פאָרזיכטיק מיטן וואָרט...

בלענש האָט דערפילט, אַז היינט מוז דער בלאָטער געעפנט ווערן, מחמת קומנדיקן יאָר שיקט זי דאָס קינד אין אַ פּריוואַטער שול ערגעץ אין צפון, נאָענט צו איר משפחה. און אָן דעם מיידעלעס איינפלוס, איז איר גאַנצע מי אַרויסגעוואָרפן. האָט זי אָנגעווענדט אַן אַנדער סטראַטעגיע.

— וועט אייך זיין ניחא, דר. בערן, ווען לוסי וועט זיך געפינען אין אַן אַנדער שטאָט ווייט פון דאַנען, אין אַ פּריוואַטער שול? — זי האָט באַמערקט, אַז ביי די ווערטער איז זיין פּנים בלייכער געוואָרן, און אין זיין בליק האָט זיך באַוויזן אַ פאַרלוירנקייט, זי איז געווען זיכער, אַז זי האָט ענדלעך דערשנאַפּט זיין שוואַכסטן פּונקט, און האָט שוין מער ניט אָפּגעלאָזן:

— ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט, דר. בערן, קאָנט איר אַדאָפּטירן לוסין ווי אַן אייגן טעכטערל. מיינט איר ניט אַזוי? — ס'איז פאַר איר קלאָר געוואָרן אַז זי גייט אויפן ריכטיקן וועג...

— יאָ, יאָ — האָט דער דענטיסט נאָכגעקלערט און געשפּירט, ווי אימיצער וואָלט אים אומגעקערט ס'האַרץ אויפן ריכטיקן אָרט. ער האָט פון דעסטוועגן געפּרוווט נאָך אַ וועג, אַ ביסל אַ גרינגערן:

— איך קאָן אַראָפּטירן לוסין געזונ׳צלעך אַפילו היינט, ס׳מוז ניט זיין דווקא דורך אַ לעגאַלער הייראַט!...

— פּאַוואָליע, דר. בערן! — האָט זיך די פּרוי דערפילט באַליידיקט

— איך האָב אויך עפּעס אין דעם ענין, צי ניט?

— אַוודאי! געוויס! אויב אָבער ס׳גליק פון אייער קינד איז אייך טייער, דאַרפט איר זיך ניט קעגנשטעלן מיין פּלאַן! איך וועל אָפּשרייבן אויף איר נאָמען מיין גאַנץ פאַרמעגן!

— ס׳איז זייער שיין און פיין פון אייער זייט, דר. בערן. — האָט בלענש דערפילט ווידער, ווי ס׳פּישעלע גליטשט זיך פון אירע הענט. — און די מאַמע. וואָס גיט אַוועק טעג און נעכט — האָט זי באַמערקט מיט אַ ביסל גוזמא, — און וועט ווייטער זי אָפּהיטן, ווי ס׳אויג פון קאָפּ...

— האָט זי ווייטער געגאָסן שמן־זית פאַרן דענטיסט. — איז ביי אייך גאָרניט ווערט?

— ס׳האָט שוין גאָר אַ גרויסן ווערט! — האָט בערן געענטפערט פאַרטראַכט.

— און וואָס וועט איר טאָן, ווען איכ׳ל צוריקווייזן אייער גרויסמוטיקן זשעסט, און וועל דורכפירן מיין ער׳שטן פּלאַן? — האָט זי אים ווידער אַריינגעכאַפּט אין איר נעץ.

— איז טאַקע שלעכט! — האָט יענער צוגעגעבן — אָבער ס׳קאָן נאָך זיין ערגער, בלענש!

— ווי אַזוי ערגער, דר. בערן?

ווען צוויי אומפּאַסיקע מענטשן פאָרן זיך, און אַ קליין מיידעלע איז דער קרבן...

— דאַרפן די צוויי מענטשן זען, מ׳זאָל צוליב דעם קליינעם מיידעלע, וואָס ביידע האָבן אַזוי ליב, לעבן בשלום און אין האַרמאָניע... — האָט די דורכגעטריבענע בלענש פאַרענדיקט מיט אַ טאָן פון נצחון...

* * *

מישאַ דוואָרקין איז געגאַנגען יענעם פאַרנאַכט אַהיים מיט אַ שווער געמיט. ער האָט ניט געוווּסט פאַר וואָס. נאָר אַ פאָרגעפיל האָט ער געהאַט, אַז דער בנין, וואָס ער האָט אַזוי געראָטן אויסגעבויט, אין געדאַנק, האַלט

ביים פּאַנאַנדערפאַלן, און וועגן וואָס ער האָט ניט געקלערט, האָט אים די מחשבה געפירט צו בלענשעס שוועלן, מיט אַנדערע ווערטער, אַז די מויד איז געקומען צו אַ געוויסן הסכּם מיטן דענטיסט, און זיינע שאַנסן אויף איבערצונעמען די פירמע האָבן זיך שטאַרק געמינערט. האָט דער יונג פּאַרטראַכט אַריינצושפּאַרן אַ קלין צווישן די צוויי פּאַרשוינען אינעם געשטאַלט פון זיין געהילף, בענדושי בורין, וואָס איז אַ גוטער בעל־מלאכה און נעמט אויס ביים ווייבלעכן מין. אמת, די בלענש איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון אים און איז כּידוע אַ מאַמע פון אַ קינד. אָבער איר חן, וווקס און דער עיקר איר אָפּגעשפּאָרט "קניפּל", וועלן קאָמפּענסירן פּאַר אירע "דעפעקטן".

דוואָרקין איז, פאַרשטייט זיך, ניט אויסן געווען משדך־צו־זיין די פּאָר, נייערט צו שאַפן אַ ריס צווישן דעם דענטיסט און דער סעקרעטאַרין. היות ווי מיט אַ וואָך שפּעטער פאַלט אויס בלענשעס געבוירן־טאָג, און ווי ס'איז איינגעפירט פון יאָרן ביים דענטיסט, ברענגט ער צוויי קעסטעלעך שאָקאָלאַד, איינע פאַר איר און אַ צווייטע פאַר לוסין, דערנאָך ווייזט זיך ער, דער הויפּט־טעכניקער מיט עפּעס אַ געשאַנק, האָט דוואָרקין אָנגעוווּנקען צו זיין געהילף, ער זאָל דאָס מאָל נאָכפאָלגן דעם באַלעבאָס מיט אַ בוקעט רויזן און גראַטולירנדיק בלענשן זאָל ער, ווי ס'פּירט זיך, היינט, זי אַ קוש טאָן, וואָרן ער געפעלט איר זייער שטאַרק...

בורין האָט עס גוואַלדיק אָפּגעשאַצט, און ער האָט זיך דערלויבט אַ ביסעלע מער, ווי אָנגעוווּנקען... אין יענער מינוט גראַדע האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר, און דר. בערן האָט זיך באַוויזן. צי ס'איז געווען אַ ריינער צופאַל, אָדער אַ רמז פון אימיצן, נאָר ווען די טיר האָט זיך צוריק פאַרמאַכט, האָבן אַזש אַלע פענצטער זיך צעקלונגען... ניין! ס'איז ניט געווען קיין אויסברוך פון אייפערזוכט. נאָר איינפאַך — ערשט מיט עטלעכע טעג פריער האָט ער געהאַט אַן אינטימען שמועס מיט בלענשן וועגן הייראַט און פאַמיליע־פאַרהעלטענישן...

בלענש האָט זיך ניט געשפּירט שולדיק, אַז זי איז באַגאַנגען עפּעס אַן עוולה אָדער אַן אומרעכט קעגן דעם דענטיסט, וואָרן ניט אַזאַ איינער ווי אַ בורין, קאָן איר אינטערעסירן און ניט מיט אַזאַ סוביעקט קאָן זי איר, און איר קינדס צוקונפט פאַרבינדן און דאָס וואָס בערן האָט געזען, — האָט זי זיך צעלאַכט אויפן קול, — קאָן קיינער ניט נעמען ערנסט, און זי

אַוודאי ניט! פון דעסטוועגן איז בערנס אויפרעגונג איר געפעלן געווען... עס האָט אויף עפּעס אָנגעוווּנקען...

בערן האָט דאָס אַלץ אַליין גוט פאַרשטאַנען. פון דעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן ביי דער ערשטער געלעגנהייט פּטור צו ווערן פונעם געהילף־טעכניקער... דער דענטיסט האָט עס אָבער ניט געקענט טאָן אָן דוואָרקינס וויסן, און יענער האָט, לויט זיין טבע, ווייטער אינטריגירט, אַז דאָס פּאָרל זאָל זיך דערנענטערן. צו ערשט האָט בורין ניט געוואָלט הערן דערפון. אים האָט נאָך געקלונגען אין די אויערן דער קלאַנג פון די פענצטער־שויבן. אויך בלענשן זיינען גיך קלאָר געוואָרן יענעמס מעפיסטאָפעלישע שטיק, און זי האָט אים גענומען אויסמיידן, ווי אַ שד...

דערווייל איז אין דער לאַבאָראַטאָריע פאַרלאָפן אַ אומגעוויינטלעכע געשעעניש. אַרבעטנדיק איבער אַ "קאַסטן־ציין" האָט דוואָרקין געזוכט אַ בעמישע פּליסיקייט און מעשה־שטן, האָט זיך פון אַ העכערער פּאָליצע אַראָפּגעקייקלט מאָרפיום און אַ שפּריץ פון דעם געפערלעכן גיפט האָט געטראָפן אין דער רעטינע פון זיין רעכטן אויג. ס'איז געוואָרן אַ בהלה. ווען די היימישע מיטלען האָבן ניט געהאָלפן, האָט מען אים אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל. נאָך לאַנגע וואָכן פון מאַטערנישן איז ער אַרויס פון דאָרטן מיט אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטער ראיה...

מישאַ דוואָרקין האָט זיך אַצינד געשלעפּט צו דער אַרבעט מיט אַ געבראָכן געמיט, האָפנדיק, אַז בורין וועט אים דערווייל פאַרטרעטן, ביז ער וועט קומען צוריק צו די כּוחות. אָבער געשען איז דאָס פאַרקערטע. זיין געהילף האָט מיט יעדן טאָג איבערגענומען אַלץ מער פון זיינע פליכטן...

אויב דאָס איז געווען ווייניק, האָבן זיך ביים טעכניקער אָפּגערופן שלאַפקייטן און חלאתן, וועלכע האָבן אים געפּייניקט נאָך אין די נאַצישע לאַגערן. ער איז פון איין היילאַנשטאַלט אַרויס און איז אין אַ צווייטן אַריין. ס'רוב איז ער געלעגן אַ הילפלאָזער אין שטוב. און אָליעטשקאַ האָט געדאַרפט אים באַדינען און דאגהן אויך וועגן פּרנסה.

און אַזוי ליגנדיק אויף זיין געלעגער, האָט ער אויסגערעכנט, אַז ער דינט שוין דעם דענטיסט אַ קימא־לן פון אַ פינף־און־צוואַנציק יאָר, און ער איז באַרעכטיקט צו אַ געוויסער פּענסיע. ער האָט עס צו ערשט געפּרווט טאָן שריפטלעך, און ווען ער האָט נאָך אַ לענגערער צייט ניט

באַקומען קיין ענטפער, האָט ער זיך געמיט עס צו דערגרייכן דורך זיין פרוי. אָבער די שלוייִקע סעקרעטאַרין האָט אַלע מאָל געפונען אַן אַנדער תּירוץ, פאַר וואָס בערן געפינט זיך ניט אין אָפיס, ביז מישאַ דוואָרקין האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, און איז מיט אַליעטשקעס הילף אַוועק צום דענטיסט. באַגעגנט האָט זיי, נאַטירלעך, קלאַראַ בלענש. ניט נאָר האָט זי אים אויפגענומען פריינדלעך, נאָר האָט זיך אַפּילו נאָכגעפרעגט אויף זיין געזונט:

— וואָס מאַכט איר, חולה, איר זייט שוין אַוודאי געקומען עפּעס טאָן?

— ניין, איך קען דערווייל גאָרניט טאָן! — האָט דער טעכניקער געענטפערט מיט אַ געפּאַלענעם טאָן — ווו איז דר. בערן?

— ער איז שוין אַ פּאָר וואָכן אויף וואַקאַציעס. — האָט בלענש אָפּגעטאָקט אַ נייעם ליגן.

— איז ווער פאַרטרעט דעם דענטיסט?

— זיינער אַ פריינד קומט אַריין אַ פּאָר מאָל אין וואָך! — האָט דער שקר אַרויסגעגלאַנצט פון די בלויע אויגן.

— ווען וועט ער יאָ זיין צוריק?

— ס'איז שווער צו וויסן... — האָט זיך בלענש געזוכט אַרויסצודרייען.

— עס קאָן דער ענין דערפילט ווערן דורך אייך! — האָט זיך דערהערט אַ בעטנדיקער טאָן אין זיין שטים. — נאָך אַלעמען אַרבעטן מיר שוין בייַנאַנד אַ לאַנגע צייט, און דאָס וואָס ס'האָט געטראָפן מיט מיר האָט געקאָנט טרעפן מיט אַנדערע... אויך... איך פיל, אַז איך בין באַרעכטיקט צו אַ קאָמפּענסאַציע!

— פון וועמען? — האָט זי אים באַטראַכט מיט חוזק.

— פון דער פירמע! פון דעם דענטיסט... וואָס דען אַנדערש קאָן איך טאָן? גיין איבער די הייזער? — האָט ער גענוצט זיין באַליבט ווערטל.

די סעקרעטאַרין האָט געשוויגן, און ער האָט ניט אויפגעהערט צו רעדן שטיל, כּמעט שעפּטשענדיק, און מיט אַ מאָל איז ער אַרויף אויף הויכע טענער:

— איר זייט אין אַלץ שולדיק! — האָט ער גערעדט וואָס ס'איז אים געקומען אויף דער צונג. — איך פרעג אייך, וואָס קאָן איך אַצינד טאָן?

— לייגן די ציין אויף דער פּאָליצע! — און זי האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

— אַ שלאַנג זייט איר — ניט קיין מענטש! — האָט אָליעטשקאַ איר נאָכגעשריען...

ביים אַרויסגאַנג האָט זיך דאָס פּאָרפּאָלק אָנגעשטויסן פּלוצעם אויפן דענטיסט. ער האָט זיך ערשט געהאַט אומגעקערט מיט דער קליינער לוסי פון שפּאַציר.

— מישאַ דוואָרקין! — האָט ער אויסגערופן אַן איבערראַשטער.

— אַבי מ׳זאָגט מיר, אַז איר געפינט זיך די גאַנצע צייט אין שפּיטאָל אונטער אַ שטרענגער אויפזיכט. ווען קלאַראַ האָט אַהין געגרופן, האָט מען איר געגעבן דעם זעלביקן ענטפער. וואָס זשע מאַכט איר, מיין ליבער פריינד?

— איך האָב מיט אייך אַ סך צו רעדן, דר. בערן! — האָט דוואָרקין קוים געכאַפּט דעם אָטעם. דער דענטיסט האָט אָנגענומען מאַן־און־פרוי פאַר די אָרעמס: — קומט, קומט, ביידע אַריין אין מיין אָפיס...

ווען דאָס פּאָרפּאָלק האָט מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער פאַרלאָזן דעם דענטיסט, האָט דוואָרקינס מיד־קרענקלעך פּנים געלויכטן, ווי מ׳וואָלט אים אַריינגעטאָן אַ נייע נשמה, און אָליעטשקעס גרויסע אויגן האָבן געשטראַלט מיט נצחון!...

דאָס בריקל

מען קען ניט זאָגן, אַז דער אַרענדאַרס ווייב איז געווען שטאַרק צופרידן מיט איר איידעם. פונעם ערשטן טאָג פון זיין קומען אויפן ישוב האָט חיה־לאה נאָר געזוכט חסרונות אויף אים. דאָ איז איר ניט געפעלן וואָס ער עסט אַזוי ווייניק, "מען נעמט, דאַכט זיך אַוועק מער", - האָט זי געטענהט צו איר בת־יחידה, — "ווי מ׳ברענגט צום טיש". און דאָ האָט זי זיך געקלאָגט פאַרן אַרענדאַר, אַז דער יונגער־מאַן קוקט ניט אין איר זייט אַפילו.

שיינדרעלע, הערנדיק דער מאַמעס רייד, פלעגט אָן אַ וואָרט רויט ווערן, און דער פאַרהאָרעוועטער משה, וואָס האָט ליב געהאַט דעם איידעם מיטן גאַנצן האַרץ, און ניט איין מאָל געשטאַנען אונטער זיין פענצטער פאַרכאַפּט פון זייט תורה־לערנען, האָט אָוועקגעמאַכט אַלע טענות מיט דער האַנט:

— זיין זאַך איז ניט צו קוקן אויף דיר, נאָר אין די ספרים און אַריע!

דער איידעם, לוי־אהרן, אַן אויסגעצערטער, מיט גרויסע, גליענדיקע אויגן, האָט זיך שטאַרק געקלאָמערט אין זיין ספרל, ווען ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן זיין חדר־מיוחד, מחמת דער שוויגערס רייד האָבן זיך געלייגט זייער שווער אויף זיין געמיט. ער האָט זי, ווי ווייט מעגלעך, אויסגעמיטן. און דאָס האָט זי, ווי ס'טרעפט אָפט, נאָך מער צערייצט. ביז זי איז צום סוף דערגאַנגען צו אַזאַ רשעות, וואָס האָט זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט דער רשעות פון פּוטיפרס ווייב, כאָטש ניט, חלילה, צוליב די זעלבע אורזאַכן. זי פלעגט, נעמלעך, אָנדערציילן איר מאַן שטילערהייט רכילות וועגן איר איידעם, די טאָכטער זאָל ניט הערן.

דער אַרענדאַר האָט זי צורעשט געטריבן פון זיך, ניט געוואָלט הערן קיין לשון־הרע אויפן באַליבטן איידעם. אָבער רייד האָבן אַ טבע זיך איינצובייסן אין מענטשנס געביין. האָט ביים שווער זיך גענומען איינפלאַנצן עפּעס אַ שרעק וועגן יונגן־מאַן. ער האָט זיין טאָכטער פאַרזאָגט צו ברענגען די מאָלצייטן פאַר איר מאַן ניט אין סאַליע, ווי געוויינטלעך, נייערט אין זיין חדר ווו ער לערנט, און ער האָט פון דעמאָלט אָן אויפגעהערט בכלל צו האָבן מיט יענעם וועלכע ס'איז געשעפטן.

טרעפט, אַז חיה־לאה נעמט זיך פלוצעם קלאָגן אויף פאַרשיידענע חלאתן און זי הויבט אָן אָפט פאָרן צום רופא אין נאָענטן שטעטל און ברענגען פון דאָרטן פאַרשיידענע רפואות, ביז איין טאָג ווערט איר מיט אַ מאָל ערגער און זי פאַלט אַריין אין אַ שווערן הינערפלעט.

קומט דער רופא פון שטעטל און דערקלערט, ניט מער און ניט ווינציקער, אַז מרת חיה־לאה בת דוד וואלף איז טויט. לוי־אהרן זעט אין דעם גאָטס וווּנדער, אָבער פרייען פרייט ער זיך ניט. זי איז פאָרט די מוטער פון זיין ווייב.

טראָגט מען די מיטה צו דעם שטעטלשן בית־עלמין, באַגלייט,

פאַרשטייט זיך, פון דער קלאָגעדיקער פאַמיליע און פון די פּאָר דאָרפישע יידן מיטן אָנגעקומענעם שמש. דאַרף מען, אויב מען וויל, אַריבערגיין אַ בריקל. ווען די קליינע פּראָצסיע געפינט זיך שוין אין מיטן בריקל, גיט זיך פּלוצעם דער ״מת״ אַ זעץ־אויף, קוקט זיך מיט גרויס שרעק אַרום און — חלשט אַוועק. האָט מען חיה־לאהן אַנשטאָט אויפן בית־עלמין, געבראַכט מיט גרויס שמחה צוריק אַהיים.

אויפגעשטאַנען ״תחית־המתים״, האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו פאָרן צום דערשטוינטן רופא אין שטעטל אַריין מיט אירע חלאתן, און האָט ווידער גענומען מאַרודעווען קעגן איידעם, ווי גאָרנישט וואָלט געשען. לוי־אהרן האָט געליטן און אַ צייט געשוויגן, ביז ער איז ענדלעך אַרויס פון געדולד און געפּרוווט איינרעדן שיינדלען מ׳זאָל זיך אַריבערקלייבן אין שטעטל. דאָס יונגע ווייבל האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן:

— פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע? חלילה! וואָס רעדסטו, לוי־אהרן? און פון וואָס — האָט זי ווייטער געטענהט — וועלן מיר זיך מפרנס זיין?

זיינען זיך געלאָפן חדשים און יאָרן, איינס ערגער פונעם אַנדערן פאָרן — איידעם, ביז... ביז דער אָפּגענאַרטער מלאך־המות האָט זיך באַוויזן אויף דאָס ניי אויפן ישוב, ביי חיה־לאהן צוקאָפּנס...

די צווייטע לוויה האָט זיך כּמעט מיט גאָרניט אונטערשיידט פון דער ערשטער, סיידן מיט דעם, וואָס די באַגלייטערס זיינען אַ ביסל עלטער געוואָרן, און וואָס דער טרויער האָט זיך אַצינד ווינציקער געפילט. ווען מען האָט זיך דערנענטערט צום בריקל, איז לוי־אהרן אונטערגעקומען צום שמש און צו אים שטיל אַ פליסטער געטאָן:

— נאָר ניט מיטן בריקל, ר׳ זלמן — און זיינע גרויסע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט שרעק.. און — געבעט...

דאָס שניידערל

(פון יידישן פאָלקלאָר)

הערשעלע איז געזעסן אויפן גרויסן שניידערטיש מיט די פיס אונטער זיך, ווי להבדיל אַ טערק, און גיך־גיך געשטאָכן די נאָדל אין אַ בגד. די קליינע, אומרויִקע אייגעלעך האָבן זיך אַלע ווײַלע אַ הויב געטאָן איבער

די שפּאַקולן, וואָס זיינען אים געהאַנגען אויף דער סאַמע שפּיץ נאָז און באַטראַכט דעם דרויסן.

אַ פּאַר־פּסחדיק שנייעלע האָט זיך געקרייזלט פאַרן פענצטער און איז צעגאַנגען נאָך איידער ס״האָט אָנגערירט די ערד. דעם שניידערל האָט עס ניט געאַרט. אדרבא, ער וואָלט גערן געוועזן דער שניי זאָל זיך שטאַרקן, גרעסער ווערן, פאַרדעקן אַלע וועגן און שטעגן, קיינער זאָל פון הויז ניט קענען אַרויס און אים אויפהערן צו דולן אַ קאָפּ — צי די לאַטע איז שוין געלייגט, צי די קאַפּאָטע איז שוין צעשניטן, צי דער בגד איז שוין פאַרטיק.

הערשעלע איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט געדאַרפט אַרויסענדיקן, ווי געוויינלעך, די אַרבעט אויף יום־טוב, און ווי אויף צו להכעיס איז ביי אים פּלוצעם שלאַף געוואָרן זיין איינציקער פּועל, און הגם דאָס ווייב און די צווי טעכטערלעך האָבן אים אַרויסגעהאָלפן, האָט ער אָבער געוווסט, אַז ער וועט די אַרבעט ניט אָניאָגן, סיידן ער זאָל ווידער אַריינזיצן ביז גאָר האַלבער נאַכט.

מיט אַ מאָל האָט ער באַמערקט פון דער ווייטן דעם שטעטעלשן גביר ר׳ זרחל פּילץ, ווען ער האָט צוגעזאָגט נאָך מיט אַ וואָכן דריי צוריק אַ נייעם סורדוט. יענער האָט שוין עטלעכע מאָל געשיקט אַ מענטשן זיך נאָכצופרעגן אויפן מלבוש, און אָט קומט ער אַליין, אונטער אַ צעעפנטן פּאַראַסאָל, פאַרלאָרן דאָס געדולד לענגער צו וואַרטן. הערשעלע איז אַ בלאַסער אַראָפּ פון טיש, פאַרטריבן די בני־בית אין אַן אַנדער חדר און איז געווען גרייט אויף דאָס ערגסטע.

ר׳ זרחל האָט ברייט אַן עפן געטאָן די טיר און פון די נאַסלעכע באָרד און וואָנצעס האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער: נו־ר־ו?

דאָס אויסגעצערט שניידערל האָט אַוודאי געדאַרפט אויסזען הילפלאָז־קאָמיש מיטן גבירס סורדוט אין דער ציטערדיקער האַנט, אין וועלכער ער האָט ערשט אַריינגעגעבן די לעצטע איילינקע שטעך, מחמת ר׳ זרחל פּילץ האָט אָנשטאָט צו ווערן בייז, אומגעריכט זיך צעשמייכלט און אַ זאָג געטאָן:

— הער זיך נאָר איין, חייט, צו באַשאַפן אַ גרויסע וועלט, — האָט זיך דעם גביר פאַרגלוסט אַ שפּאַס אויפן שניידערס חשבון — האָט כביכול גענומען סך הכל זעקס טעג און דיר דאַרף נעמען גאַנצע דריי וואָכן אויפצונייען אַן איינציק סורדוטל?

דאָס שניידערל האָט זיך ניט פאַרלאָרן. ער, וואָס האָט ווי די מערסטע אָרעמע־לייט געהאַט, בלי ספק, קריוודעס צום רבונו־של־עולם, און נאָך אפשר מער צו די שטעטלשע באַלעבאַטים און תקיפים, האָט דעם גביר אַ ווייז געטאָן אויפן דרויסן און אויך געענטפערט בדרך הלצה:

— אדרבא, רב זרחל, פאַרגלייכט, זייט מוחל, און זאָגט אַליין, וועמעס מלאכה האָט זיך בעסער איינגעגעבן? פון איילעניש, כּידוע, קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

באַלד נאָכן גבירס אַוועקגיין האָט זיך באַוויזן דער שמש. דאָס האָט דער רב ר׳ אורי צבי געשיקט רופן דעם שניידער, ער זאָל קומען תּיכּף־ומיד, מחמת ער קען זיך שוין ניט דערוואַרטן אויף זיין נייער בעקעשע.

הערשעלע האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע אַרבעטן און איז נאָכגעגאַנגען דעם שמש ווי אַ פאַרמשפּטער. ער האָט געפונען דעם רבין, ווי געוויינלעך, איבער אַ ספר. דער שמש האָט גלייך געלאָזט וויסן:

— רבי, דער חייט איז דאָ!

דער רב האָט אויפגעהויבן אויפן שניידער אַ פּאָר ערנסטע אויגן:

— סטייטש? היתּכן? האָסט דאָך צוגעזאָגט נאָך אויף יענער וואָך...

— זייט מיר מוחל, רבי, נאָר איך...

— מיט "זייט מיר מוחל" וועסטו ניט אָפּקומען, — האָט אים איבערגעריסן דער שמש, — איך האָב זיך שוין מיינע פיס אויסגעלאָפן צו אים, רבי...

דער רב האָט ניט אַראָפּגענומען זיינע בליקן פון הערשעלען, נאָר זיי זיינען איצט געווען מילדער, אַ סך מילדער, ווי ער וואָלט זיך פּלוצעם אַרומגעזוען "צו וועמען, מישטיינס געזאָגט, האָט ער טענות, אַ מענטשעלע הויט און ביינער!"

דאָס שניידערל האָט עס, משמעות, פאַרשטאַנען, האָט ער אויסגענוצט דעם שעת־הכּושר און זיך אָפּגערופן מיט אַן אומעטיקן שמייכל:

— רבי, האָט ניט קיין פאַראיבל. איר מיינט, אַז איך בין אַזוי ווי איר? איר, אַז איר זעצט זיך צו דער עבודה, כ׳מיין צום לערנען, האָט איר אַרויסהעלפערס: "רש״י מאַכט", "דער מדרש ברענגט!", "תּוספות זאָגט!" און נאָך און נאָך... אָבער איך — האָט ער אין גאַנצן אַן אומעטיקער פאַרענדיקט, — האָב קיינעם ניט מיר אַרויסצוהעלפן. טאָמער האָב איך געהאַט איין־און־איינציקן פּועל, ליגט ער אַ חולה־מסוכן... פון דעסטוועגן,

רבי, ניט געזאָרגט, אייער בעקעשע וועט, אין ירצה השם, זיין פּאַרטיק אויף יום־טוב!...

ער האָט מיט די שפּיץ פינגער אַ גלעט געטאָן די מזוזה און איז ניט געוואָרן...

אַן אורח אויף שבת

(פון יידישן פאָלקלאָר)

אַרויסגייענדיק נאָך קבלת־שבת פון בית־מדרש האָט ר׳ שמואל זלמן מיטגעפירט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַן אורח. מען קען ניט זאָגן, אַז דער פרעמדער ייִד האָט ביי אים שטאַרק נושא חן געווען. ער האָט, אָבער, ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווייל ער האָט זיך פאַררעדט, האָט מען אים דערווייל ״אויסגעכאַפּט״ די בעסטע אורחים.

צוריקגעשמועסט, האָט ער קעגן דעם פרעמדן גאָרניט געהאַט. ער האָט אים אַפילו רעכט ניט אָנגעקוקט. נאָר דער ייִד איז עפּעס געווען, לא עליכם, אַ ווילדער שווייגער, און שמואל זלמן איז געוווינט געווען צו באַרעדעוודיקע אורחים, וואָס זאָלן האָבן צו דערציילן פון דעם און פון יענעם. אמת, ער האָט אויף דעם פרעמדן מלמד־זכות געווען. מסתמא איז ער נעבעך שטאַרק הונגעריק, און נאָך דער שבתדיקער סעודה וועט זיך ביי אים אויפבינדן די צונג. אָבער דערווייל, האָט זיך שמואל זלמן געטראַכט, דערווייל מעג ער מיר דאָך געבן אַן ״אָדערויף״.

דער ייִד, אָבער, האָט ניט געגעבן. ער איז נאָכגעגאַנגען מיט פאַמעלעכדיקע טריט און מיט שטאַרק פאַרקלעמטע ליפּן. איז זיך מיישב ר׳ שמואל זלמן אַז ער וועט אים אַרויספירן אויף אַ שמועס וועגן דעם ענין פון דער סדרה ״תולדות״. עס ווערט, כידוע, אין דער סדרה דערציילט די מעשה, וואָס פאַר אַ שיינער תכשיט אונדזער קרוב עשו איז געווען. ווי אַזוי ביי אים איז רעכט געווען צו פאַרקויפן יעקבן פאַר אַ טאָפּ לינדזן. דערווייל וועט ער שוין בעת מעשה דערגיין ווי זיין ״אורח״ באַציט זיך צום ענין ״אכילה״. דער פרעמדער, אָבער, האָט זיך ניט געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע. ער האָט מן הצד אָפּגעמאָסטן דעם נייגעריקן בעל הבית מיט ביטול און האָט פּלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט נאָר, ר׳ קרוב, עס איז נאָך ווייט צום הויז?

ר׳ שמואל זלמנען האָבן די פּאָר ווערטער דורכגענומען ווי קאַלטער שטאָל. ער האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר געטראַכט אַז ער איז גוט אַריינגעפאַלן, אַז דער שבת וועט ביי אים זיין אַ פאַרשטערטער. ווייל וואָס קאָן נאָך ערגער זיין ווי האָבן ביים שבת־טיש אַ ייִד, אַ מרוק, וועלכער וויל דאָס מויל ניט עפענען? און דאָ, ווי אויף צו להכעיס, קאָכט אַ וועלט מיט געשעענישן. דער ייִד איז ניט קיין היגער; ער קומט אַוודאי פון מרחקים, האָט ר׳ שמואל זלמן זיך ניט אויפגעהערט צו ערגערן. ער איז אָנגעפּאָמפּט מיט נייעס ווי אַ מילגרוים. מען דאַרף פון דעסטוועגן פּראָבירן נאָך אַ מאָל:

— עס איז דאָ אַ יש אומרים, אַז דער באַראָן ראָטשילד האָט געקויפט נאָך באָדן אין ארץ ישראל, ווי מיינט איר?

— נו אַז געקויפט?, — איז דער פרעמדער ניט געוואָרן נתפּעל — איז מיר וואָרעמער?

דאָס האָט שוין ר׳ שמואל זלמנען שטאַרק פאַרדראָסן. אַ ייִד, אַפילו אַ ווילדער שווייגער, מעג בפירוש הנאה טאָן פון אַזאַ קניה. און עס איז געבליבן ביי אים אַז ווייטער וועט ער, אים ירצה־השם, מער מקפיד זיין אויף אַן אורח.

אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זיך דער פרעמדער אייליק איינגעוואַשן, זיך רחבותדיק געזעצט צום טיש. און כאָטש אַ וואָרט האָט מען טאָקע פון אים ניט געהערט, האָט אָבער זיין מויל קיין רגע ניט גערוט. ער איז געווען דער ערשטער צו ענדיקן דאָס ווויל שטיקעלע געפילטע פיש, און האָט זיך ניט געפוילט אונטערצוטראָגן דער בעל־ הביתטע דאָס ליידיק טעלערל, זי זאָל מוחל זיין און אים דערלאַנגען נאָך אַ חלק. אַזוי איז אויך געווען מיט דער "גאָלדענער" יויך, מיט די פּופּקע, ליכטיק־ברוינע מאָנדעלעך, ער האָט מיטן לעפל "געלייגט קלאַפּטער", און איז שנעל פאַרטיק געוואָרן סיי מיטן ערשטן סיי מיטן צווייטן טעלער, און אַ סברה נאָך שטאַרק פאַרשפּריצט דעם ווייסן טישטוך. ניט קיין בעסערע "דאָליע" האָט ביי אים געהאַט די הון מיטן לאָקשן־קוגל. ער האָט זי געריסן און געפּליקט, און בעת מעשה האָבן זיינע ציין געאַרבעט אויףביידע באַקן. "כל עצמותי תאמרנה" וואָלט דער ייִד זיכער געטייטשט: און אַלע אברים

מאָנען נאָך! ניט אַנדערש ווי דער מענטש איז ערשט אַראָפּגעקומען פון הונגערלאַנד.

ווען דער אורח איז פאַרטיק געוואָרן מיט די חלקים קאָמפּאָט און האָט זיך גענומען ווישן דעם פאַרשוויצטן שטערן און דאָס שטאַרק פאַרוואָקסן מויל, אָט מיט דער ווייסער סערוועטקע, אָט מיט זיין רויטער פאַרטשיילקע, האָט דער בעל הבית אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף אים, באַטראַכט אַ ווײַלע זיין ווייסן קאָפּ מיטן שפּיציק יאַרמלקעלע און האָט אַן אומעטיקער אַ זאָג געטאָן: „איר ווייסט, ר׳ ייִד, איר דערמאָנט מיך אין ווינטער״.

„אין ווינטער״, האָט זיך דער פרעמדער געחידושט, „וואָס עפּעס אין ווינטער?״

„אייערע האָר זיינען ווייס ווי שניי... און פראָסט!״

אַ שמעק טאַבאַק

קאַהאָס האָט קוים געדענקט זיינע עלטערן. ער האָט זיך „אויסגעהאָדעוועט״ אין גאַס, אין די הויפן, אַרום די קלייטן. געשלעפּט פאַר דעם וואַסער, פאַר יענעם אָנגעהאַקט האָלץ, געפאָלגט אַן אַנדערן אַ גאַנג, און געקראָגן דערפאַר אַ שטיק ברויט, אַ קאַרטאָפּל, אַ מאָל אַ לעפּל געקעכץ. געשלאָפן איז ער ס׳רוב אינעם בית־מדרש און אָפט משמש־געווען די דאַוונערס, די לערנערס און אַפילו דעם שמש אַליין אויך.

מזל האָט אויך געהאַט צו אים דאָס קליינוואַרג. ער האָט זיך מיט זיי אומגעפּירט. אויסגעשניצט פאַר זיי פייפעלעך, צאַצקעס, זיי געלאָזט קריכן אויף זיך. און ווען ער האָט אָנגעטראָפן אַ קונדס, צי צוויי אין וועג, ווייט, לויט זיין דעה, פון היים און חדר, האָט ער זיי פאַרזיכטיק אויפגעהויבן און אָפּגעטראָגן אַהין.

קאַהאָס איז געווען מגושמדיק הויך און ברייט. מיט אָרעמס ווי געפלאָכטן פון שטאָל מיט אַ גרויסן צעשויבערטן קאָפּ. פונעם נידעריקן שטערן האָבן אַרויסגעקוקט ווייכע, וואַסערדיקע רחמנות־אייגעלעך, וועלכע האָבן זיך געקאָנט פּלוצעם אָנצינדן מיט אַ שרעקלעכן צאָרן.

זיינע לאַנגע באַוואָקסענע הענט האָבן זיך דעמאָלט געשלאָגן אין דער האָריקער ברוסט און פון גרויס־צייניקן מויל האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ שטראָם ווערטער — וואָרנענדיקע, גרינצלדיקע, אומפאַרשטענדלעכע. אַזוי, משמעות, האָט געדאַרפט אויסזען דער פּראַגער גולם, וואָס דער מהר״ל ז״ל האָט בשעתו אויסגעפורעמט.

קאַהאַס האָט פון צייט־צו־צייט געמוזט אויסלאָדן פון זיך די אָנגעקליבענע קריוודעס, עוולות, באַליידיקונגען, וועלכע מ׳איז קעגן אים אָפט באַגאַנגען, און נאָך אַזאַ סצענע, ס׳רוב אין מיטן מאַרק, פלעגט ער פאַרשווינדן אויף עטלעכע טעג אין דערבייִיקן וואַלד, ווו ער פלעגט אָנפאַלן, האָט מען דערציילט, מיט אַ גרויסן קיך־מעסער באַהאַלטן אין שטיוול, אויף דורכפאָרערס און זיי באַרויבן. נאָך דעם צוריקקומען אין שטעטל אַן איינגעשטילטער, אַ באַרויִקטער...

ווער ווייס וויפל אמת ס׳האָט געשטעקט אין אָט די וואַלד־מעשיות! אָבער וועגן איינער האָט איבערגעגעבן חיים דער שניטקרעמער, וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט אים טאָקע אַליין.

חיים האָט געדאַרפט איינקויפן סחורה אין דער גרעסערער קרייזשטאָט, אַ וויאָרסט צען־צוועלף פון דער היים. האָט ער איינגעשפּאַנט זיין פערד און וועגעלע, וואָס ער האָט מיט אַ פאָר יאָר צוריק איינגעהאַנדלט ביי אַ פאַראָרעמטן פריץ פאַר אַ שיבוש, זיך געזעגנט מיט די בני־בית, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

פאָרט ער אַזוי דורכן וואַלד פאַרטאָן, ווי געוויינטלעך, אין סוחרישע געדאַנקען. דער טאָג איז אַ קלאָרער, אַ זוניקער, אָבער צוליב די געדיכטעביימער זעט מען אים ווינציק אָן. אַרום איז אויסגעגאָסן אַ שלעפעריקע רו, אַ וואַלדיקע שלווה. מ׳הערט בלויז דעם פערדס קלאָען און פאָרשקען מיט דער נאָז.

חיים קען זיך ניט דערמאָנען ווען ער האָט זיך געפילט מער געמיטלעכער, אַזוי ווייט פון זאָרגן, ווי אַצינד. פּלוצעם שפּרינגט אַרויס פון דער געדיכטעניש אַ מענטש מיט אַ פאַרשמירט פּנים, מיט אַ בלאַנקענדיקן מעסער אין האַנט און כאַפּט אָן דאָס פערד פאַרן צוימל.

דער קרעמער האָט ניט גלייך באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר. עפּעס האָט ער יאָ געהערט, אַז קאַהאַס וואָיעוועט אַ מאָל אין וואַלד. איז ראשית, האָט זיך אים דער גאַנצער ענין ניט געלייגט אויפן שכל.

והשנית, פון וואַנען האָט ער געוואָוסט וויסן, אַז איצט איז גראָד די צייט זיינע?

— "פּאַדראַוואַי הראָשי!" (גיב אַהער דאָס געלט) — האָט חיים קלאָר געהערט קאַהאָס שטימע, און מיטן מעסער פּאָבעט ער אים גלייך אין פּרצוף אַריין.

— וואָס פּאַראַ "הראָשי", וואָס פּאַראַ באָבקעס? — האָט דער קרעמער געענטפערט דווקא אויף יידיש, און ער חידושט זיך, וואָס ער איז גאָרניט דערשראָקן.

— גיב אַהער דאָס געלט! — צעשרייט זיך דער יונג ווי אַן אמתער גזלן, אַז ניט מאַך איך דיך מיט אַ קאָפּ קירצער.

זעט שוין חיים, אַז ס'איז גוט פּאַסקודנע. יענער מיינט טאַקע ערנסט. קומט ער אַרויס מיט אַ טענה צו אים:

— ווו זאָל איך דיר נעמען געלט אין מיטן דערינען, אויפן ניכטערן האַרצן, האַ?

— "זנאַט ניע זנאַיו!" (כ'וויל פון גאָרניט וויסן) — רעדט ווייטער קאַהאָס גוייִש לשון — אָדער געלט אָדער דאָס לעבן.

— וואָס הייסט — טענהט ווייטער דער קרעמער — וועסט נעמען און הרגענען, חלילה אַ יידן אין מיטן העלן טאָג צוליב אַ פּאָר קערבלעך, וואָס ער האָט ניט?

— גיב אַהער דאָס פערד און וועגעלע! — איז קאַהאָס ניט איבערקלייבעריש, אָבער נאָך אַלץ פול מיט רציחה.

— אויף וואָס דאַרפסטו דאָס פערד און וועגעלע? — פרעגט אים חיים בנעימותדיק — דיינע גרויסע מסחרים צו פירן?

פאַרטראַכט זיך קאַהאָס אויף אַ ווייל. וואָס וועט ער זיך טאַקע אומשלעפּן מיט אַ פרעמדן געשפּאַן? מ'קאָן אים נאָך כאַפּן און איינזעצן אין חד־גדיא אַריין. מיט אַ מאָל טוט דער יונג אַ ווייז־אָן מיטן שפּיץ מעסער אויף חיימס קאַמזוילקע און ווערט נאָכגעביקער:

— שטעק אָפּ דעם זייגער, פּעטערל.

— ווו האָב איך אַ זייגער?, — פאַרענטפערט זיך דער קרעמער,

— אַז איך וויל וויסן די צייט, כאַפּ איך אַ קוק ביים רב, ר' נחלען, דורכן פענצטער אויפן אַלטן וואַנטזייגער.

דערהערט דעם נאָמען פון רב, דערפילט זיך קאַהאָס שטאַרק שולדיק

און אַראָפּגעפּאַלן ביי זיך. ער רעדט עפּעס לאַנג און צעפּלאָנטערט, מער צו זיך ווי צום קרעמער, און פאַרענדיקט בזה הלשון:

— אויב אַזוי, ר׳ חיים, — רופט ער יענעם אָן ביים נאָמען — גיט זשע מיר כאָטש אַ שמעק טאַבעק...

"דער אַפּיקורס"

(פון יידישן פאָלקלאָר)

פאַר וואָס מען האָט גערופן דוד־הערשן "אַפּיקורס" איז שווער צו פאַרשטיין. ער האָט, דאַכט זיך, ווי אַלע יידן אין שטעטל אָפּגעהיט די תרי״ג מצוות, איז געזעסן, ווי דאָס רוב לומדים, יומם ולילה, ווי ס׳ווערטל גייט, על התורה ועל העבודה. סיידן אפשר דערפאַר, וואָס דוד הערש האָט געקאָנט כמעט גאַנץ תנ״ך אויף אויסנווייניק, און האָט אַ מאָל אַריינגעקוקט אין ספרים חיצונים. אמת, זיין לבוש איז אויך געווען אַ קאַפּעלע אַנדערש. ער האָט, נעמלעך, געטראָגן אַ קירצערע קאַפּאָטע, שבת יום־טוב און אַפילו אַ ווייסן קאָלנער... דער צונאָמען "אַפּיקורס" האָט זיך פון דעסטוועגן צוגעקלעפּט צו אים, און ער איז באַקאָנט געוואָרן ווייט איבערן גבול פונעם היימישן שטעטל.

מען קען ניט זאָגן, אַז דוד הערשן האָט עס שטאַרק געאַרט. ערשטנס, האָבן די מערסטע יידן דאָרטן געהאַט צונעמעניש, און אָפט גאָרניט אַזוינע פויגלדיקע. צווייטנס, אָנצורופן דעם פרומען און אָפּגעהיטן דוד הערשן "אַפּיקורס", איז ווי מען זאָל אַ שטייגער באַטיטלען דעם שטעטלשן גביר, ר׳ פּנחסלען מיטן נאָמען "אביון". עס איז געווען סתם אַ חנדל אַזאַ, פון וועלכן מען קען זיך חלילה ניט באַליידיקן, אדרבא, עס האָט אים נאָך אויסגעטיילט פון די אַנדערע לומדים און אַרויסגערופן צו אים גרויס דרך־ארץ. ער האָט געקאָנט הייסן אַן "אַפּיקורס" כלומרשט און זען, וואָס פאַר אַ ירא־שמים ער איז.

ויהי היום האָט זיך באַוויזן אין שטעטל אַ יונגער־מאַן אָן אַ סימן "ייד" אין דער מראה, אַ גלוח, מיט פאַרדרייטע וואָנצעלעך, מיט אַ קורץ פּידזשאַקל, מיט גלאַנציקע שטיוועלעטן, בקיצור פון "יענע" לייט. קיינער

האָט ניט געוווּסט פון וואַנען ער קומט, וואָס ער טוט. ער האָט זיך קודם־כּל גענומען נאָכפרעגן אויפן "אַפּיקורס". לאַנג זיך נאָכפרעגן האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געדאַרפט. דער וועג האָט געפירט צום בית־מדרש. מען האָט באַמערקט אַז דער פרעמדער איז פול מיט חידוש. מען איז געווען נאָך מער פאַרחידושט וואָס אַזאַ איינער דאַרף עס צו דוד הערשן. און ווען מען האָט געוואָלט עפּעס דערגיין ביי אים, האָט יענער אָנגענומען אַ פול מויל מיט שווייגעניש.

אַריינגעקומען אין בית־מדרש, האָט מען דעם יונגן־מאַן אָנגעוויזן אויף אַ מיטליאָריקן ייִדן אין אַ ווינקל איבער אַ צעעפנטער גמרא. אויפן שטענדער האָט אַראָפּגעקוקט אַ צעפלעמט ליכטל. עס האָט געפינטלט, זיך געוויגט אַהער אַהין, אַהין אַהער, ווי עס וואָלט געהאַלטן אין מיטן דער שמונה־עשרה, אָדער געווען פאַרטאָן אין אַ שווערער סוגיה.

דער פרעמדער האָט זיך ניט דרייסט געשאַרט צום ווינקל, האָט געשטווינט, איז ניט זיכער געווען, צי דאָס איז טאַקע דער מענטש וועמען ער זוכט, און בעת מעשה האָט ער שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שטענדער און געוואַרט יענער זאָל מפסיק זיין. דוד הערש האָט אים ניט באַמערקט. ער איז געווען פאַרמוחט, ווי דאָס ליכטל האָט מרמז געווען, אין אַ האַרבן ענין. אַ פּאָר רגעס שפּעטער האָט ער פּלוצעם אַ הויב געטאָן זיין בליק, וואָס האָט נאָך געשוועבט אין ווייטע עולמות און איז געבליבן הענגען אויפן יונגן־מאַן.

— זייט מוחל, איר זייט עס דוד הערש דער אַפּיקורס? — איז דער פרעמדער פול געווען מיט ספקות.

— בכן? — האָט דער לערנער געהאַלטן זיינע אויגן אויף אים, און אים ניט געזען.

דער פרעמדער האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַ ווידערווילן צו אָט דעם מענטשן. ער האָט דערוואַרט איינעם פון יענע אַפּיקורסים וועגן וועלכע מען לייענט אין די ביכלעך, איינעם פון די, וואָס מאַרודעווען אין די שטעט קעגן די פרומאַקעס און כּלי־קודש.

— בקיצור? — האָט דוד הערש שנעל אָפּגעשניטן, און זיך ווידער פאַרטיפט אין ספר.

— איך פאָר פאַרביי אייער שטעטל — האָט דער יונגער־מאַן אָנגעהויבן, — בין איך זיך מיישב, איך וועל זיך אָפּשטעלן און זיך

באַקאָנען מיט אייך. ווי איר קוקט מיך אָן, — האָט ער זיך געפּלאָנטערט,
— בין איך אויך געבאַפּט אין דער מעשׂה.

— אין וועלכער מעשׂה? — האָט דוד הערש ניט פֿאַרשטאַנען.

— אין אייערער, אין אַפּיקורסות! נאָר איך זע, — האָט דער פֿרעמדער געקוקט אויפֿן אָפֿענעם ש״ס, — אַז איך האָב זיך טועה געווען; עס איז עפּעס אַ קנאַפּער חילוק צווישן אייך און אָט יענע — האָט ער אָנגעוויזן מיטן בליק אויף די שוליַידן.

— זאָג נאָר, בחור — האָט זיך דער לערנער פּלוצעם אָפּגעריסן פֿון די "שוואַרצע פֿינטעלעך" אַן אויפֿגעלעבטער, — גמרא האָסטו אַ מאָל געלערנט?

— גמרא! — האָט דער יונג געשטוינט, ניט אַנדערש, דער ייִד איז חסר־דעה, — גמרא מיט אַפּיקורסות — האָט ער אַ זאָג געטאָן, איז דאַכט זיך, ניט קיין פּאָר.

— נו, און אין תּנ״ך ביסטו עפּעס בקי? — האָט דוד הערש אים געפֿאָרשט.

— ניין! — איז דער פֿרעמדער געווען אָפּנהאַרציק.

— אָבער אַ פּרשה חומש מיט רש״י — האָט דער לערנער ווייטער געצויגן דער פֿאַרהער — איז דיר דאָך געוויס ניט פֿרעמד.

— ווידער ניט געטראָפֿן — האָט זיך דער יונג געגרייסט.

דוד הערש האָט אים איצט ניט אָפּגעלאָזן:

— נו, און דאַווענען? דאַווענען קאָנסטו דאָך אַוודאי?

— אָפּילו ווען איך וואָלט געקאָנט — האָט יענער שוין גערעדט מיט חוצפּה — וואָלט איך אויך ניט געדאַוונט.

— פֿאַר וואָס?, — האָט דעם לערנער גענומען ווערן פֿריקרע דער גאַנצער ענין.

— עס קומט אויס, — האָט זיך דער יונג אַזש באַליידיקט — עסן טריפֿה, מחלל שבת און יום־טוב זיין, איז קאַרג אויף צו זיין אַן אַפּיקורס.

— ניין, בחור, ביסט ניט קיין אַפּיקורס, — האָט דוד הערש אים מסביר געווען, — ביסט נאָר, ניט פֿאַר קיין ייִד געדאַכט, אַ פּראָסטער גוי, אַ גוי־גמור!

צוויי משיחים

צו פירן לומדים־פּאַסאַזשירן אין זיין בויד איז פאַר יאָסל בעל־עגלה געווען אַ תּענוג. די אויערן זיינע זיינען געווען ניט ווינציקער אָנגעשפּיצט ווי די אויגן, ווען ער האָט געהאַלטן אויף די צוויי "ברענענדיקע" סוסים, און ווען ער האָט אויפגעכאַפּט עפּעס אַ וואָרט, וואָס ער האָט געקאָנט צעקייען, איז ער געווען אין זיבעטן הימל. און שפּעטער, אין דער היים, האָט ער פאַר זיין ווייב שרהקע איבערגעגעבן מיט אַלע פּיטשעווקעס ווי די לומדים האָבן אויסגעזען, ווּהין זיי זיינען געפאָרן און דער עיקר — וועגן וואָס זיי האָבן געשמועסט.

אין שולכל, ווו יאָסל בעל־עגלה האָט געדאַווענט, פלעגט ער, בין מנחה למעריב, גאָר אָפּט זיך צושטעלן צום רעדל ייִדן און זיך איינהערן ווי ר' איציקל לערנער איז מסביר אַ פּרק משניות אָדער די סדרה פון דער וואָך, און ניט איין מאָל האָט ער חשק געהאַט עפּעס צו פרעגן, נאָר די צונג, לא עליכם, האָט אים ניט געדינט. דערפאַר האָט ער זיך געפילט מעשה הערשער אויף דער קעלניע.

אמת, אויך דאָרט האָט ער ניט געוואַגט איבערצושלאָגן ווען לומדים האָבן זיך עוסק־געווען אין דברי־תּורה. אָבער ווען אין בויד האָט זיך געפונען בלויז איינער, האָט ער שוין יענעם קיין מנוחה ניט געגעבן. ער האָט אים באַוואָרפן מיט שאלות, און דער לערנער, נעבעך, האָט פאַרזאָגט אַ צענטן צו פאָרן נאָך אַ מאָל מיט אים.

טרעפט, אַז דער שטעטלשער רב ר' אלימלך, בכבודו ובעצמו, האָט געדאַרפט אין אַ נאָענטער שטאָט. אַריינגעשטיגן אין בויד, האָט דער רב אַרויסגענומען אַ ספרל און זיך פאַרטיפט. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ באַזונדערן נחת־רוח צו לערנען אונטערן אָפענעם הימל, אין שכנות פון בוים און לאָנקע, ווו גרינגע ווינטלעך האָבן באַרירט די שפּיצן פון זיין באָרד, די בלעטלעך פון ספר. יאָסל האָט געוואָרפן אויף אים זייטיקע בליקן, געפּאָרשט זיין יעדע תּנועה, געזוכט אַ שעת־הכּושר אַרויסצוקומען מיט אַ שאלה ווי זיין שטייגער איז געווען. אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט ווען די פערד האָבן זיך אַ צי געטאָן דורך אַ געדיכט וועלדל. ר' אלימלך האָט זיך אָפּגעריסן פון ספרל, באַטראַכט די פּלוצעמדיקע טונקלקייט און זיך אָנגעטראָפן מיטן בעל־עגלהס אויג.

— ס׳איז ניט אויף לאַנג, רבי — האָט יאָסל אים באַרויִקט — רבי, איך זיץ זיך אַזוי אויף דער קעלניע און קלער, ווי קומט עס וואָס אין דער תורה ווערט געזאָגט, אַז השם יתברך האָט אויסגעפורעמט אָדם און חוהן אין דער זעלביקער צייט, און אַ ביסל ווייטער ווערט שוין דערציילט, אַז חוה איז באַשאַפן געוואָרן פון אָדמס אַ ביין?

ביים רב איז אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין האַרצן. ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן בלויען פאַס הימל צווישן די שפּיצןביימער און געטראַכט די זעלביקע מחשבות, וואָס זיין רבי ז״ל, ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו: "זע, טאַטע־פאָטער וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דו האָסט! דאַכט זיך אַ פּראָסטער בעל־עגלה און אין וואָס פאַר אַ געדאַנקען ער איז פאַרטאָן...!" און יאָסלען האָט ער מסביר געווען לאמר, אַזוי צו זאָגן:

ביידע נוסחאות זיינען זיך ניט סותר. זיי זיינען צוויי זייטן פון איין מטבע. פאַרן עסן פון עץ הדעת האָט אָדם געפילט צו חוהן ניט נאָר ווי מען פילט צו אַ פרוי, נאָר ווי זי וואָלט געווען ביין פון זיין ביין און פלייש פון זיין פלייש. אָבער שפּעטער, ווען זי האָט אים געבראַכט צו זינד, איז זי פאַר אים געוואָרן דאָס צוליב וואָס כביכול האָט זי באַשאַפן — בלויז אַ אשה.

מ׳קען ניט זאָגן, אַז יאָסל האָט טאַקע באַנומען דעם רבס פשטל, אָבער ר׳ אלימלך איז געבליבן צופרידן מיט זיין אויפטו. ער האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין זיין ספרל און זיך אין גאַנצן פאַרגעסן אין דעם בעל־עגלה. אָבער יאָסל האָט אין אים ניט פאַרגעסן. אדרבא, דערמוטיקט פונעם רבס תשובה, האָט ער אים אַלע ווײַלע איבערגעשלאָגן מיט אַן אַנדער קלאָץ־קשיה. צו ערשט האָט דער רב, אָנשטאָט אַן ענטפער, זיך באַנוגנט מיט אַ שמייכל. אָבער ווען ער האָט איינגעזען, אַז עס איז אין רגע בלי פגע, האָט ער זיך מער ניט אומגעקוקט אויף אים.

דער בעל־עגלה האָט אַפּנים פאַרשטאַנען דעם ווונק, צי ער איז שוין געווען מיד פון די ענדלאָזע רייד. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ר׳ אלימלך האָט זיך ממש מחיה געווען. זיין רעיון איז איצט געווען ווייט פון מענטשן און אַפילו פון דער זינדיקער ערד. ער האָט ניט באַמערקט ווי אויפן האָריזאָנט האָבן זיך שוין גענומען ווייזן הייזער פון דער שטאָט וווהין ער איז געפאָרן. פלוצעם האָט ער דערהערט יאָסלס קול נאָך אַ מאָל:

דער רבי האָט אַ רגע באַטראַכט דעם צוגעגעסענעם בעל־עגלה און האָט מעכאַניש אַ זאָג געטאָן: ״פרעג״

— רבי, האָט ער זיך געאײַלט, מורא האָבנדיק טאָמער וועט יענער אים ניט אויסהערן ביזן סוף, — רבי, צוליב וואָס דאַרף מען האָבן צוויי משיחים, משיח בן יוסף און משיח בן דוד — האָט ער געוויזן זײַן לומדות — מילא איינער דאַרף אונדז אויסלייזן פון גלות, אָבער דער צווייטער?

— ביסט גערעכט! — האָט דער רב מספּים געווען, — איין משיח דאַרף אונדז אויסלייזן פון גלות, און דער צווייטער פון — בעלי עגלות...!

דרײַ עקשנים

(פון ייִדישן פאָלקלאָר)

נתן, בעריש און לייזער־וואָלף זײַנען געווען חברים און באַרימט ווי די גרעסטע עקשנים אין שטעטל.

איין מאָל, אין אַ שבת נאָכן טשאָלנט, לאָזן זיך די דרײַ אַרויס אויף אַ שפּאַציר. גייען זיי גראָד פאַרבײַ דעם רבס שטוב. זעען זיי ווי דער רב, ר׳ שלמהלע, זיצט זיך מיט אַ זײַדן יאַרמלקע ביים אָפענעם פענצטער, האַלט די ווײַס־גרויע באָרד אין האַנט, און די אויגן אין ספר.

פּלוצעם רייסט זיך דער רב אָפּ פון ספר און טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. יעדער פון די דרײַ חברים איז זיכער אַז דאָס האָט דער רבי אים באַגריסט. ווערט אַן אַמפּערײַ צווישן זיי, ביז עס בלײַבט מען זאָל פרעגן דעם רב אַליין.

קומען די דרײַ צו צום פענצטער. און בעריש הייבט אָן פּאַטשן מיט די ליפּן, מחמת ער האָט נעבעך, לא עליכם, קיין איין צאָן ניט געהאַט אין מויל.

— רבי, זייט אונדז מוחל, צו וועמען פון אונדז דרײַען האָט איר אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ?

טוט ר׳ שלמהלע זיך אַ גלעט די לאַנגע באָרד, באַטראַכט יעדן פון זיי אַ גוטע רגע און גיט אַ זאָג גאַנץ ערנסט — ס׳איז דאָ אַ יש אומרים, אַז איר זייט די דרײַ גרעסטע עקשנים אין שטעטל.

— אמת, רבי, אמת!

— ווער עס וועט מיר דערוויזן, — איז דער רב נאָך אַלץ ערנסט — ווער פון אייך דריי איז דער גרעסטער וועל איך אויסזאָגן.

פילן זיך די חברים זייער געשמייכלט וואָס דער רבי וויל זיי אויסהערן, און נתן דערציילט אַ טשיקאַווע מעשה פון זיין עקשנות:

— איין מאָל, — הייבט אָן נתן, — קום איך אַהיים פון בית־מדרש. ס׳איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט. און נעם קלאַפּן אין טיר. איך האָב געקלאַפּט גאַנץ שטאַרק. ווייל ס׳איז געווען אַ ביטערע קעלט, און איך בין מיד און שלעפעריק. און ווי איך קלאַפּ אַזוי, דערהער איך פון אינעווייניק מיין אשהס פאַרשלאָפן קול: ״ווער קלאַפּט עס, ווער?״ וועל איך איר זאָגן ווער? זי איז ניט קליין צו וויסן, אַז קיין פרעמדער וועט אַצינד ניט קלאַפּן. איז זי צו מיר: ״ווער?״ און איך? איך שווייג! און לאָמיר אדרבא זען, ווער ס׳וועט אויספירן? בקיצור, ס׳איז איר מיאוס געוואָרן דאָס פרעגעניש, און זי איז אַוועק צוריק שלאָפן. בין איך שוין אַזוי געבליבן ביי דער טיר ביז פאַרטאָג, ביז מיין ווייב איז געגאַנגען מעלקן די ציג. אַנטקעגן דעם, רבי, וואָס איר זאָגט עקשנות...

— נו, בעריש, ווי גרויס איז ביי דיר דער עקשן? — פרעגט דער רבי מיט אַ פלעמל אין די אויגן.

— שייך, זאָגן גרויס, רבי — לאָזט זיך בעריש לאַנג ניט בעטן און נעמט ווידער פּאַטשן מיט די ליפּן.

— ס׳זאָט מיך פאַראַיאָרן, לא־עליכם, אָנגעכאַפּט אַ צאָנווייטיק, גיי איך אַריין, ווי געווינלטער, צום צאָן־רופא. באַזעצט ער מיך בהרחבה אין זיין גרויסן שטול, פאַרריכט די שפּאַקולן אויף דער נאָז און נעמט מיר קוקן אין מויל אַריין: ״וועלכער צאָן״, מאַכט ער, ״טוט אייך וויי?״ ״וועלכער צאָן?״ בין איך דערשטוינט. ״איר זייט דער רופא, דאַרפט איר וויסן!״ מאָלט אייך, מען האָט געדאַרפט זיין אַ פּראָפעסאָר צו דערגיין אַ טאָלק, מחמת ביי מיר האָבן אַלע ציין געהאַט איין פּנים, פוילע און שאָקלדיקע. ענטפערט ער ניט, און נעמט אָן מיט דער צוואַנג אַ צאָן, שווייג איך, רייסט ער אים אַרויס און ווייזט מיר אים. שווייג איך ווידער. איז ער ניט פויל און רייסט אַרויס אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פערטן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מיר איז ניט געבליבן, ווי איר זעט, קיין איין צאָן אין מויל. דערנאָך האָב איך נאָך געהאַט אַ לאָדעניש מיט

אים. נאָר דאָס האָט שוין ניט קיין שייכות מיט דער מעשה. דער עיקר, איך האָב אויסגעפירט!

— געשען איז עס, רבי, מיט אַ יאָר צוריק — האָט זיך לייזער־וואָלף שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן און גענומען אַרויסברענגען זיין עקשן פאַרן רב. — געלעבט האָב איך דעמאָלט אין אַ דערבייִיק שטעטל. ברעכט פּלוצעם אויס אַ שריפה אינעם געסל ווו איך האָב געוווינט, און די שטיבלעך, ווי קראַנקע הינדעלעך, ווערן איינס נאָכן אַנדערן פאַרכאַפּט פון די פלאַמען. לויפן אָן די פייערלעשערס מיט די פעסלעך וואַסער. ס׳איז געוואָרן אַ געפּילדער, אַ מהומה. מענטשן זוכן איינער דעם אַנדערן, מען זוכט פאַרלאָרענע קינדער. מען שלעפּט חפצים, בעטגעוואַנט, און איך? איר וועט עס ניט גלייבן, רבי, איך זיץ מיר און לערן אַ פּרק משניות. און דאָ האָט שוין דאָס פייער דערגרייכט מיין שטיבל. קומען אַריין די פאַרהאַוועטע פייערלעשערס און הייסן מיר זיך אָפּצוטראָגן פון שטוב. זאָג איך: ״פון מיין שטוב? ניט איך, ברידעלער!״ קאָנען דאָך מיך גוט מיינע בני־בית. הייבן זיך אָן בעטן: ״לייזער־וואָלף!״ הער איך מיין פלוניתטעס קול. ״טאַטעניו!״ וויינען איבער מיר די קינדער, און איך ריר זיך ניט פון אָרט! דערווייל האָבן די פלאַמען אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטיבל. האָט מיך איינער אַ פייערלעשער, אַ הויכער ווערגעלעץ, אַ כאַפּ געטאָן מיט גרויס רציחה און אַרויסגעוואָרפן, ווי אַ זעקל בולבעס פון טיר. דאָס שטיבל איז טאַקע דעמאָלט אַוועק מיטן רויך, אָבער איך האָב מיט מיין אייגענעם ווילן עס ניט פאַרלאָזן. נו, רבי, וואָס וועט איר זאָגן אויף אַזאַ עקשנות?

און נאָך איידער דער רב האָט צייט געהאָט עפּעס צו ענטפערן, האָט לייזער־וואָלף אים געפרעגט:

— איז צו ווענמען פון אונדז, רבי, האָט איר פאַרט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ?

ר׳ שלמהלע האָט פאַמעלעך אַרויסגענומען אַ רויט פאַטשיילקעלע, זיך געלאָסן אָפּגעווישט דאָס פּנים און שטיל געזאָגט:

— צו ווענמען? צו דער רביצין! זי האָט געוואָלט וויסן צי דער צימעס איז געווען געראָטן הייניקן שבת... — און דער רב האָט זיך אויף אַ רגע פאַרגעסן אין זיין שטאַנד און עלטער, און זיך פאַרגאַנגען אין אַזאַ געלעכטער, וואָס האָט ביי די דריי אָפּגענומען דאָס לשון...

ר׳ שלמה וויטעס

אויף ר׳ שלמה וויטעס האָט מען געקאָנט אָנווענדן דאָס באַקאַנטע ווערטל: תורה וחכמה במקום אחד. מען האָט נאָך געדאַרפט צוגעבן צו די ערשטע צוויי אַ דריטע מעלה, "גבורה" — אָבער מיט דעם לעצטן האָט זיך ר׳ שלמה ניט איבערגענומען. יעדער צווייטער פויער אין דאָרף האָט עס פאַרמאָגט.

ר׳ שלמה וויטעס האָט אָנגעפירט מיט פריצישע ווירטשאַפטן: גיטער, וועלדער, הייזער, ברייזער, און וואָס ניט? ס׳האָט אומעטום געקישעט מיט פויערים, בעלי מלאכות, גערטנער, שטאַל־יונגען. די יונגע פּאַנאָוויע זיינען געזעסן אין פּאַריז, אין מאָנטע־קאַרלאָ, אין לאָנדאָן, געשפּילט רולעטקע, איינגעשטעלט אויף פערד־געיעגן, געהוליעט. די פּריצים זיינען געווען זיכער, אַז דאָס גרויסע פאַרמעגן געפינט זיך אין גוטע הענט.

פון צייט־צו־צייט האָט זיך איינער אָדער מער פון די באַלעבאַטים אַראָפּגעכאַפּט קיין פוילן אַ שמעק צו טאָן די היימישע לופט, אַרויסלאָזן זיך מיט אַ סטייע הינט אין די אייגענע וועלדער אויף יאַגד און — שיכּורן...

שפּעטער, ביים אויסניכטערן זיך, האָט מען אַרויסגערופן דעם ייִדן, דעם פאַרוואַלטער, אים געלויבט, זיך געוווּנדערט ווי אַלץ גייט ביי אים אין אָרדענונג, ווי אַלץ קלאַפּט ביי אים מיט דער קלענסטער פּינקטלעכקייט.

ר׳ שלמה האָט דעמאָלט אויסגענוצט דעם שעת־הכּושר און איז אַרויסגעטראָטן מיט מוסר־רייד. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס די יוגנט צעטרענצלט שטיקער פון דער ירושה אויף...

— עך, פּאַנאָוויע, אַ שאָד, אַ שאָד, מיט אַזוינע לויזע פינגער קאָנט איר נאָך פאַרלירן דאָס...

און ווען ער האָט זיך דערלויבט אַ ביסל אַ צו שאַרף וואָרט, האָבן זיי אים אָפּגעשטעלט כּמעט שטענדיק מיט דער זעלביקער וואָרענונג:

— נו, ייִד, ווייס דיין גרענעץ! כאַפּ ניט איבער די מאָס!

שפּעטער האָט מען זיך גאַנץ פריינדלעך אָפּגעזעגנט און זיך צעפאָרן אין די אויסלאַנדן, און ר׳ שלמה איז ווייטער געבליבן געוועלטיקן אין פרידן איבער דער פריצישער ממשלה.

אָבער דאָס לעבן ווייס ניט, כּידוע, פון קיין גאַנצער שלווה. ווייזט זיך פּלוצעם אַ מיכשול אינעם געשטאַלט פונעם דאָרפס־אַקציזניק, פּאַן

סלאַוויצקי, אַ מענטש גראָד אַ פרומער, וואָס באַזוכט יעדן זונטיק דעם קאָסטשאָל. דער גלח וואַרפט דאָרטן אָפט פעך און שוועבל אויף ייִדן, אָבער צו קיינעם קלעפּן זיך ניט די שנאה־רייד אַזוי שטאַרק ווי צו אים. ער קען קיין נעבעך ניט שלאָפן פלאַנעווענדיק ווי אַזוי זיך אָפּצורעכענען מיטן שונא, דעם ייִדן. און פאַרן אַקציזניק איז ר׳ שלמה וויטעס דער ייִד. ער איז אים מקנא אויפן אָנגעזעענעם אָרט וואָס ער פאַרנעמט און ביי ווענען? ביי סאַמאָראָדנע פריצים, קריסטוסעס קינדער! וואָס ער פאָרט אַרויס, דער ייִד, מיט זיינע בני־בית אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט דריי פערד, וואָס זיינע עלטערע קינדער לערנען זיך אין דער גרויסער שטאָט אין די הויכשולן, כאָטש ייִדן נעמט מען דאָרט אַריין אויף נאָרמעס.

ווען פאַן סלאַוויצקי מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן יענעמס און זיין אייגענעם הויזגעזינט, קומט ער צו זייער טרויעריקע מסקנות. ער דערמאָנט זיך דעמאָלט אין זיינע צוויי זין, וועלכע האָבן שטאַרק ליב דעם ביטערן טראָפּן און ווענען מען געפינט אָפט ליגן אין רינשטאָק. „וואָס פאַראַ שוואַרץ יאָר איז עס מיטן פוילישן און סלאַווישן מענטשן בכלל“, פילאָזאָפירט ער פאַר זיך און פאַלט אַריין אין גרימצאָרן, „וואָס ער שיכורט אַזוי פיל? אָט טרינקען פראַנצויזן, ענגלענדער, דייטשן, און קיינער פון זיי וואַלגערט זיך ניט אין די גאַסן“, — ווייזט ער אַרויס פאַר זיך זיין געלערנטקייט — „און אָט לעבט דער זשיד אויף דער זעלביקער פוילישער ערד און איז ניכטער, ניכטער אַזוי ווייט, אַז ער זוכט צו פאַרכאַפּן אַלץ אויף וואָס נאָר די אויגן קוקן“ — קייט ער איבער דעם קסיאָנדזס קלאָטשע, „ווייל דער זשיד פאַרמאָגט“ — ציט ער ווייטער זיינע פינצטערע רעיונות — „אַ געהיימע מאַכט. ס׳איז אַ הייליקע פליכט“, קלינגען אים שטיקלעך פון דער זונטיקדיקער דרשה אין די אויערן „צו פאַרניכטן אָט די מאַכט“.

און ווען ער דערוויסט זיך, אַז ר׳ שלמה וויטעס דאַרף אָפּפירן אַ היפּשע אַפּותיקי אין דער באַנק פון דער שכנישער שטאָט, פאַרקלײַדט ער זיך אַזוי מ׳זאָל אים ניט דערקענען, באַוואָרנט זיך מיט אַ ביקס און נעמט טשאַטעווען יענעם טאָג אויפן שאָסייווע. דער אַקציזניק האָט דערביי אַ צווייִקע אויסרעכענונג. ערשטנס, אַריינקריגן דעם אוצר און שפּעטער אויסרינען... צווייטנס, אָוועקלייגן דעם ייִדן, אַז קיין פויגל זאָל קיין פּיפּס ניט טאָן.

ביום ההוא האָט זיך ר׳ שלמה אַוועקגעזעצט אויף זיין ווייסן סוס און זיך אַוועקלאָזט אין שטאָט אַריין. דער אַקציזניק איז געשטאַנען באַהאַלטן הינטער אַ צעצווייגטן בוים און געלויערט. שוין אַ שטח וועג פאָרויס ווערט דער דורכפאָר שמעלער, שטיינערדיקער. דאָס פערד מוז דאָרט איינהאַלטן זיין אימפעט, און ווען ער גלייכט זיך אויס מיטן בוים, איז זיין טראָט אַ געמאָסטענער.

פלוצעם דערזעט פאַר זיך דער רייטער דעם פאַרקליידטן אַקציזניק מיט דער ביקס אָנגעשטעלט אויף אים:

— ניט רירן זיך פון אָרט, זשיד! — באַפעלט יענער שטרענג און ער גיט צו נאָך שטרענגער און העכער: — דאָס געלט אַהער!

— און ביי זיך טראַכט ער, טאָמער קווענקלט ער זיך אַ רגע, לאָזט ער אים אַריין אַ קויל. צו זיין חידוש אָבער, גייט דער רייטער געלאַסן אַראָפּ פון פערד, ציט אַרויס פון דער הינטערשטער קעשענע אַ בייטל און דערלאַנגט אים.

פאַן סלאַוויצקי נעמט צו דאָס געלט און איז גרייט דורכצופירן דעם צווייטן טייל פון זיין פּלאַן. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן. ס'איז שטיל, רויק, אַפילו אַ בלעטל אויפן בוים, דאַכט זיך, באַוועגט זיך ניט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט מיט אַ מאָל איינגעשלאָפן, און ווען ער וויל שוין אָפּלאָזן דאָס צינגל, כאַפּט אים פלוצעם אָן אַ ווילדער חשק זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט זיין קרבן, די גרויסע שישקע, דער הערשער איבער פּריצישע מאַיאָנטקעס:

— אַרונטער, אויף די קני, הינטישער זון, און זאָג אָפּ ווידוי!

— שוין אָפּגעזאָגט, וויעלמאָזשני פאַן, שוין אָפּגעזאָגט!

— פאַררעד ניט די ציין, זשיד! — איז דער אַקציזניק מלא חימה און די ביקס שטופּט ער יענעם אונטערן גאַרטל.

— אין האַרצן געזאָגט, וויעלמאָזשני פאַן.

דאָס, וואָס די "שישקע" רופט אים "וויעלמאָזשני פאַן" געפעלט אים, אָבער עס מאַכט אים אַ האָרעלע ניט ווייכער.

— וואָס שטעקט עס ביי דיר אין דער צווייטער קעשענע? — טשעפּעט זיך דער אָנפאַלער ווידער.

— אַ פלעשעלע ספּירט, וויעלמאָזשני פאַן, זיך צו דערוואַרעמען אויפן וועג — און ער גיט עס אים איבער.

פּאַן סלאַוויצקי רייסט אויף מיט די ציין די פּראָבקע און גיט אַ שלונג. דער ספּירט נעמט אים דורך אַלע אברים און די בייזע אייגעלעך טיף אונטערן שטערן צעגלאַנצן זיך.

— נעם זיך דאָס געלט, וויעלמאָזשני פּאַן, און שענק מיר דאָס לעבן — רעדט ר׳ שלמה צו אים כמעט די זעלביקע רייד ווי אברהם אָבינו בשעתו צו אַן אַנדערן מושל.

דער פּאַן טוט נאָך אַ שלונג פון פלעשל און די גערדאַנקען צעלויפן זיך ביי אים אויף אַנדערע רעלסן. ״אויף וואָס פּאַראַ שוואַרץ יאָר״, טראַכט ער, ״טויג אים אַ צווייענדיק פּעקל? ער וועט נאָך היינט אויסרינען מיטן געלט און שוין, און וועט ניט דאַרפן איבערלאָזן נאָך זיך אַ טומל וועגן אַ געהרגעטן, מעג ער אַפילו זיין אַ זשיד...״

ר׳ שלמה וויטעס באַמערקט די ענדערונג אינעם אַקציזניק און ער לאָזט פאַלן נאָך אַ וואָרט:

— שיס אַריין, וויעלמאָזשני פּאַן, אין היטל מיינעם אַ קויל, אַניט וועט מען זאָגן, אַז איך האָב צוגענומען דעם פּריצעס געלט, און מיך, אַן אומשולדיקן, פאַרשיקן קיין סיביר...

— קיין סיביר? — צעצינדן זיך די אייגעלעך אומהיימלעך — ״מען זאָגט, טראַכט ער, די זשידעס זיינען קלוג און כיטרע, און אָט האָט דער ייִד אויף זיך אַליין אַרויסגעגעבן דעם פּסק־דין״ — אין סיביר? — און עפּעס צעטאַנצט זיך אין אים פאַר פרייד: ״אי פּטור ווערן פונעם זשיד, אי אַראָפּנעמען די שולד פון זיך״...

— שיס אַריין, וויעלמאָזשני פּאַן, כאָטש איין קויל — בעט זיך ווייטער דער ייִד.

— אָט, ווייל דו ווילסט עס אַזוי שטאַרק — רייצט ער זיך מיט יענעם — וועל איך עס דווקא ניט טאָן. אין דער לופט וועל איך שיסן, הינטישער זון! (און ער שיסט אויס) אין בוים וועל איך שיסן! (און ער שיסט ווידער) אין די קוסטעס... אָבער ניט אין דיין היטל.

— כאָטש איין קויל — פּרוווט נאָך אַ מאָל ר׳ שלמה.

— נאָך אַ וואָרט פון דיר, און אָט די קויל שיקט דיך אָפּ אויף יענער וועלט — צעלאַכט זיך דער אַקציזניק מיט אַ גיפטיק געלעכטערל און, באַרוישט פון שיסן און פון דער אייגענער תּקיפות, לאָזט ער טאַקע אָפּ

דאָס צינגל, אָבער פון דעם אָנגעשטעלטן געוויער קומט גאָרניט אַרויס. ער פּרוווט נאָך אַ מאָל און ווידער ס'אייגענע, די ביקס איז ליידיק.

ווען דער פאַן סלאַוויצקי באַנעמט פּלוצעם וואָס ס'איז געשען, גיט ער זיך אַ וואַרף מיטן שטיל געוואָרענעם שיסער אויף זיין קרבן, אָבער ר' שלמה איז שוין צוריק אויף די פיס. ער רייסט אַרויס דעם קאָלטן פלאָקן ביי יענעם און מעסט מיט אים אָפּ אַ פּאָר מאָל איבערן פּאַנס קאָפּ, בינדט אים די הענט און פיס, פאַרוואַרפט אים ווי אַ פּגר אויפן ווייסן סוס און פּאַטשט אַוועק אין שטאָט אַריין...

סולטאַן

לפי די לאַנגע אויערן און שאַרפן חוש־הריח וואָלט מען געקאָנט סולטאַנען צורעכענען צום יעגערישן מין. נאָר די קורצע פיס און נאָך קירצערער עק האָבן דערציילט אַז מיטן הונט איז פאָרגעקומען ערגעץ אַן אומפאַרשטענדלעכער שינוי...

דער באַלעבאָס, מר. לימאַן, האָט אים איין מאָל אין אַ פרימאָרגן געפונען ביי דער טיר פון זיין מעבל־געשעפט. ער איז נאָך דעמאָלט געווען קלענער ווי קליין — אַ זויגלינג! און ער האָט אים טאַקע געשפייזט פון אַ מילכפלעשל. זיין פרוי, עלאַ, און די צוויי טעכטערלעך, לוסי און סוזי, די ערשטע זעקס און די אַנדערע מיט אַ יאָר יינגער, האָבן אַ צייט אַפילו ניט געוווסט פון זיין געביין. דער פאָטער האָט געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט זיי אַלע דריי צו איבעררראַשן. דערווייל האָט זיך דאָס הינטל אַלץ מער צוגעבונדן צו אים און פון אים ניט אָפּגעטראָטן. אין ליידיקע שעהען, ווען אין קראָם איז ניט געווען קיין לעבעדיקער נפש, האָט ער היימלעך פאַרווײַלט מיט אים. און ביים שליסן דאָס געשעפט אין אָוונט, האָט ער אים פאַרגרייט מיט אַלעם נייטיקן און איז אַ רויִקער אַוועק אַהיים. אין גיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סולטאַן קאָן ניט בלויז פאַרווײַלן, נאָר אויך זיין פון גרויס נוצן. לימאַנס קראָם איז פאַרבליבן פון די סאַמע לעצטע "ווייסע" געשעפטן אינעם שוואַרצן געגענט. ניט געקוקט אויף דער פּאָליציייִשער וואַך איז כמעט יעדע נאַכט פאָרגעקומען

דאָרטן אַן איבערפֿאַל צי אַ רויבעריי. דער אונטערגעוואַקסענער הונט האָט נאָך פֿון דער ווייטנס דערשנאָפּט די שוואַרצע חברהלייט און ער האָט אויפֿגעהויבן אַזאַ יאָמערלעך און וואָרנענדיק בילן ווי ס׳וואָלט אַרויסגעבראָכן אַ שריפֿה, אָדער מען האַלט, חלילה, אין קוילען אַ הויז מיט מענטשן. און די אומגעבעטענע געסט האָבן זיך אָפּגעטראָגן ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט...

צו לוסיס געבוירנטאָג האָט דער פֿאָטער ענדלעך געבראַכט אַהיים, צווישן אַנדערע מתּנות, אויך סולטאַנען. דאָס קליינוואַרג האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים און פֿאַר גרויס פֿרייד ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אָבער סולטאַן אַליין האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע באַגייסטערונג, כאָטש עס איז אָנגענומען אַז קינדער זיינען אַ גרויסע אַטראַקציע פֿאַר אַ הונט. האָט ער גלייך דערשפּירט, אַז זיי זיינען דער עיקר אין דעם הויז. והא־ראיה. באַלד זיינען די צוויי מיידלעך געווען אויפֿן פֿאָטערס שויס, און ער האָט זיי אָן אויפֿהער געצערטלט און געקושט, און ווען סולטאַן האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער, גאַרניט לויט זיין טבע אין קראָם, אים קאַלט אַ גלעט געטאָן און זיך ווייטער פֿאַרנומען מיט זיי.

דער הונט האָט גלייך געוואָרפֿן אַן אומחן אויף די מיידלעך. ער האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקל און פֿון דאָרטן צו זיי געשיקט פֿיינטלעכע בליקן און בעת־מעשה אַרויסגעלאָזן אומהיימלעך־וויינענדיקע און בעטנדיקע יללות, מ׳זאָל אים צוריקנעמען אין קראָם.

מר לימאָן האָט פֿון דעמאָלט אָן געהאַלטן דעם כּלב אין געשעפֿט. ער האָט געהאַט מיט וועמען צו פֿאַרברענגען אין ליידיקע מינוטן, און ווער עס זאָל אים ווייטער היטן די קראָם אין די נעכט. און ווען סולטאַן האָט אַ מאָל באַגעגנט די קינדער, האָט ער זיך באַצויגן צו זיי, צו זייער פֿאַרדראָס און קינדערשן צער, מיט גלייכגילט, אויב ניט נאָך ערגער...

* * *

לוסי און סוזי האָבן יענעם זומער פֿאַרבראַכט אין אַ דאָרף, לעבן אַן אָזערע. זיי האָבן אַ לאַנגע צייט געטראַכט ווי זיך אָפּצורעכענען מיטן

אומפריינדלעכן הונט, ביז זיי זיינען געפאַלן אויף אַזאַ המצאה: זיי האָבן ערגעץ דערטאַפּט אַ פלעשל מיט אַ קאָרעק. די עלטערע, לוסי, וואָס האָט שוין צו ביסלעך געשריבן, האָט אַריינגעלייגט אַהין אַ צעטעלע מיט איר און דער שוועסטערס נאָמען, אַדרעס און טעלעפאָן־נומער. אין צעטעלע האָט לוסי געלאָזט וויסן, אַז זי און סוזי ווילן אויסבייטן זייער יאַגדהונט אויף אַ "פּרענטש־פּודל", און זיי האָבן דאָס פלעשל אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער...

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט דעני, אַ שכנס אַ יינגל, געפונען דאָס פלעשל אויפן זאַמדיקן ברעג. ער איז אַריינגעפאַלן אין התפעלות! ער האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף סולטאַנען און ער האָט ניט איין מאָל געחלומט ווי ער גייט מיט אים אויף יאַגד אינעם נאָענטן וועלדל. פון זיין פודל האָט ער קיין נחת ניט געהאַט. רק ס'ווילט זיך אים, מ'זאָל אים גלעטן און פוצן און ליגן אויף דער ווייכער סאָפע...

דעני האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין צעפּיעשטשעט הינטל און עס געבראַכט צו די קינדער. די מיידלעך האָבן ניט געגלייבט זייערע אויגן. זיי האָבן עס פאַרוואָרפן מיט צערטלעכקייטן און קושן, און ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן אין פאַרהאַנדלען מיט דענין, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריין דער פאָטער, וואָס האָט אויך דעמאָלט געהאַט זיין וואַקאַציע, מיט זיין הונט, סולטאַן.

סולטאַן האָט אַ פיר געטאָן מיט זיינע גרויסע קוקערס איבער דער שטוב און האָט שנעל באַנומען, וואָס די שוועסטערלעך האָבן פאַרטראַכט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט האַרט ביי די פיס פון זיין באַלעבאָס מיט דער זיכערקייט, אַז קיין שום באַשעפעניש און אַוודאי ניט קיין הונט האָט אין דעם הויז קיין חזקה ניט. נאָר ווען ער האָט באַמערקט, אַז עס נעמט גאָרניט קיין סוף צו דער האַוועניש און ליבעניש צום פודל, איז אים באַפאַלן אַן אומעט און זיין קאָפּ איז אַראָפּגעזונקען מיט הכנעה צום דיל.

מר. לימאָן, ניט פאַרדאַכטנדיק קיין בייז, האָט זיך משער געווען, אַז ס'איז אַ פשוטער וויזיט פונעם שכנס יינגל ביי זיינע טעכטערלעך, האָט ער אויך צוגעלייגט אַ "גוט־מיינענדיקע" האַנט צום פודל. נאָר איצט האָט זיך שוין סולטאַן אין גאַנצן פאַרלוירן. ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויפגעריסענע אויגן אויף די צוויי מיידלעך מיט אַזאַ רחמנות, אַז זיי זיינען

טאַקע געריַרט געוואָרן, און די יונגע סוזי, האָט מיט אַ מאָל אויסגערופן צו דענין:

— ״נאָו דיל!״ (אויס געשעפט!) און ביידע קינדער זיינען צוגעפאַלן צו סולטאַנען מיט אַ באַנייטער ליבע...

דער מאָדנער בעקער

(פאָלק־מעשה)

שלמהקע איז געווען אַ בעקערל אַזוינס און אַזעלכעס. זיינס אַ ברויט, אַ זעמל, אַ קוכן האָט מען געגעסן מיט די אויגן. צוליב זיינע שבתדיקע חלות איז מען געקומען פון די ווייטסטע גאַסן, און וועגן זיינע טאָרטן און שטרודלען איז ניט שייך צו רעדן. מ׳האָט זיי געדאַרפט פאַרזוכן בכדי אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג, קורץ און גוט. שלמהקע האָט געשמט פאַרן בעסטן בעל־מלאכה אין שטעטל.

דעם אמת געזאָגט, איז דער יונג געוואָרן אַזאַ בריה ערשט נאָך דער חתונה. פריער האָט מען אים גראָד געהאַלטן פאַר אַ פוילן, אַ לא־יוצלח, וואָס נאָר ער פייפט מיט די גראָבלעכע ליפּן, מעשה שייגעץ, אויף אַלץ און אַלעמען. דערצו האָבן זיך נאָך אומגעטראָגן שמועות, אַז שלמהקע האָט מחוקות מיט אַן אשת־איש, רחמנא־לצלן... נאָר זייט ער האָט געבראַכט פון דער גרויסער שטאָט מירעלען האָט זיך אַלץ געביטן.

די יונגע פרוי איז געווען שמעון דעם סטאָליערס אַ טאָכטער. זי האָט געהאַט און איידל־גלאַטע הויט, ווי אַרומגעטעסעט פון אַ געניטער מייסטערהאַנט. אירע ליכטיק־בלאָנדע קרויזן האָבן שטאַרק דערמאָנט אין טאַטנס פריש־געהובלטע סטרוזשקעס. זיי זיינען איר אַראָפּגעפאַלן אין די גרויסע העלע אויגן, וועלכע האָבן מער גערעדט ווי די איינגעצויגענע, קאַפּריזנע ליפּעלער. מירעלע איז געווען אַ בת־יחידה און שמעונען האָט זיך שטאַרק געוואָלט קריגן פאַר איר אַ מאַן, אַ וואויל־לערנער. האָט זיך אָבער די מויד פאַרקוקט אויפן בעקערל. זי האָט אים צופעליק געטראָפן ביים טאַטן אין ווערקשטאַט און —

מירעלע האָט גיך אָפּגעוווינט דעם יונג פון זיינע ווילדע פירעכצן. ער האָט געמוזט טראָגן אַ ריינעם פאַרטעך ביי דער אַרבעט, אָפּשטויבן

די בגדים, ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, און פון זיינע ליפן האָט זיך אָפּגעטאָן דאָס פייפן, ווי דורך אַ כּישוף. שלמהקע האָט זיך גערן אונטערגעגעבן, נאָך מער! ער האָט זיך, מיט דער צייט, אַזוי צוגעבונדן צום ווייבל, אַז ס׳איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן נושא־חן צו זיין ביי איר. ווען אים האָט זיך איינגעגעבן אַ נאַשעריי: אַ פּוטער־קיכל, אַ פלוימען־פּלעצל, האָט ער עס איר אונטערגעטראָגן ווי אַ אבן־טוב און געוואַרט ווי אַ צעשראָקן יינגל, אויף איר מבינות. זי האָט אַריינגעלאָזן אירע שפּיציקע ציינדלעך אין דער ״לאַקאָמקע״, און אויב אירע ליפּעלעך האָבן זיך, אין חידוש, ברייטער צעעפנט, איז ער געווען אין זיבעטן הימל, און אויב ווידער זיי האָבן זיך אַ קרים געטאָן, איז אים איינגעפאַלן ס׳האַרץ.

מירעלע איז ניט נאָר געווען, אויף איר אופן, אַ געטריי ווייב, נאָר אויך אַ איבערגעגעבענע טאָכטער. ווען מען האָט איר געלאָזט וויסן, אַז די מאַמע איז פאַרשלאָפט געוואָרן, איז זי, ווי געוויינטלעך, גלייך געפאָרן אין שטאָט זי געוויר־צו־ווערן. כּל־זמן די יונגע פרוי האָט זיך דאָרטן געזאָמט אַ טאָג־צוויי, צי אַפילו אַ וואָך, האָט שלמהקע ניט דערווידערט. ווען זי האָט זיך אָבער פאַרהאַלטן לענגער, האָט ער אָנגעהויבן פראַווען די אַמאָליקע שטיק. ער האָט מער ניט אַריינגעשמעקט אין דער בעקעריי, זיך אומגעשלעפט גאַנצע נעכט גאָט־ווייסט־ווו, צי אָפּגעלעגן שטיקער טאָג אין בעט, אָפט אַ ניט געגעסענער, געגלאָצט אויף מירעלעס פאָטאָגראַפיע און געזיפצט.

די קונים האָבן זיך שוין אַזוי געהאַט צוגעוווינט צו שלמהקעס געבעקס, אַז זיי האָבן מער קיינעמס ניט געקענט נעמען אין מויל אַריין. מער פון אַלעמען האָט אַזוי געפילט גאָלדע לאַפּידוס, דעם פּראָוויזערס פרוי. זי האָט געשטאַמט פון אַ יחוסדיק און פאַרמעגלעך הויז, געקעכלט, ווי ס׳ווערטל גייט, אויף פויגלמילך. ווען איר האָט אַצינד אויסגעפעלט אין דער פרי אַ פּוטער־קיכל צו דער קאַווע, איז זי געווען אויס מענטש. זי האָט צונויפגענומען עטלעכע ווייבער פון איר הויף, פון אַנדערע הויפן, שלמהקעס קונים, און איז מיט זיי אַוועק צום בעקערל אין שטוב:

— ס׳טייטש, שלמהקע — האָט די מאָדנע דעלעגאַציע באַטראַכט די אומאָרדענונג אין דעם אַ מאָל ציכטיקן דירהלע. — וואָס וועט זיין דער תּכלית, האַ?

— איך באַק ניט! — האָט דער יונג קורץ אָפּגעשניטן.

— פאַר וואָס?

— פאַר נעכטן! — איז דאָס בעקערל געוועזן פרעך.

— אָבער ס׳מוז דאָך זיין אַ סיבה?

— סיבה־שמיבע — האָט שלמהקע ניט געקוקט אויף זיי, נאָר אויף דער איינציקער פאָטאָגראַפיע און — געזיפצט.

— און ווען מירעלע וואָלט זיך אומגעקערט אַהיים? — האָט גאָלדע לאַפּידוס געפּרוווט אָנטאַפּן דעם דופק. דאָס בעקערל האָט מיט אַ מאָל פאַרלאָרן זיין שטייפקייט. ער האָט נכנעדיק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געשוויגן.

די ווייבערשע דעלעגאַציע האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק, און איז זיך פרידלעך צעגאַנגען איבער די הייזער. אויף מאָרגן, ווען דעם אַפּטייקערס פרוי און איר שכנה האָבן געדאַרפט זיין צוליב עפּעס אין דער גרויסער שטאָט, האָבן זיי פאַרבויגן דעם כּבוד און זייערע פאַרפאָרן צום סטאָליער, און למאי לייקענען? זיי האָבן טאַקע געפונען שמעונס ווייב אין בעט און לעבן איר מירעלען. נאָך פיל זייטיקע רייד, איז לאַפּידוס אַרויס מיט לשון:

— מירעלע, ווי לאָזט מען עס איבער אַ מאַן, נעבעך, איינער אַליין אויף אַזאַ לאַנגע צייט?

יענע האָט זיך מן־הסתם געריכט אויף אַזאַ שאלה, האָט זי אָנגעוויזן אויפן בעט און פאַרקרימט די ליפּעלעך: — איך קען ניט, אָבער ער קאָן דאָך יאָ קומען אונדז זען. — האָט זי פאַר איינוועגס זיך איינגעשטעלט פאַר איר קראַנקער מאַמען.

— ער איז, קאָנטיק, שטאַרק פאַרהאָרעוועט, — איז דעם פּראָוויזערס פרוי געקראָכן אין אַ בלאָטע. — דערצו עסט ער ניט אַ רעכטן לעפל געקעכץ אַ גאַנצע וואָך... — האָט זי געוואָלט אויפוועקן אַ ביסעלע מיטלייד ביי מירעלען צו איר מאַן.

— און וואָס בין איך, חלילה, אַ פרעמדע? — האָט זיך פּלוצעם אָפּגערופן דער חולה. — ער שטייט דאָרטן ביים אויוון און באַקט, קאָן ער עפּעס אָפּקאָכן אויך! — האָבן זיך ביי דער שוויגער געלאָזט הערן אַלטע און נייע קריוודעס צום איידעם.

— די מאַמע, זאָל געזונט זיין, איז גערעכט! ער שטייט ביים אויוון, — האָט זי נאָכגעזאָגט יענערס רייד. — קאָן ער זיך עפּעס אָפּקאָכן.

— ער האָט עס מסתמא געפּרוווט. — האָט זיך אַריינגעמישט די שכנה. נאָר זעענדיק אַז די רייד רירן זי ניט. האָט זי זיך מער ניט געקענט באַהערשן, און גענומען רעדן מיט האַרץ:

— אַ גאַנץ שטעטל מיט ייִדן ליידט צוליב דיר!

— צוליב מיר! — האָט זיך מירעלע געחידושט — וואָס עפּעס צוליב מיר?

— צוליב דיר! — האָט די שכנה ניט אָפּגעלאָזן. — דיין שלמהקע וויל ניט באַקן, סיידן דו וועסט זיך אומקערן אַהיים.

— קויפט מען ביי חייה־לאהן, די בעקערין! ביי יאָסעלען, ביי אַנדערע! — האָט זי געעצהט מיט אַ גרינג געמיט. מחמת ס'האָט זיך איר ניט געלייגט אויפן שכל, אַז דער יונג וועט אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקייט.

— ס'האָט דען דעם זעלביקן טעם? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי דער שכנה.

— איז וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט דעם סטאָליערס טאָכטער פאַרלאָרן איר געדולד. — איך האָב אַ קראַנקע מאַמע אויף די הענט, דאַרף איך נאָך טראָגן קהל אויף מיינע פּלייצעס?

— זי איז גערעכט! — האָט דעם אַפּטייקערס פרוי זיך פּלוצעם אויפגעהויבן — קומט! מיר וועלן זיך ווי־עס־איז אַן עצה געבן! — און שוין האַלטנדיק די קליאַמקע, האָט זי, אַגב־אורחאדיק אַ זאָג געטאָן אומעטיק צו איר מיטגייערין: — ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס נאַסיאַ די גויקע...

— נאַסיאַ די גויקע? — האָט מירעלע זי שנעל איבערגעשלאָגן.

— זי איז שוין לאַנג עוקר געוועזן פון שטעטל.

— ס'קאָן זיין! אָבער אַז מען קלינגט איז, משמעות, חגא! — האָט די לאַפּידוס ניט געקוקט אין איר זייט.

— ס'איז רכילות און לשון־הרע! — האָט זיך מירעלע אָנגעצונדן.

— מיין שלמהקע וועט קיין שלעכטס ניט טאָן, אַפילו ווען זי איז צוריק אין שטעטל.

— ווער זאָגט דען, חלילה, אַז יאָ. — האָט דער גאַסט געציילט די ווערטער. — מילא, נו — האָט זי זיך מאָדנע צעשמייכלט. — לאָמיר גיין!

— וואַרט נאָך צו אַ ווייל! — האָבן זיך מירעלעס העלע אויגן

פאַרצויגן מיט אַ רויכל. און זי האָט זיך מיט אַ מאָל אַ ווענד געטאָן צום חולה: — האָסט געהערט, מאַמע, די מעשה? איך פיל, אַז איך נעם אויף זיך אַ גרויסע עבירה...

— איך האָב עס דיר שוין לאַנג געזאָגט, טאָכטער! — איז שמעון סטאָליער אָנגעקומען אויף די רייד, מיטברענגענדיק ריחות פון לאַק און טערפּענטין. — דיין אָרט איז ביי דיין מאַן אין שטעטל.

— נו, און ווו איז כּבוד־אָם? — האָט די קראַנקע אַרויסגעקרעכצט און ביזלעך באַטראַכט אי דעם מאַן, אי די טאָכטער.

— דו ווּעסט שוין "מירצעשעם" געזונט ווערן! ביסט, חלילה, ניט קיין חולה־מסוכּן, און ביסט ניט אין דער פרעמד...

מירעלע האָט זיך גענומען פיבערדיק פּאַקן און בעת־מעשה ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם אומגעריכטן מכשול. זי האָט זיך אויף דער גיך אָפּגעזעגנט מיט די עלטערן, צוגעזאָגט בקרוב צו קומען און איז אַרויס פון הויז, באַגלייט פון די צוויי שמייכלענדיקע שכנות.

וואָס דער גליקלעכער שלמהקע האָט איבערגעלעבט, ווען ער האָט דערזען מירעלען וואָלט ער אין ווערטער ניט געקענט אַרויסברענגען. נאָר די קונים זיינע האָבן עס דערשפּירט אין זיינע געבעקסן. עס איז צוגעקומען צו דער שטענדיקער באַטעמטקייט עפּעס אַזוינס, וואָס אייניקע האָבן עס פאַרגליכן מיט מאַרציפּאַנעס און אַנדערע, — די מער לומדישע — צו צפּיחית בדבש...

איין מאָל אין אַן אָוונט

דער לערער שלמה טאָפּאָל האָט זיך ניט געפונען קיין אָרט. ער האָט זיך אומגעטראָגן, ווי אַ געפאַנגענע חיה, פון ווינקל צו ווינקל. און ווען ער האָט זיך אומווילִיק אָנגעטראָפן אויף זיין שאַרף־שפּיציקן און פאַרטרויערטן פּראָפיל אין שפּיגל, האָט ער מיט שרעק אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

דער רעגן האָט אומאויפהערלעך געשמיסן אין די פענצטער. דאָס דרויסנדיקע לאַמטערן־ליכט, וואָס האָט שוואַך באַלויכטן דאָס צימער, האָט זיך געוויגט איבער די פאַרפלייצטע גאַסן און האָט אַרויסגערופן ביי

טאָפּאָלן אַ געפיל פון פאַרוואָרפנקייט, פון איזאָלאַציע, פון עלנט. און אפשר איז אָט דער איינדרוק געווען ביי אים מער אַ פּועל־יוצא פונעם פלוצעמדיקן איבערבייט פון זיין וווינאָרט, ווי פון עפּעס אַנדערש.

די פּאָר יאָר אין מיאַמי האָט זיך דער לערער אויפגעהאַלטן ביי זיין בת־יחידה, עסטעל, אין איר גרויסער און רחבותדיקער היים. ער האָט איר געצאָלט חודשלעך און אויך ניט פאַרפעלט, ביי אַ געלעגנהייט, מזכּה צו זיין די טאָכטער ווי דעם איידעם מיט אַ פּאַסיקער מתּנה. ער האָט זעלטן אָנטיילגענומען אין די שמועסןביים טיש וועגן שטוביקע ענינים, אָבער ווען דער מדובר איז אַריבער אויף ייִדן און ייִדישקייט, האָט ער זיך דערשפּירט אין זיין מיליע און אַרויסגעזאָגט אָפּט און אָפן שאַרף זיינע מיינונגען, מיט וועלכע די צועהערעס האָבן, ס׳רוב, ניט מסכּים געווען...

פּלוצעם האָבן געגומען דערגיין צו אים שמועות, אַז דעם איידעמס פּאָטער, אַ געשעפטסמאַן און אַ פּרעסביטעריאַנער, קלייבט זיך אַהער אויף באַזוך. און פאַרן גאַסט וועלן אפשר זיין פּריקרע טאָפּאָלס צו־ייִדישלעכע ״דאָקטרינען״, און עס וועט זיכער פירן צו סכסוכים און מעגלעך צו עפּעס ערגערס...

דעם אמת געזאָגט, האָבן ניט דער איידעם און אַוודאי ניט די טאָכטער געבראַכט אַזוינע געדאַנקען אויף זייערע ליפּן. נאָר די הכנות פּאַר יענעמס אָנקום, דאָס מטושטשע איבערקוקן זיך פון מאַן און ווייב און דאָס אומבאַהאָלפן שמייכעלע דערביי, האָבן סוגערירט און געשטאַרקט אָט די השערה. און ווען ער, טאָפּאָל, האָט געלאָזן פאַלן זייטיק אַ וואָרט, אַז ער וועט וויילן עטלעכע טעג ביי זיינעם אַ ׳פריינד׳ האָט קיינער ניט דערווידערט...

זייט ביים לערער איז נפטר געוואָרן זיין פרוי צביה, איז ער אומגעגאַנגען, ווי אויף אַן עולם התוהו. ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר העכער אַ העלפט פון זיינע זעכציק יאָר אין ניו־יאָרק. און ווען ער האָט ענדלעך באַשלאָסן זיך צוריקציען פון זיין אַרבעט און געניסן אַ ביסל מנוחת הנפש אין דער סביבה פון זיין קליינער משפּחה, האָט אים געטראָפן דאָס אומגליק. און אויב דאָס איז ניט געווען גענוג, האָט די טאָכטער, אין איר אייפערדיקער מרידה קעגן היים און עלטערן, ווי עס איז די מאָדע היינט ביי אַ טייל פון דעם יונגוואַרג, זיך אַזוי ווייט

פאַרגאַלאַפּירט, אַז זי האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ ניט־ייִדן, איידל גערעדט, און איז מיט אים אָפּגעפאָרן אין ווייטן דרום.

טאָפּאָל איז נאָכגעגאַנגען, מיט דער האָפענונג, זי אין גאַנצן ניט צו פאַרלירן. היות ווי דער איידעם איז געווען אַ קנאָפּער מאמין, האָט ער ניט געהערט צו קיין קירך. צווישן זיינע פריינד און באַקאַנטע האָבן זיך דורכגעוואָרפן אַ סך פון אנשי־שלומינו, ס׳רוב געמישטע פאַרפעלקער — צרות רבים, הייסט עס. — אָבער פאַרן לערער איז עס געווען אַ קליינע נחמה. בעת ביי געוויסע טיילן אָפּגעפרעמדטע ייִדן האָט זיך דער פונק צעגליט, כידוע, נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה, האָט מען ביי אַנדערע געזען, צוליב אַ שלל סיבות, דאָס פאַרקערטע...

דער לערער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. ער האָט געטריבן פון זיך די פינצטערע מחשבות און זיך אָנגעכאַפּט אין די ״קרנות הבטחון״, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַז דער דריטער דור וועט זיך אומקערן צו זיין שורש. ער האָט אָפּגעזוכט אַזוינעביישפּילן אַפילו היינט און אַוודאי אינעם עבר.

מיטן אָנקום אָבער פון זיין מחותן, דזשאָן סוואַנסאָן, האָט זיך זיין בטחון אַ שאָקל געטאָן. ווען יענער האָט אויסגעפונען, אַז זיין ייִדישע שנור איז אויף דער ״צייט״, איז ער באַשטאַנען, מ׳זאָל רופן דאָס קינד אויפן נאָמען פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי ״קריסטינאַ״. אויך עסטעל האָט זיך אומגעטראָגן מיט אַן ענלעכן געדאַנק, נעמלעך — אויב עס וועט זיין אַ מיידעלע זאָל עס הייסן נאָך איר מאַמען. איז געבליבן, אַז דאָס קינפּטיק נפשל זאָל טראָגן די נעמען פוןביידע באָבעס: ״קריסטינאַ־צביה״. אָבער טאָפּאָל האָט געוווסט, אַז פאַרשרייבן וועט מען אפשר אין די פּאַפּירן אַזוי, אָבער רופן וועט מען דאָס קינד שפּעטער, לשם קורצקייט, פאַרשטייט זיך — ״קריס״, אָדער ״קריסטי״...

דער לערער האָט אַן עפּן געטאָן די ראַדיאָ הויך און העכער, כּדי, משמעות, צו פאַרשרייען די כאָפּטע שדים, וועלכע זיינען אים איצט באַפאַלן. שכנים האָבן גענומען קלאַפּן אין טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען דער מאָדנער לאָקאַטאָר אַ צעשויבערטער, אַ צעבראָפּעטער. ער האָט פאַרלאָרן געשמייכלט:

— פּליז, קאָם אין! אַי פיל לאָונלי, ווערי לאָונלי! (ביטע, קומט אַריין! איך פיל זיך עלנט, זייער עלנט!) די שכנים, קובאַנער, האָבן אים

קוים פאַרשטאַנען. זיי האָבן אים אַ רגע באַטראַכט, געהויבן די אַקסל און זיינען ניט געוואָרן.

דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט צו בייטשן איבער די פענצטער, פאַרוואַנדלט גאַנצע גאַסן אין טייכן. דער לערער האָט געמאַכט ליכטיק, געפּרוווט זיך פאַרטיפן אין אַ בוך און — ניט געקענט. עס האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. טאָפּאָל האָט האַסטיק געענטפערט:

— יאָ, יאָ, דאָס איז טאָפּ... ווער רעדט עס?

אויף יענער זייט דראָט האָט אים אַ ווייבעריש קול פאַרזיכערט, אַז זי קען אים. איר זון האָט ביי אים אַ מאָל געענדיקט די שול. ער האָט יאָ און ניט געדענקט. ער איז איר אָבער אַלץ איינס געווען דאַנקפול, וואָס זי האָט זיך דערמאָנט אין אים.

אין לויף פונעם שמועס וועגן וועטער אין פאַרגלייך מיטן ניו־יאָרקער, וועגן האָטעל־פרייזן און שפּייז־קאָסטן, האָט זיך גענומען ביסלעכווייז אויסשיילן די פיזיאָנאָמיע פון זיין מיטשמועסערין און די האָפערדיקייט ביי אים האָט נאָכגעלאָזן. אין זיין דמיון האָט אויפגעטויכט אַ מיטליאָריקע פרוי מיט גרוילעכע אויגן און האָר, יינגליש צוגעשניטן, וואָס האָט ניט האַרמאָניזירט מיט איר צעקנייטשטן פּנים. ער האָט געוואָלט דערגיין די סיבה פון איר פּלוצעמדיקן אינטערעס.

— איך האָב געהערט פון אייער אבידה... האָב איך אייך געוואָלט, ווי זאָגט מען עס ביי יידן, מנחם־אבל זיין, כאָטש אויפן טעלעפאָן...

— אין אַזאַ אָוונט? — האָט ער זי ניט גענומען ערנסט. — איבעריקנס, איז עס געשען מיט צוויי יאָר צוריק...

— און ביי מיר איז עס געשען פאַראַיאָרן — האָט זי אַרויפגעצויגן אַ טרויער־הייטל אויף איר קול.

טאָפּאָלן זיינען מיט אַ מאָל מיאוס געוואָרן די רייד, צו בולט האָבן זיך געמערקט אירע כּוונות. און ער האָט אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל.

עס זיינען ניט אַוועק קיין פינף מינוט, ווי ער האָט ווידער דערהערט איר שטים: — איר האָט ניט געהאַנדלט ווי אַ דזשענטלעמען, מר. טאָפּאָל! אין אַזאַ אָוונט איז דווקא גוט צו האָבן מיט וועמען אַ וואָרט צו פאַרבייטן! — האָט אַרויסגערעדט פון איר איר אייגענע עלנט.

— יאָ, איר זייט גערעכט! — האָט ער זיך געוואָלט אָפּטשעפּען.

— אויב איר ווילט, וועל איך קומען מאָרגן מיט מיין אויטאָ און מיר

וועלן זיך אַ ביסל דורכפאָרן — ס׳איז ניט גוט צו זיין אַליין... — האָט זי אים שוועסטערלעך געעצהט.

— איך בין גאָרניט אַליין! — האָט זיך אין אים דער צר־להכעיס צעשפּילט...

— אייער טאָכטער האָט מיר...

— אַהאַ! — האָט ער אויסגערופן. — דאָס האָט זי... נו, גוט, קומט מאָרגן, נאָר מיטן באַדינג, איר זאָלט עס טאָן דיסקרעט. ס׳הייסט ניט פאָרן איבער די הויפּטגאַסן! — האָט ער ממשיך געווען די לצנות.

— פאַר וואָס? — האָט זי ניט פאַרשטאַנען. — איר זייט באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן?

— נאָך אַ מין! איך האָב זיך דאָ פאַרפלאָנטערט מיט אַן אשת־איש! — איז ער געקראָכן טיפער אין דער בלאָטע. און זי איז זייער אייפערזיכטיק!...

— טאַקע? אויף מיר די עבירה! — איז זי ניט געוואָרן נתפעל.

— און נאָך אַ זאַך! — האָט ער אַריינגעוואָרפן די שטאַרקסטע קאָרט — כ׳האָב ניט בדעה זיך געזעצלעך צו פאַרבינדן מיט אייך... סיידן...

ער האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן, וואָרן דאָס מאָל האָט זי אים איבערגעריסן און איינגעשטילט דעם רעדאַפּאַראַט...

הגם דער רעגן האָט ווידער געצויגן זיין איינטאָניקן ניגון איבער די שויבן, האָט טאָפּאָל מער ניט געשפּירט די פריערדיקע שווערקייט. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אין די קליידער אויפן בעט און איז איינגעשלאָפן...

צוויי זיידעס

1. דער "פּראָלעטאַרישער" זיידע

זינט חיימל געדענקט אים, איז דער זיידע, דוד־לייב, אויפגעשטאַנען אין פריִיִקן באַגינען פון טאָג (חוץ שבת און יום־טוב) צו דער אַרבעט. האָט אָפּגעדאַוונט, אַ ביס געטאָן און זיך אַראָפּגעלאָזן מיט דער קאָנקע, צום אָדעסער האַפן, ווו מ׳האָט געגרוזעוועט סחורות קיין און פון אויסלאַנד.

זיין עבודה איז געווען ווי אַ אויפזועער צו האַלטן אַ וואַך אויג אויף אַלץ און אַלעמען. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּעקל פּאַפּירן און מיט צוויי גרויסע בלייערס אויף ביידע אויערן, און ווו מ'האָט אים ניט פּאַרזייט — דאָרטן איז ער אויסגעוואַקסן...

דער זיידע איז געווען אַ הויכער מיט אַ שוואַרץ־גרויליכער בערדל, מיט גוטע, ווייכע, בלויע אויגן, געראָטן ווי צוויי טראָפּנס אין זיין פּאָטער, ר' מנחם־אליעזר דעם שוחט, האָט דערציילט די באָבע, לאה. „ער האָט פיינט געהאַט שחיטה בתכלית־השנאה. בעת ער האָט געדאַרפט שעכטן אַ בהמה, צי אַפילו אַן עוף, האָט ער מער דערמאָנט אין איינעם, וואָס מען פירט צו דער שחיטה"... דער זיידע, דוד־לייב האָט געטראָגן אַ טאָפּלטן יאָך אויף זיך — נעמלעך מפרנס־צו זיין זיין משפחה און דער טאָכטערס, וואָס איז געבליבן יונג אַן אַלמנה מיט צוויי קליינע קינדער.

אַהיים געקומען איז דער זיידע שפּעט אין אָוונט אַ שטאַרק מידער. אַלע האָבן געוואַרט אויף אים מיט דער וועטשערע. די באָבע און די מאַמע האָבן שוין דערקאָנט זיינע טריט אויף די טרעפּ, און די צוויי אייניקלעך, חיימל און דבורהלע, גערוקט מיט אַ יאָר איינס פונעם אַנדערן, האָבן זיך אַזוי לאַנג געשפּילט אויפן זיידנס בעט, ביז זיי זיינען איינגעשלאָפן. מיטן זיידנס אַריינקום האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט. און דער עלטערער, חיימל, האָט שטענדיק געהאַט איינע און די זעלביקע טענה:

— פאַר וואָס קומסטו אַזוי שפּעט, זיידעניו? — דער זיידע האָט אין אָוונט געבראַכט פאַר די קינדער פרישע בייגל, ערשט פון אויוון אַרויס, איינגעהאַנדלט זיי אויפן וועג, און זיי האָבן פאַרשמעקט די גאַנצע שטוב. דער זיידע האָט געוווסט ווי איבערצוגעבן זיינע איבערלעבענישן דורכן טאָג, מעשיות. געזעסן אויבן־אָן ביים טיש און בעת־מעשה, פאַרגעסן אין זיין מידקייט, די מאַמע און די באָבע אין זייער הונגער, און דאָס קליינוואַרג

— אין שלאָף!... אַ דאָס זיינען געווען מעשיות וועגן שיפן געקומענע פון ווייטע לענדער און שיפן אַוועקגעשוווּמענע אין אומבאַקאַנטע מדינות, וועגן פיש די גרויס פון שיפן, וועלכע שפּרינגען איבער די כוואַליעס, ווי חדר־יינגלעך איבער גריבער... און ביים קליינעם חיימל האָבן זיך די שיפן מיט די פיש צונויפגעמישט מיט די חדר־יינגלעך און אים געהאַלטן וואַך לאַנגע שעהען אין דער נאַכט...

קאַיאָר, ווען ס'האָט זיך דערטראָגן דער מינדסטער שאָרך פון

עסצימער, איז חיימל שטיל אַראָפּ פון געלעגער און מיט אַ קלאַפּנדיק הערצל, קוים באַרירנדיק דעם דיל, זיך אַוועקגעלאָזן איבער די נאָך פינצטערע חדרים צום זיידן. ער האָט געדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק, חיימל, וואָרן די מאַמע האָט אים אונטערגעשטעלט אַ סך מניעות, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז אַ ניין יאָריק ייִנגעלע דאַרף נאָך, לעת־עתּה, שלאָפן.

ווען חיימל האָט בשלום דערגרייכט דעם זיידנס טיר, איז ער געווען אין זיבטן הימל. ער האָט געטראָפן דעם זיידן אָדער אין טלית־און־תפילין דאַווענען שחרית, צי שוין זיצנדיק ביים טיש און טרינקען טיי פון קאָבעריקן סאַמאָוואַר.

דאָס ייִנגעלע האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיטן זיידן, גלייך ער וואָלט אים שוין ניט געזען אַ שאָק מיט יאָרן, און ער האָט פאַר אים, נאָכן אויסטרינקען אַ גלעזעלע טיי, גענומען פאָרברענגען דעם "אוראָק", וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר דער ייִדיש־רוסישער שול, וווהין דער רייכער זיידע, משה, איז באַשטאַנען ער זאָל לערנען.

ס׳איז דעמאָלט גראָד אויסגעפאַלן די צייט פאַר חנוכּה. און די לימודים האָבן געהאַט צו טאָן מיטן בייזן מלך אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, וועלכער האָט געהערשט איבערן ייִדישן לאַנד און געוואָלט פאַרטיליקן אַלע ייִדן אויב זיי וועלן ניט דינען זיינע געצן. אָבער די העלדישע חשמונאים האָבן אים און זיינע נאָכפאָלגערס ענדלעך באַזיגט, און צוריק אויפגעשטעלט די ייִדישע מלוכה...

בעת חיימל האָט אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל די מאָדנע, נייע ווערטער, האָט מען ממש געפילט, אַז ער לעבט איבער די געשעענישן, יעדע מינע, טאָן און אויסדרוק האָבן עדות געזאָגט דערויף. און ווען ער האָט געענדיקט, איז ער געווען אויסגעשעפּט, בלייך און דאָך — געשמייכלט...

פאַרן אַוועקגיין האָט דער זיידע אים אַריינגעלייגט אין זיין בעט, גוט איינגעדעקט, אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און אים אָנגעזאָגט צו זיין אַ גוט קינד און פאָלגן דער מאַמען.

חיימל איז נאָך לאַנג געלעגן מיט אָפענע אייגעלעך, געהערט דעם זיידן אַראָפּגיין די טרעפּ, שפּאַנען איבערן האַרטן שניי, דערנאָך איז אַלץ געוואָרן מטושטש... דער זיידע איז שוין ניט געווען אַליין. ער ווערט אַרומגערינגלעט פון שיפן, פיש און פון אַנטיוכוסעס חייל, אָבער דער זיידע

איז העכער און שטאַרקער פון אַלעמען. מיט איין פּאַטש פון זיינע לאַנגע אָרעמס און זיי ליגן שוין אַלע צעפּלאַטשעטע אין טיפן שניי...

2. דער "אַריסטאָקראַטישער" זיידע

דער זיידע משה פון טאַטנס צד, איז געווען אַ ייִד אַ משׂכּיל, האָט געלייענט די "הצפירה" און געדאַוונט אין דער "ציוניסטישער" כאָר־סינאַגאָגע, ווו ער איז יאָרן־לאַנג געווען גבאי־ראשון. דעם זיידן האָט מען געמוזט באַמערקן. ער איז געווען דין און שמאָל־פּלייציק, מיט אַ הויכן לומדישן שטערן, מיט אַ געל־גאָלדיק צוגעשוירן בערדל, און פון די באַגילדעטע ברילן האָבן אַרויסגעקוקט קלוגע, ערנסטע און שטרענגע אויגן.

דער זיידע משה (מאָיסיי) לאַזעבניקאָוו איז געווען איינער פון די אונטערנעמערס ביים בויען און שאַפן דעם באַרימטן אָדעסער "פּאַסאַזש" — אַ קאָמפּלעקס פון בנינים, באַדעקט פון אַ פּילקאָלירטן גלעזערנעם דאַך, מיט פאַרנעמיקע געשעפטן און מאַגאַזינען וועלכע האָבן צוגעשטעלט אימפּאָרטירטע יוועליר, פאָרצעליי און קונסט־מערקווירדיקייטן און בכלל אַרטיקלען פון קוואַליפיצירטע מייסטערס...

דער זיידע מיט זיין משפּחה האָבן באַוווינט אַ רחבותדיקע דירה אויף איינער פון די הויפּטגאַסן, מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג צו זיין ביוראָ, ווו ער האָט אויפגענומען געשעפטלעך ייִדישע און ניט־ייִדישע באַזוכערס. אָבער אין אַ פרייער שעה איז ער געזעסן פאַרמוטשט איבער אַ גמרא...

איין מאָל אין וואָך האָט זיך דער זיידע, משה, אָראָפּגעכאַפּט אויף דער מאָלדאַוואַנקע זיך צו זען מיט די אייניקלעך. דער עיקר צו פאַרהערן חיימלען אין דער סדרה פון דער וואָך, אין אַ קאַפּיטל פון תּנ״ך, און בכלל אַ "טאַפּ טאָן זיין ייִדישן דופק", ווי ער האָט ליב געהאַט זיך אויסצודריקן. אָט דער פאַרהער איז פאַרן ייִנגל געווען אַן אמתע אָפּקומעניש, ערגער ווי אַן עקזאַמען אין שול, וואָרן דאָרטן האָט מען זיך געקאָנט צוגרייטן, געוווּסט פּינקטלעך דעם טאָג און די שעה. דער זיידע איז אָנגעקומען פּלוצעם, אומגעריכט, פאַרגעסן, אַז צו אַ קינד דאַרף מען אַ מאָל אַ שמייכל טאָן. דערצו איז חיימל געווען אַ ביסל קורצזיכטיק.

אויס שרעק ניט אויסצונעמען ביים שטרענגן זיידן האָט ער זיך געוואָרפן, ווי אַ ווערעמקע, אויף די שורות, אויף די אותיות, און ער איז אָפּט אַראָפּ פון דרך. דער זיידע האָט געשאָקלט אומצופרידן מיטן קאָפּ, און פאַר אַלע טעותים, וואָס דער קליינער האָט געמאַכט, האָט ער באַשולדיקט די מלמדים, די לערערס, די גאַנצע שול...

נאָכן פאַרהערן, האָט זיך דער זיידע אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הייך, אָפּגעמאָסטן דאָס יִינגל פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט: "ווי קומט עס צו אים "אַזאַ" אייניקל?" דערנאָך האָט ער אַ שפּאַן געטאָן איבער די צימערן און איז געבליבן שטיין פאַר דער שנור.

— וואָס זאָגט איר, שוער, אויף אונדזער חיימלען? — איז די שנור, טשאַרנע, אים פאַרלאָפן דעם וועג: — וואָס זאָל איך דיר זאָגן? אויב זאָגן, וואָלט איך געדאַרפט זאָגן זיינע מלמדים! — ער איז פון דעסטוועגן צוגעגאַנגען נאָך אַ מאָל צום נאָך אַלץ דערשראָקענעם אייניקל, אַרויסגענומען פון בייטל אַ רובל און אים דערלאַנגט: — נאַ, חיימל, וועסט זיך צעטיילן מיט דבורהלען, — און זיך אומגעקערט צו דער שנור, איר איבערגעלאָזן זיין צושטייער פאַר דער וואָך, אַ קוש געטאָן ס׳מיידעלע, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי דער מאַמעס פאַרטעך, און אויב ער האָט זיך צופעליק אָנגעטראָפן מיטן צווייטן זיידן, דאָס הייסט, מיט זיין מחותן, דוד־לייב, האָט ער אים אויסגעשטרעקט צוויי קאַלטע פינגער, האַלב תמעוואַטע אַ שמייכל געטאָן און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר...

ניט אומזיסט איז דער זיידע משה געווען אַ מר־נפש. ער האָט ניט געהאַט קיין מזל צו זיינע קינדער. דער בכור, יעקב, חיימלס טאַטע, איז יונג געגאַנגען פון דער וועלט פון אַ האַרצפעלער, וואָס מ׳האָט נאָך, אין יענע צייטן, ניט געוווסט ווי צו היילן. מאיר האָט צוליבן פּריזיוו געמוזט אָפּציען קיין אַמעריקע. און אַ בריוול פון אים איז אָנגעקומען מיט קריעת־ים סוף; מענדל איז געפאַלן אינעם יאַפּאַנישן קריג. פון פּיניען האָט ער יאָ געקאָנט האָבן נחת. ער איז געווען אַ שטילער, בנעימותדיקער בחור. ער האָט גענענדיקט הצלחהדיק די רעאַלשול, האָט חתונה געהאַט מיט אַ פיין מיידל, וואָס האָט געשטאַמט פון די ווייטע גובערניעס. זי איז אָבער באַשטאַנען מ׳זאָל אַריבערפאָרן צו אירע עלטערן און זיך דאָרטן

באַזעצן, מחמת איר פֿאָטער האָט געפֿירט גרויסע געשעפֿטן, און אַ געהויבענע שטעלע האָט געוואַרט אויף פֿיניען.

נאָך אַ גרויס אומגליק האָט דעם זיידן געטראָפֿן. זיין באַליבטע טאָכטער, עלקע, אַ גרויסע יפֿת־תּואר, אַ טאַלענטירטע פּיאַניסטין און בכלל אַ געראָטענער מענטש, האָט געקראָגן שווינדזוכט און נאָך אַ יאָר מאַטערנישן, פֿאַרמאַכט אירע שיינע אויגן אויף אייביק, איבערלאָזנדיק אַ פּיצל יינגעלע יאַקי־מענדעלע, אַ נאָמען נאָך די צוויי אומגעקומענע פֿעטערס...

ווען מ׳האָט אַ מאָל געפֿרעגט חיימלען וועלכן זיידן ער האָט מער ליב, האָט ער ניט טראַכטנדיק לאַנג געענטפֿערט: „ביידע!" אָבער טיף אין זיך, האָט ער געהאַט אַ גרויס מיטלייד און אויך אַ ביסעלע מורא פֿאַרן זיידן משה, אָבער ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן — האָט ער דעם זיידן דוד־לייב!...

אינהאַלט

מיניאַטורן

די יונגע מאַמע 11
דער דיכטער און די סאַבראַ 12
"דער טאַנץ אַרום דעם עגל" 14
דער סוד פון שפּיגל 16
אַ דיסקוסיע מיט אַ פּראָפעסאָר 18
אַ לערערס טרייסט 21
און די מוטער רחל האָט געוויינט 24
נישט אָפּצושאַצן 25
כּיבוד אם 26
אין זכות פון יידישן וואָרט 29
אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט 32
מענטשן, וואָס ווילן ניט אַלט ווערן 33
דער רעוועריענד 34
דאָס צאָל איך צינזן דעם גוייִשן גאָט 37
דער וויכּוח 39
דער רויטער אכזר 42
אסתּר רחלס דריי שונאים 43
אָלינקע 44
די אַלטע און דער פּאַפּוגיי 46
עלעאָנאָר 48
צוויי לערערינס 51
דער "אייביקער סטודענט" 53
אַ שנירל פּערל 55
צוויי מעשׂענע לייכטערלעך 57
"ניי־יאָר ווינטשעוואַניעס" 60
אין אויטאָבוס 61
אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל 65
"שוואַרצע קולטור" 67
איבערגעבויגן דעם שטעקן 69
דודל 70
דריי האָבן זיך געאײַלט 73
דער זקן און די קינדער 74
ביים ברעג ים 76
אַלבערט 77
אַ פרעמדער אין שטאָט 81
אַ פאַרמוטשטע סטודענטקע 82
גורל 83
רייזל 85
דער זיידע און די אייניקלעך 87
אין עלעווייטער 98
מתּנות ווי אַ סגולה 91
אין דער פרעמד 92
באַרגעמענטשן 93
צווישן הימל און מדבר 95
איגאָר 97
מיניאָן 100
אַן אוהב־ישׂראל 102
בענקשאַפט 104
שאַך־מאַט 105
צוויי יינגלעך און אַ פרעמדער מאַן 114
אַ פאַרמערל 109
אַ מיידל ביים ים 111
דער אַלטער מאַן 114
דאָס קינד אין בעטעלע 114
וועגן זונגלעזער און נאָך עפּעס 115
מאַ, ווען וועט די זון אונדז מיטנעמען אין איר גאָלדענעם לאַנד? 118
אַ באַגעגעניש 120
אַבראַשאַ 122
"אַלטע פריינד" 124
אַ קינסטלערין אין איר אייגענעם פעלד 125
פעליציאַ 127
מינעט און נאָנעט 128
ד"ר האָפמאַנס לעצטע ליבע 129
די אייביקע פראַגע 131
די דריי שול־חברטעס 132
אונטער דער אַלטער לבנה 136
צוויי לאהס און אַ מאַן 139
די יונגע קינסטלערין 142
פון אַ בריוו 144
צו גאַסט ביי פריינד 148
אין אַ ווינטערדיקן טאָג 149
פאַן קאָלסקי און דער ייִד 149
דאָס פאַרשעמטע בוך 152
אין אַ נאַכטקלוב 153
דער צלם 154
ביי דער מצבה 155
דער אָפּרוף איז ניט געקומען 156
דער כּוח פון אַ נאָמען 158
דער אַרענדאַר 160
חסידישע מיניאַטורן 162
ספרים אין אַלמער 166

דער אומענדלעכער וויכוח 167
"דער פידל אויפן דאַך" 168
קהת 169
אַ ייִנגעלע ביים ברעג ים 171
היימישע בעלי־חי 174
הינטישע תּקיפות 175
די פרוי און דאָס העזעלע 176
פערדלעך 177
טויבן 179
שפערלעך 180
טויבן 179
זיין מאַיעסטעט — דער לייב 180
דער שטרויספויגל 181
דער זשיראַף 182
הענערקאַמף 183
די טערקלטויב 184
אַ פויגל — אַ דיכטער! 186
פעליקאַנען 187
דער אַלעאַנדער־קוסט 188
אין רעגן דיקע טעג 190
לאָמיר דערוויל מעיין־זיין אין אַ
ספר 191
די יונגע פרוי וואָס וויינט אין קישן 193
דער בעל־טובה 194

דערציילונגען

אין אַ קליניק 201
דער גמרא־ייִד 206
די ערשטע געסט 210
דבורהלע 213
ביי אַ משפּחה־צוזאַמענטרעף 213
"לייג די ציין אויף דער פּאָליצע" 223
דאָס בריקל 231
דאָס שניידערל 233
אַן אורח אויף שבת 236
אַ שמעק טאַבאַק 238
"דער אַפּיקורס" 241
צוויי משיחים 244
דריי עקשנים 246
ר׳ שלמה וויטעס 249
סולטאַן 253
דער מאָדנער בעקער 256
איין מאָל אין אַן אָוונט 260
צוויי זיידעס 264

פונעם זעלביקן מחבר:

״צו דער זון״, פאַרלאַג ״קולטור־ליגע״ (קינדער מעשיות), וואַרשע, 1932
״אַ חתונה אויפן באַרג לבנון״ (דערציילונגען), פאַרלאַג ייִד־בוך, בוענאָס־איירעס, 1958
״אויסגעוואָרצלטע מענטשן״ (דערציילונגען), פאַרלאַג ניי־לעבן, ישראל, 1965
״אין שטענדיקן געראַנגל״ (נאָוועלע), פאַרלאַג ניי־לעבן, ישראל, 1970
״אַ נאַכט אויפן ים־כּנרת״, פאַרלאַג ניי־לעבן, 1980
״פערציק יאָר ייִוואָ־געזעלשאַפט אין גרויס מיאַמי״, ניו־יאָרק, 1986
״אין בענקשאַפט נאָך אַ מענטשן״, פאַרלאַג י. ל. פרץ, ישראל 1989